STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03399

AGODES FUN TALMUD UN MEDRESH FAR SHUL UN HOYZ

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אגדות

פון

תלמוד און מדרש

פאר שול און הויז

געקליבן און כראָנאָלאָגיש צוזאַמענגעשטעלט

פון

מרדכי מישקין

(ב. פרנס)

HEBREW PUBLISHING CO.

632 BROADWAY NEW YORK

1935

Printed in the United States of America

COPYRIGHT, 1932
BY THE STAR HEBREW BOOK CO.
NEW YORK, N. Y.

פאָרוואָרט.

„אגדות פון תלמוד און מדרש“ — דאָס זיינען ליבע און טייערע אוצרות וואָס אונזער פאָלק פאַרמאָגט, ווייל פול מיט קראפט און זאפט און אייביקן יוגנטלאכן חן זיינען די דאָזיקע לעגענדעס, משלים און מעשה׳לאך, וואָס אונזערע חז״ל האָבן אונז איבערגעלאָזט א טייערע ירושה פאר דור דורות. זיי ווערן דערציילט איינפאך און אומשולדיק, אבער גראד אין דיזער איינפאכקייט ליגט דער צויבער פון זייער אמת׳ער גרויסקייט.

אין די לעגענדעס און מעשה׳לאך ליגט טיף באַהאַלטן א מוסר און א לערע, ווי צו פירן זיך אויף דער וועלט און ווי צו גע־ניסן פון א ריינעם און ערהאבענעם לעבן.

און אָט אין דיזע אייגנשאפטן פון די לעגענדעס ליגט דער סוד פון זייער אייביקן ווערט אלס קלאַסישע הייליקע ספרים פון אונזער פאָלק.

די אגדות זיינען גרויסע לערע־ספרים פאר דעם גאנצן פאָלק. זיי זיינען געצילט פאר׳ן איינפאַכן אידן ווי פאר דעם למדן; צו די אגדות דארף מען ניט באַזיצן קיין שארפן מח, מען דארף נישט לערנען די מעשה׳לע פון דער אגדה אלס א משל אָדער רעטעניש, צו וועלכע מען דארף דערנאָך טרעפן דעם נמשל. דאָס איז נישט נויטיק! מען דארף נאָר הערן די מעשה׳לע אָדער משל — און דער פארבאַהאַלטענער מעדיצין וועט שוין פון זיך אליין, אומבאַוואוסטזיניק, אויסאיבן זיין ווירקונג. די הויכע געדאנקען און טיפזיניקע אידייען זיינען איינגעפלאַכטן אין דעם מיטן פון די האַרציקע לעגענדעס; דער אידישער פאָלקס־גייסט, זיין לעבנס־

אנשויאונג, זיין ראפינירטער כאראקטער, זיינע אידעלע מדות און זיינע אינדיווידועלע אייגנארטיקייטן, זיינען איינגעזאפּט, איינגעקנאָטן און פארקערפּערט אין יעדן אמת׳ן אָדער לעגענ־דארן פאָלקס-העלד, וועמען די לעגענדע שטעלט ארוים פאר א מוסטער מיט זיינע מעשים.

אויב אָבער פאר דערוואקסענע זיינען די אגדות אנגענעמע לעזע-ביכער, זיינען זיי פאר אונזערע אידישע קינדער ממש א נויטווענדיקער גייסטיקער שפּייז.

תמימות׳קייט און נאַאיווקייט — דאָס זיינען דאָך קינדער־שע אייגנשאפטן און די אגדות זיינען דאָך ביכער פון זייער וועלט!

דאָס קינד דארף גאָר ניט וויסן, אז מען מיינט מיט דער מעשה׳לע א מוסר אָדער לערע. זיי דארפן פאר אים זיין בלויז שיינע געשיכטעלאך פון פאנטאַסטישע העלדן, גרויסמוטיקע מענטשן, וועלכע האָבן געדיינקט און געלעבט אזוי קינ־דיש, ווי זיי — די קינדער — איצט. אָבער אומבאוואוסטזיניק טוען די אגדות דאָך זייער אויפגאבע. זיי אײדלען דאָס קינדערשע הארץ, פלאנצן אין אים איין גוטע מדות און מאכן פאר אים טייער דעם אידישן עבר און פארבינדן אים מיט דעם אי־דישן עתיד.

די אגדות ווערן איבערגעגעבן קלאָר און איינפאך, מיט דער גאנצער פארבאהאלטענער שטארקייט, וואס זאָל אפּעלירן צום קינדערשן מח׳ל און הערצל. און אום אָט איינצוהאלטן דעם דאָ־זיקן כח איז געווען די הויפּט אויפגאבע, וואס דער שרייבער פון דיזע שורות האָט זיך געשטעלט ביים אויפשטעלן דעם בוך.

און איך האב געהאט א שווערע אויפגאבע. איך האב זיך מערסטנס געהאלטן ביי די הויפּט-ליניען פון דעם „ספר האגדה“

פון ביאַליק און ראַווניצקי, אויך ביים זעלבן כראָנאָלאָגישן סדר פון דער אידישער געשיכטע, אבער די שוועריקייט איז באשטאַנען ביים איבערזעצן די אגדות זיי זאָלן זיין פארשטענדלאך פאר׳ן קינד (און נאָך פאר׳ן אמעריקאנעם אידישן קינד) און גלייכצייטיק איינצוהיטן דעם פרימיטיוו-קלאַסישן פאָרם און סטיל.

די ספרי אגדה וואס מיר פאַרמאָגן ביז איצט אין אידיש (ביאַליק׳ס „די אידישע אגדות“ אריינגערעכנט) זיינען געמאכט געוואָרן פאר דעם אייראָפּייאישן אידן, דעם למדן און משכיל פון אלטן אידישן חדר. אום צו פארשטיין די אגדות האָט מען געמוזט אין דער יוגנט זיין דורכגעדרונגען אָדער כאָטש נאָענט מיט תורה און נביאים און קענען פארשטיין דעם תלמוד פון אָריגינאַל.

מערסטענס אבער פון אונזערע קינדער דאָ ביי אונז אין לאנד דערגרייכן ליידער ניט מיט זייערע אידישע למודים דעם תלמוד. דער גייסט פון די אידישע חכמים זיינען פאר דיזע תלמידים א רעטעניש, און נאָר די אגדה אין איר איינגעהיטענעם פאָרם קען זיי געבן א באגריף פון אונזערע פאָלקס-לערער, די חז״ל, און פון אונזער גרויסע׳ פארגאנגענהייט.

אינהאלט:

זייט

די באשאפונג פון דער וועלט

די שיינע וועלט — 11
אלץ אין הארמאָניע — 11
די געבורט פון אָדם וחוה — 12
דער שלאנג — 14
קין און הבל — 15
נח און דער מבול — 18

אברהם אבינו

אברהם׳ס געבורט — 19
אברהם זוכט גאָט — 20
אברהם לאַכט פון די אָפּגעטער — 20
אברהם ווערט א גלח — 22
אברהם פאר דעם קעניג נמרוד — 23

די פארדאָרבנהייט פון סדום און עמורה

ווי צו באקומען דאָס געלט פון רייכע — 24
סדום׳ס „גערעכטיקייט" — 25
סדום׳ס „גאסטפריינטלאכקייט" 26
שטראָף פאר בארעמהערציקייט — 26

עקדת יצחק

אברהם שטייט ביי דעם נסיון — 28
דעם שטנ׳ס מעשים — 29
שרה׳ס טויט — 30

יעקב אין מצרים

יוסף אלס משנה למלך — 31
ביי יעקב׳ס קבורה — 33
צוריקוועגס קיין מצרים — 34

זייט

די אידן אין מצרים

די גזירה פון וואַסער — 35
די גזירה פון ליים און ציגל — 35

משה רבינו

משה׳ס עלטערן — 37
משה׳ס געבורט — 38
משה העלפט זיינע ברידער — 39
משה׳ס עצה צו פרעה׳ן — 40
ווי משה איז אנטלאָפן — 40
משה׳ס גוטע הארץ — 42
דער ברענענדיקער דאָרנבוים — 43
די אָפּשטאמונג פון משה׳ס שטעקן 43
משה ואהרן פאר פרעה׳ן — 44

יציאת מצרים

צו וואָס דאָס איז געגליכן — 47
ווען׳ס שמחה איז געווען גרעסער 48
די שבועה פון יוסף הצדיק — 48
די אידן ביים ברעג פון ים — 49
ווען די מצריים זיינען געווען אין מיטן ים — 50
די שירה ביים ים — 51

אין מדבר

דער מן — 52
מתן תורה — 52
די זינד פון עגל — 53
משה׳ס בקשה פאר גאָט — 54
קריג־וואַסער — 56
משה׳ס געשטאַלט — 58
אהרן׳ס פערזענלאכקייט — 60
אהרן׳ס טויט — 61

דער ריז עוג מלך הבשן — 63
פון עוג'ס קנאָכן — 64
די פערציק יאָר אין מדבר — 64
משה'ס טויט — 65

דוד המלך

דער געטרייער פאסטוך — 68
דוד'ס פידל — 70
דוד'ס טויט — 71

שלמה המלך

שלמה'ס קלוגשאפט — 72
די גרויסקייט פון שלמה'ן — 72
די דריי רייזנדע — 73
טויטע אויף תכריכים — 75
שלמה'ס שטול — 76

שלמה המלך און די מלכה שבא

דער בריוו דורך די פויגלען — 78
די מלכת שבא פאר דעם קעניג שלמה — 81
שלמה המלך און דער אשמדי — 83
דער כח פון אשמדי — 89
דער צוויי־קעפּיקער מענטש — 90
שלמה המלך'ס טאָכטער און איר באשערטער — 93
יונה הנביא אין פיש — 96

דער חורבן פון ערשטן בית־המקדש

דער טויט פון די כהנים — 100
צדקיהו המלך — 101
דער נביא ירמיה — 102
ירמיה'ס קלאָג־רייד פון חורבן — 103
די אבות פון די קברים — 104

אלכסנדר מוקדון

דאָס שטיק פלייש און דער אָדלער 108
דער טאָג פון הר גריזים — 109
אלכסנדר לערנט חכמה פון פרויען 110
צוליב'ן זכות פון שאָף — 111

די אידן אונטער דעם גריכישן יאָך

דער נס — 114
חנה און אירע זיבן זין — 114
דריי צייכנס פון חכמה — 118
קלוגע ענטפערס — 121
דער בלינדער קנעכט — 123
אידן נאַרט מען ניט — 125
נקדימון בן גוריון — 126

אין דער צייט פון די חשמונאים

ינאי המלך — 129
דער מלך פאר א משפט — 131
א הייליקע טאַט פון ר' שמעון בן שטח — 132
הורדוס — 133

חוני המעגל

חוני המעגל און דער רעגן — 136
דער זיבעציק־יאָריקער שלאָף — 138
חוני המעגל'ס אייניקל — 140
חנן דער באהאלטענער — 143

הלל הזקן

הלל'ס ליבשאפט צו תורה — 145
הלל'ס באשיידנהייט — 146
די גאנצע תורה אויף איין פוס — 149

רבי יוחנן בן זכאי

זיינע רייד פאר'ן טויט — 150
וועלכע רייד טרייסטן — 151

רבי חנינא בן דוסא

דער נס מיט די חלות — 154
דאָס גאָלד פון עולם הבא — 155
אז גאָט וויל קען עסיק ברענען — 156
ציגן וואָס קומען פון הינער — 157
שטארקער פון שלאנג — 158
ר' חנינא און דער לייב — 159

זייט

װען א תפלה װערט אָנגענומען פון גאָט — 159
דער אײזל פון א צדיק — 160
א גוטע זאך קען ניט ברײנגען קײן שלעכטס — 161

חורבן ירושלים

װאָס עס האָט געבראכט צום חורבן 163
קמצא ובר קמצא — 164
די מלחמה און דער הונגער — 166
דער אױפטו פון רבי יוחנן בן זכאי — 168
טיטוס הרשע — 171
דער חורבן פון טור מלכא — 172
דער העלדישער קאמף און דער פאַל פון ביתר — 174
דער חורבן פון ביתר — 178
קיסר אדריינוס און זײנע גרױסע רשעות — 178
די טראגעדיע פון ברודער און שװעסטער — 179
די טאָכטער פון נקדימון בן גוריון — 180
טרײסט־רײד — 182
צופיל טרױערן איז אױך ניט גוט 184

רבן גמליאל הנשיא

דער בעל הבית אלײן באדינט געסט 186
קללות װאָס מײנען ברכות — 187
די קלוגע פרינצעסן — 188

רבי אליעזר בן הורקנוס

דער גרױסער װילן צו תורה — 190
זײן גרױסקײט און זײן פאָטער'ס נחת — 192
די מחלוקת צװישען די חכמים — 195

רבי יהושע בן חנניה

גוטער װײן אין א מאוסער כלי 197
דער קלײנער געפאנגענער — 198
דרײ חכמות האָבן אים באזיגט — 199
אכטן און היטן — 201
אַ מענטש אױף דער עלטער — 202

זייט

נחום איש גם זו

זײן אײגענער פסק דין — 203
דאָס איז אױך צו גוטן — 204

רבי טרפון

ער האָט גלײך מוחל געװען — 207
װי אײנצוקױפן אײביקע שטעט 208
װאָס מײנט כבוד אם — 209

רבי עקיבא

ער און זײן פרױ רחל — 210
ער לאָזט זיך אין דער פרעמד לערנען תורה — 211
לערנט נאָך צװעלף יאָר — 212
ער קומט אַהײם — 213
פון װאָס ער איז רײך געװאָרן — 214
צדקה רעטעט פון טױט — 218
ר' עקיבא און טורנוסרופוס — 219
ר' עקיבא'ס טױט — 223

רבי מאיר

קינדער איז איבריק צו פארזאָרגן 224
רבי מאיר און זײן רבי „אחר" 227
אחר'ס זינד — 228
אחר'ס טױט — 231
צוליב „שלום בית" — 232
דער רשע פאלט ארײן — 233
דער ברודער „כי טוב" — 235
ר' מאיר'ס פרױ ברוריה — 237

ר' שמעון בן יוחאי

אײן מױל איז גענוג — 240
ער באפרײט די אידן פון אַ גזרה 240
אין געיעג נאָך גאָלד — 243

רבי שמעון בן יוחאי און זײן זון אלעזר

זײ באַהאַלטן זיך אין אַ הײל — 244
דער איבערגאנג פון אַ גײסטיקע אין אן אײנפאכע װעלט — 246
דער פאַרשטעלטער אַלטער — 248

זייט

רבי פנחס בן יאיר

פאסירונגען אין וועג — — — 250
די בהמה פון א צדיק — — — 251
ביי ווענען מען טאָר ניט עסן — 252

רבי יהודה הנשיא

דער ערשטער נס — — — — 255
רבי און אנטאָנינוס — — — — 256
וועלכע מתנה איז טייערער — — 259
רבי'ס קעסט קינדער — — — 261
צער בעלי חיים — — — — — 262
דער טויט פון רבי הקדוש — — 264

רבי חיא

אַ מיטל ווי איינצוהיטן די תורה 267
דער מזל דרייט זיך — — — — 268

רבי יוחנן און רבי שמעון בן לקיש

תורה איז טייערער — — — 269
ריש לקיש'ס גבורה — — — 270
ריש לקיש'ס לעבנס-געשיכטע — 271
דער לייב פון בבל — — — — 272

זייט

אגדות וועגן גוטע מדות

מר עוקבא דער גרויסער בעל-צדקה — — — — — — — 276
דער שכר פון צדקה — — — 278
זיך פאַראַרימט צוליב צדקה — 282
צדקה האלט איין רייכקייט — — 286
אן אמת'ע שטאַט — — — — 291
אַ קלוגע אָדער פאלשע עצה — 293
אן עצה צו א שלעכטע ווייב — 294

כבוד אב ואם

ווי ווייט דאַרף דערגרייכן די מצוה פון כבוד אָב ואם — — — 295
כבוד אָב ואם דאַרף זיין מיט ליבע 296

ליבע און רחמנות

די צוויי ברידער — — — — 299
אויסגערעכנט אין גוטן זייט — 301

שווייגן אָדער ריידן

טויט און לעבן ליגט אין מענשנ'ס צונג — — — — — — 305
טויט און לעבן הייגנט אָפּ פון צונג — — — — — — 306
שבועה, דער כח פון א שבועה — 309
רעספעקט און געדולד — — — 318
מסירה (פאַראַט) — — — — 317

די באשאַפונג פון דער וועלט

א.

די שיינע וועלט.

איידער גאָט האָט באשאפן דיזע וועלט, האָט ער פריער אַנ־דערע וועלטן באשאפן און זיי אומגעבראכט, ווידער באַשאַפן און ווידער אומגעבראכט, ביז ער האָט דיזע וועלט געמאכט און געזאָגט:

— וועלט מיינע, וועלט מיינע! דו געפעלסט מיר! הלואי זאָלסטו מיר שטענדיק זיין ליב ווי אין איצטיקן מאָמענט.

צום לעצטן האָט גאָט באשאפן דעם מענטשן, אדם. האָט אים גאָט אריינגעפירט אין גן־עדן, אים געוויזן אלע בוימער, און צו אים געזאָגט:

— זע, אָדם, מיין באשאפונג, ווי שיין און פראכטפול אלעס איז ארום! דאָס איז אלץ פון דיינטוועגן. זע, היט אלעס אָפּ! היט זיך אויס פון צו זינדיקן, כדי דו זאלסט נישט אומברייננגען מיט דיינע שלעכטע מעשים מיין וועלט; ווארום טאָמער וועסטו עפּעס פארדארבן — איז פארפאלן, און קיינער וועט נישט קע־נען פארריכטן.

ב.

אלץ אין הארמאָניע, אלץ מיט נוצן.

אַלע גאָטס באשעפענישן ברייננגען נוצן אויף דער וועלט. אפילו דאס קלענסטע פליגעלע, האָט אויך איר אויפגאבע צווישן

די באשעפענישן. דורך אלעמען פירט גאָט אוים א געוויסע שליחות און אלע טוען זיין ווילן.

די זון מיט דער לבנה זיינען אָנפאנגס אין איין גרוים באַשאַפן געוואָרן, און ביידע האָבן געלויכטן אין א גלייכע מאָס. איז געקומען די לבנה מיט א טענה פאר גאָט:

— רבונו של עולם! איז דען געגוג איין קרוין פאר צוויי קעניגן?

האָט איר גאָט געענטפערט:

— גיי־זשע און ווער קלענער.

— האר פון דער וועלט! — האָט זי געגומען טענה'ן פאר גאָט — צי דערפאר וואס איך האב פאר דיר געזאָגט א ריכטיקע זאך קומט מיר קלענער ווערן?

— דערפאר וועל איך דיר צוגעבן שטערן — האָט גאט געזאָגט — און דו וועסט אויך געוועלטיקן ביי־טאָג און ביינאַכט.

— אָבער וואס טויג מיר קעניגן בייטאָג? — איז די לבנה אלץ ניט געבליבן צופרידן — וואס פאר א באטרעף האָט עס די באלייכטונג פון א ליכטל אינמיטן העלן טאָג?

— גיי און טו ווי איך האָב דיר געהייסן — האָט איר גאָט געזאָגט — און דערפאר וועלן אידן ציילן נאָך דיר זייערע טעג און יאָרן.

ג.

דער געבורט פון אָדם וחוה.

צוועלף שעה האָט זיך געצויגן יענער טאָג, ווען אָדם איז באשאפן געוואָרן:

אין דער ערשטער שטונדע איז געזאמלט געוואָרן די ערד, פון וועלכע ער האָט געדארפט באשאפן ווערן; די צווייטע שטונ־

דע איז פארטיק געוואָרן זיין קערפער; די דריטע שטונדע זיינען ארוים זיינע גלידער; די פערטע — איז אין אים אריין א נשמה; די פינפטע — האָט ער זיך געשטעלט אויף די פיס; די זעקסטע — האָט ער געגעבן נעמען צו אלע לעבעדיקע באשעפענישן; די זיבעטע — האָט ער באקומען חוה׳ן פאר א פרוי; די אכטע — האָבן זיי געהאט צוויי קינדער; די ניינטע — איז ער פארזאָגט געוואָרן ניט צו עסן פון עץ הדעת; די צענטע — האָט ער גע־זינדיקט; די עלפטע — איז ער פאר׳משפט געוואָרן; די צוועלפ־טע — איז ער פארטריבן געוואָרן פון גן עדן.

חוה׳ן, אדמ׳ס ווייב, האָט גאָט באשאפן פון אדמ׳ס ריפ, און ניט פון קיין אנדער אבר, נאָכדעם ווי ער האָט באטראכט אלע גלידער און ניט געוואָלט פון זיי באשאפן.

גאָט האָט אזוי געזאָגט:

— איך וועל איר נישט באַשאַפן פון קאָפּ — זי זאָל זיך נישט האַלטן גרוים און פארייסן דעם קאָפּ; נישט פון אויג — זי זאָל נישט ליב האָבן אלץ נאָכקוקן; נישט פון אויער — זי זאָל נישט וועלן אלעס אונטערהערן; נישט פון מויל — זי זאל נישט זיין קיין פלאפלערין; נישט פון הארץ — זי זאל נישט פארמאָגן צופיל קנאה; נישט פון האנט — זי זאָל נישט אָנרירן יענעמס; נישט פון פוס — זי זאָל נישט זיין קיין לויפערן; נאָר פון ריפּ, וואָס איז א פארבאהאלטענער גליד אינ׳ם מענטשן, כדי זי זאל זיין פרום און באשיידן.

און דאָך האָט גאָט געזאָגט, אז זיין עצה האָט ניט געהאָלפן, און אלע דערמאנטע פעלערן געפינט מען ביי דער פרוי.

ד.

דער שלאנג און דער ערשטער חטא (זינד).

אָדם און חוה זיינען געזעסן אין גן־עדן און די מלאכים פלעגן פאר זיי בראָטן פלייש און אויסזייען וויין. האָט עס געזען דער שלאנג, און האָט שטארק מקנא געווען זייער וואוילטאָג.

האָט דער שלאנג ביי זיך געטראכט: אויב איך וועל גיין און זאָגן אדמ'ן, — ווייס איך גוט, אז ער וועט מיך ניט הערן. א מאנסביל איז שווער איבערצורעדן; וועל איך בעסער ריידן מיט חוה'ן, און זי וועט מיך געווים פאָלגן, ווייל פרויען איז לייכט איבערצורעדן.

איז ער געקומען צו חוה'ן און אָנגעהויבן אָנריידן אָנפאנגס אויף גאָט, כביכול, אליין:

— ווייסטו, פארוואס גאָט האָט אייך פאַרבאָטן עסן פון דעם „עץ הדעת״? — האָט ער געזאָגט — ווייל ער, גאָט, האָט אליין פון דעם בוים געגעסן, און באשאפן די וועלט. איצט, אז איר וועט עסן פון בוים, וועט איר אויך נאָך באשאפן וועלטן, וויל עם דעריבער גאָט ניט ליידן.

— אויך — האָט דער שלאנג ווייטער גערעדט — אלעס וואָס איז באשאפן געוואָרן שפעטער, געוועלטיקט איבער דאָס פריער באשאפענע. דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן צום סוף, געוועלטיקט ער איבער אלעס; טאָ כאפט אריין און עסט פון עץ הדעת, איידער גאָט וועט באשאפן נייע וועלטן, וועלכע וועלן געוועלטיקן איבער אייך.

און אזוי ריידנדיק, איז דער שלאנג צוגעטראָטן צום בוים און אים א טרייסל געטאָן, און דערביי געזאָגט צו חוה'ן:

— זעסטו, אַט האָב איך דעם בוים אָנגערירט און ניט גע־שטאָרבן; מעגסטו אים אויך אָנרירן — און עס וועט דיר גאָר נישט שאדן.

און ער האָט איר א שטויס געטאָן און זי האָט זיך אָנגע־רירט אָן בוים. האָט זי גלייך דערזען דעם מלאך המות און אויס־געשריען פון שרעק:

— ווייז איז מיר! איצט וועל איך שטאַרבן, און גאָט וועט באַשאַפן אַן אַנדער פרוי און געבן אדמ'ן.

האָט זי גלייך געכאַפּט פון דעם עץ־הדעת א שטיינגל טרויבן, אויסגעדריקט פון זיי דעם זאַפט און געגעבן אָדמ'ן:

— נעם, טרינק, — האָט זי צו אים געזאָגט — וואס דיינקסטו, אז איך וועל שטארבן און אַן אנדערע חוה, אַ בעסערע, וועט פאר דיר באַשאַפן ווערן? — „ניטאָ קיין נייעס אונטער דער זון" און דו וועסט קיין בעסערע נישט געפינען.

און אזוי איז זי צו אים צוגעשטאַנען, ביז ער האָט איר נאָכ־געגעבן און געגעסן פון עץ הדעת.

ה.

קין און הבל.

קין האָט געזאָגט צו זיין ברודער הבל:

— קום, לאָמיר זיך צעטיילן מיט דער וועלט.

— גוט, איך בין גרייט. — האָט הבל געענטפערט.

האָט הבל גענומען די שאָף און קין — די ערד, און זיי האָבן

אָפּגעמאכט, אז איינער האָט אויפ׳ן אנדערן קיין שום טענה ניט.

איז הבל ארום פּאשען די שאָף, איז קין אָנגעקומען און צו אים געזאָגט:

— הער, ברודער, די ערד, אויף וועלכע דו שטייסט, — געהערט צו מיר.

האָט אים הבל געענטפערט:

— אָט די וואָל, אין וואָס דו ביסט אָנגעקליידעט, איז מיינע.

האָבן זיי זיך אָנגעהויבן קריגן; איינער שרייט: „טו זיך אויס,״ דער אנדערער: „פלי אין דער לופטן״, און אזוי האבן זיי זיך אָנגעהויבן שלאָגן.

איז הבל אנטלאָפן, און קין האָט אים נאָכגעיאָגט פון בארג צו טאָל, פון טאָל צו באַרג, ביז ער האָט אים געכאפּט, און זיי האָבן ווידער זיך אָנגעהויבן שלאָגן. האָט אבער הבל איבערגעשטארקט קינ׳ען, און אים אונטערגעוואָרפן אונטער זיך, האָט זיך קין אָנגעהויבן צו בעטן:

— ברודער הבל! מיר זיינען נאָר צוויי אויף דער וועלט. וואס וועסטו זאָגן דעם טאַטן?

האָט הבל אויף אים רחמנות געהאט און אָפּגעלאָזט. ווי נאָר קין איז געוואָרן פריי, איז ער צוריק באפאלן הבל׳ען און אים אָנגעפאנגען שלאָגן מיט א שטיין, צעקיילט און צעביילט זיינע הענט מיט די פיס, ביז ער האָט אים געטראָפן אין קאָפּ און אים דער׳הרג׳עט.

דערזען, אז דער ברודער איז טויט, האָט קין געזאָגט צו זיך:

— איצט דארף איך גלייך אנטלויפן פון מיין פאטער און מוטער, ווייל זיי וועלן פאָדערן הבל׳ען פון מיר, ווייל קיין אנדערער איז אויף דער וועלט ניטאָ. האָט זיך גאָט באוויזן צו קינ׳ען און געזאָגט:

— פון דיינע עלטערן קענסטו אנטלויפן, אבער פאר מיר איז קיין באהעלטעניש ניטאָ. זאג מיר, וואו איז הבל דיין ברו־דער?

— בין איך דען א היטער פון מיין ברודער? — האָט קין געענטפערט — דו ביסט דער היטער פון אלע באשעפענישן, און איצט פאָדערסטו אים פון מיין האנט? דו האָסט געדארפט אים היטן, ווען דו וואלסט צוגענומען פון מיר דעם קרבן, וואלט איך ניט געהאט אַזאַ קנאה אויף אים, און וואָלט אים ניט גע׳הרג׳עט.

— רשע! — האָט אים גאָט געענטפערט — דער קול פון דיין ברודערס בלוט שרייט צו מיר פון דער ערד ארויס.

און גאָט האָט פאַרשאָלטן קין׳ען, און אים פארשיקט ער זאָל אַרומוואַנדערן אַרום דער וועלט!

און הבל איז דערווייל געלעגן אויף דעם אָרט, וואו קין האָט אים גע׳הרג׳עט, און זיין בלוט איז געווען פארשפריצט אויף די בוימער און שטיינער ארום און ארום. דער הונט, וואס האָט גע־היט זיין שאָף, איז געשטאַנען אויף דער וואַך, חיות זאָלן אים ניט פרעסן און פויגלען זאָלן אים ניט פיקן, ביז אדם וחוה זיי־נען געקומען און זיך געזעצט נעבן זייער קינד, אים באוויינט און באקלאָגט.

זיי האָבן אבער ניט געוואוסט וואס צו טאָן מיט זייער טויטן זונ׳ס קערפער. איז געקומען צו פליען א ראָב און גע־בראכט אין מויל נאָך א ראָב א טויטן. ער האָט זיך אראָפּגעלאָזן מיט׳ן טויטן ראָב אויף דער ערד, צעשארט די זאמד, ביז עס איז געוואָרן א גריבל, — און דאָרט באהאלטן זיין טויטן חבר און באשאָטן אים מיט די ערד.

אז אָדם וחוה האָבן דאָס דערזען, האבן זיי אויסגעגראָבן אַ קבר און דאָרט באערדיקט זייער זון הבל.

ז.

נח און דער מבול.

הונדערט און צוואנציק יאָר האָט גאָט געוואָרנט יענעם דור פון מבול זיי זאלן תשובה טאָן, און זיי האָבן ניט געוואָלט הערן, האָט ער געהייסן נח׳ן, ער זאל אָנהויבן בויען א קאסטן.

האָט נח אָנגעהויבן פלאנצן צעדער־בוימער, זיינען געקומען די מענטשן צו אים און געפרעגט:

— צו וואס פלאנצסטו די בוימער?

— גאָט גייט ברענגען א מבול אויף דער וועלט, און ער האָט מיר געהייסן מאכן א קאסטן, איך און מיין פאמיליע זאָלן זיך אין אים רעטן.

האָבן די מענטשן געלאכט און אָפגעשפאָט פון אים. דער־ווייל פלעגט ער באגיסן די בוימער און זיי זיינען געוואקסן. און די מענטשן פון זיין דור פלעגן אים אלץ פרעגן, צו וואס ער טוט עס, און פון אים אָפלאכן.

אין א צייט ארום זיינען די בוימער אויסגעוואקסן און ער האָט זיי אָפגעהאקט, אויסגעאַרבעט, און געמאכט פון זיי אַ קאַסטן, און די מענטשן האָבן אַלץ געלאכט פון אים, און זיך ניט צוגעהערט צו זיינע רייד, ביז גאָט האָט געבראכט אויף זיי דעם מבול.

ווען זיי האָבן געזען, אז די וואסערן פון מבול הויבן זיך און זיי זיינען פארלאָרן, האָבן זיי געוואָלט איבערקערן דעם קאַסטן, האָט גאָט צוגעשיקט לייבן מיט לעמפּערטן, וועלכע האָבן אַרומ־גערינגלט דעם קאַסטן פון אלע זייטן און ניט געלאָזן די מענטשן צוטרעטן.

———:———

אברהם אבינו

א.

אברהם׳ס געבורט.

נאָכדעם ווי אברהם אבינו איז געבאָרן געוואָרן צו זיין פאָ־טער תרח, זיינען די שטערנזעער געקומען צום דאָרטיקן קעניג נמרוד און צו אים געזאָגט:

— ביי תרח׳ן איז געבאָרן געוואָרן א זון, און לויט ווי מיר זעען אין די שטערן, וועט ער אמאָל צעברעכן אלע אונזערע גע־טער און איינגעמען אונזערע לענדער. מיר ראטן דיר דעריבער דו זאָלסט אים טויטן.

האָט נמרוד געשיקט שלוחים צו תרח׳ן, ער זאָל אים ארויס־געבן זיין זון, און דערפאר וועט ער אים געבן פיל גאָלד און זילבער.

האָט תרח געענטפערט די שלוחים, אז זיין זון איז ביי אים טייערער פון דאס גאנצע גאָלד און זילבער אין דער וועלט, און ער וועט אים ניט געבן.

האָט תרח באהאלטן אברהמ׳ן אין א הייל. האָבן זיך אין הייל באלד געעפנט צוויי קוואלן, איינער האָט געפלאָסן מיט האָניג, דער אנדערער — מיט בוימויל, און דאס קינד האָט זיך דערמיט דערנערט.

ב.

אברהם זוכט גאָט.

אז אברהם איז אלט געוואָרן דריי יאָר, איז ער ארויס פון הייל.

איז געקומען דער פרימאָרגן און די זון האָט געשיינט. האָט אברהם געטראכט, אז די זון איז געווים דער גאָט, וואס האָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד. האָט ער א גאנצן טאָג תפלה גע־טאָן צו דער זון. אין אָוונט זעט ער, ווי די זון גייט אונטער און די לבנה גייט אויף, און עס איז געוואָרן פינסטער. האָט אברהם צו זיך געזאָגט: ניין, די זון איז ניט גאָט, די זון שיינט נאָר ביי־טאָג, און גאָט איז שטענדיק. האָט ער באלד געמיינט, אז די לבנה איז גאָט און די שטערן אירע דינער, און ער האָט א גאנצע נאכט געבעטן צו דער לבנה. ווען דער פרימאָרגן איז אָבער צוריקגעקומען און די לבנה איז פארשוואונדן, האָט שוין אברהם געוואוסט, אז אויך די לבנה איז ניט גאָט.

דאמאָלט האָט א מלאך אראָפּגענידערט פון הימל און אוים־רופן:

— אברהם, אברהם, עס איז פאראן א האַר אויף דער וועלט, וועלכער האָט באַשאַפן די הימל און ערד, די זון און לבנה, מענטש און בהמה, אבער מען קען אים ניט זען.

האָט שוין אברהם פון דאמאָלט אָן געוואוסט ווער עס איז גאָט, און צו אים געבעטן דעם גאנצן לעבן.

ג.

אברהם לאַכט אָפּ פון די אָפּגעטער.

תרח פלעגט מאכן געטער און זיי פארקויפן אין מאַרק. איינמאָל האָט ער ארויסגעשיקט זיין זון אברהמ'ן, ער זאל

פאַר אים פאַרקויפן די געטער. האָט אברהם אויסגעשטעלט די געטער און געוואַרט אויף קונים. קומט צו אים אַן אַלטער אָבער שטאַרקער מאַן און זאָגט:

— גיב מיר, אברהם, א גרויסן און שטאַרקן גאָט, ווי איך בין אַליין.

האָט אברהם אויסגעקליבן דעם גרעסטן גאָט און אים געגעבן. האָט דער אלטער באצאָלט דאָס געלט און גענומען אוועקגיין. האלט אים אבער אָפּ אברהם און פרעגט אים:

— וויפיל יאָר ביזטו אלט?

— זיבעציק. — ענטפערט דער אלטער.

— ווי נאַריש דו ביזט! — זאָגט צו אים אברהם — א מענטש פון זיבעציק יאָר זאָל זיך בוקן צו א גאָט, וועלכן מען האָט ערשט היינט געמאכט.

האָט זיך דער אלטער מאַן פאַרשעמט, געלאָזן דעם גאָט און אָפּגענומען פון אברהמ׳ן זיין געלט צוריק.

נאָכדעם איז געקומען צו אברהמ׳ן אַן אָרימע פרוי, אַן אלמנה, און געזאָגט:

— איך בין אַן אָרימע פרוי, גיב מיר אַן אָרימען און ביליגן גאָט, ווי איך בין אליין.

האָט אברהם ארויסגענומען דעם קלענסטן גאָט און איר דערלאנגט.

האָט זי אים באצאָלט דאָס געלט און אָנגעהויבן אוועקגיין.

— ווי שעמסטו זיך ניט! — האָט אברהם איר אָפּגעהאלטן — צו בוקן צו א גאָט, וועלכן מען האָט ערשט היינט פארפארטיקט?

האָט די פרוי אָפּגעגעבן דעם גאָט און אָפּגענומען איר געלט צוריק.

שפּעטער איז געקומען תרח און געפרעגט:

— וויפיל געטער האָסטו פארקויפט, אברהם?
— קיין איינעם ניט. — האָט אברהם געענטפערט.

ד.

אברהם ווערט א גלח צו די אָפּגעטער.

זאָגט תרח צו אברהמ'ן:
— דו קענסט ניט פארקויפן קיין געטער, וועל איך דיך מאַכן פאר א גלח.
— וואָס איז די ארבעט פון א גלח? — האָט אברהם געפרעגט.
— א גלח באדינט די געטער און גיט זיי עסן און טרינקען.
— גוט, — זאָגט אברהם — איך וועל ווערן א גלח.
איז אברהם געוואָרן א גלח.

קומט א פרוי און ברענגט א שיסל זעמל־מעל, א קרבן פאר די געטער. האָט אברהם די שיסל געשטעלט אין מיטן צימער, גענומען א האַק און מיט דעם צעהאַקט אלע געטער, און נאָר דעם גרעסטן גאָט איבערגעלאָזט גאנץ. נאָכדעם האָט ער די האַק אריינגעשטעקט אין דעם גרעסטן גאָטס האַנט.

ווען תרח איז געקומען און דערזען אלע געטער צעבראָכן, האָט ער אויסגעשריען מיט צאָרן:
— ווער האָט דאָס צעבראָכן די געטער?
— איך וועל דיר דערציילן — האָט אברהם קאַלט געענטפערט — א פרוי האָט דאָ געבראַכט זעמל־מעל פאר די געטער, האָב איך עס געשטעלט אין מיטן צימער, פאר אלע געטער צום עסן, איז אויסגעבראָכן צווישן זיי א קריג, יעדער גאָט האָט געוואָלט עסן פריער, האָט דער עלטסטער גאָט געכאַפּט די האַק און אלעמען צעהאַקט.

איז תרח נאָך אריין מער אין צאָרן און געשריען:

— דו מאַכסט פון מיר גאָר שפּאַס! קענען דען די געטער עסן און ריידן?

זאָגט צו אים אברהם:

— פאָטער, הער אליין וואָס דו רעדסט! דו זאָגסט אַז זיי קענען קיין זאַך ניט טאָן, און דאָך האַלסטו זיי פאַר געטער!

האָט תרח געשוויגן און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

ה.

אברהם פאַר דעם קעניג נמרוד.

דער קעניג נמרוד האָט זיך אויך געהאַלטן פאַר אַ גאָט, און מענטשן האָבן זיך צו אים געבוקט.

האָט מען אברהמ'ן געבראַכט פאַר נמרוד'ן. זאָגט נמרוד צו אברהמ'ן:

— ווייסטו ניט, אַז איך בין דער האַר פון דער וועלט און האָב באַשאַפן די זון, די לבנה, די שטערן און אַלע מענטשן?

ענטפערט אים אברהם:

— אויב דו ביסט דער האַר פון דער וועלט, ווייז אַ וואונדער, אַז די זון זאָל אויפגיין אין מערב און אונטערגיין אין מזרח, פאַרקערט ווי עס איז יעצט.

איז נמרוד געוואָרן אין כעס און געהייסן אַריינוואַרפן אברהמ'ן אין אַ פייערדיקן קאַלך-אויוון.

האָט מען אברהמ'ען געבונדן און אַריינגעוואָרפן אין קאַלך-אויוון.

האָט אָבער גאָט געטאָן אַ נס און דער פייער אין קאַלך-אויוון איז אויסגעלאָשן געוואָרן. אַ גאַנצע נאַכט האָט אברהם אַרומגעשפּאַצירט אין אויוון און אויף מאָרגן האָט מען אים אַרויסגענומען גאַנץ, אומבאַרירט.

די פאַרדאָרבנהייט פון סדום און עמורה

א.

ווי צו באקומען דאָס געלט פון רייכע.

אַז די מענטשן פון סדום און עמורה פלעגן זיך דערוויסן, אַז איינער האָט פיל געלט, האָבן זיי גלייך געזוכט עצות, ווי ארויסצוקריגן בא אים דאָס געלט.

האָט דער עושר געהאט דאָס געלט בא זיך, פלעגן זיי אים פאַרנאַרן אין אן איינגן אָרט, וואו ס'איז געשטאַנען א שוואַכע וואנט. אימיצער פלעגט די וואנט א שטופּ טאָן, דער רייכער פלעגט דער'הרג'עט ווערן און מען האָט בא אים צוגענומען דאָס געלט. ווען אבער ער האָט זיין געלט געהאט באהאלטן, פלעגט איינער פון זיי קומען צו דעם רייכן מאן מיט א פלעשעלע שמעקעדיקע אויל און זאָגן:

— אָט דאָס פלעשל אויל איז בא מיר זייער טייער; בעט איך דיך, דו זאלסט עס פאר מיר באהאלטן צווישן דיינע אוצרות.

פלעגט דער רייכער מאן אזוי טאָן. שפּעט ביינאכט פלעגט אבער קומען דער וואס האָט געבראכט דאָס פלעשל צו באהאלטן, מיט נאָך פריינט, און נאָכשפירן דעם ריח פון די אויל, וואָס איז זיי גוט געווען באקאנט, ביז זיי פלעגן צוקומען צום אָרט, וואו די אויל איז געווען באהאלטן צווישן די אוצרות, פלעגן זיי צונעמען די אוצרות און אוועקגיין.

ב.

סדום׳ס גערעכטיקייט.

פיר ריכטער זיינען געווען אין סדום; איינעם האָט מען גערופן ליגנער, דעם צווייטן — שווינדלער, דעם דריטן — פעלשער, דעם פערטן — כאבארניק.

ווען איינער איז געקומען זיך באקלאָגן, אז אן אנדערער האָט אָפּגעשניטן אן אויער בא זיין אייזל, פלעגן די ריכטער ארויסגעבן א משפּט, אז דער אָנקלאָגער זאל אָפּגעבן זיין אייזל צו דעם אָפּשניידער פון אויער, און יענער זאל האלטן ביי זיך דעם אייזל, ביז דער אויער וועט צוריק אָפּוואקסן.

אזוי אויך אויב איינער איז געקומען מיט א קלאגע, אז אַן אַנדערער האָט אים געמאַכט א וואונד, האָבן די ריכטער געהייסן, אז דער געשלאָגענער זאל נאָך באצאָלן דעם שלעגער פאר בלוט לאָזן.

איינמאָל איז אליעזר, דער קנעכט פון אברהם, אָנגעקומען קיין סדום און מען האָט אים דאָרט געמאכט א וואונד.

ווי דער שטייגער, האָט דער ריכטער ארויסגעגעבן זיין אורטייל, אז אליעזר זאל באצאָלן דעם שלעגער פאר בלוט לאָזן.

האָט אליעזר אויפגעהויבן זיין האנט און דערלאנגט דעם ריכטער א שטארקן קלאפּ, ביז ער האָט אים געמאכט בלוט און דערביי געזאָגט:

— לויט דיין דין, דאפסטו מיר באצאָלן פארן לאָזן דיר בלוט, טאָ נעם די געלט וואס דו קומסט מיר און באצאָל צו דעם מאן, וואָס האָט מיך געשלאָגן.

ג.

סדום׳ס גאסטפריינטלאכקייט.

אין סדום איז געווען א בעטל, וועלכע מען האָט געהאלטן נאָר פאר געסט. אויב דער אורח איז געווען צו לאנג, פלעגט מען אים אונטערשניידן די פיס, ער זאל זיך פּאַסן צום בעטל, און אויב ער איז געווען צו קורץ, פלעגט מען אים אזוי לאנג ציען די גלידער, ביז מען פלעגט אים אָפּרייסן א גליד.

ווען אליעזר, אברהמ׳ס קנעכט, איז אהין געקומען, האָט מען אים אויך איינגעלאדן צו לייגן זיך אין יענעם בעטל, אבער ער האָט זיך אָגעזאָגט מיט דעם טעם:

— זייט מיין מוטער איז געשטאָרבן, האָב איך אויף זיך גע־נומען א נדר, אז איך זאל קיינמאָל ניט שלאָפן אין א בעט.

ד.

שטראָף פאר בארעמהערציקייט.

אַז אין סדום פלעגט ארייגפאלן אן אָרימאן, האָט אים יעדער איינער געשייגקט א נדבה, א גאָלדן רענדל, אבער אויף דעם רענדל איז געווען אויסגעקריצט דער נאָמען פון געבער, און קיין שפּייז האָט מען פאר דעם רענדל דעם אָרימאן ניט געטאָרט פארקויפן.

אַזוי פלעגט דער אָרימאן שטארבן פון הונגער און יעדער איינער איז געקומען און צוגענומען זיין רענדל.

האָט זיך אבער אין שטאָט געפונען א מיידל, וועלכע האָט געהאט א גוט הארץ. איינמאָל האָט זי דערזען ווי אן אָרימאן גייט אוים פון הונגער. אזוי ווי צו געבן אָפן אים עסן האָט זי

מורא געהאט פאר אירע שטאָטלייט, האָט זי אין איר עמער אַריינגעלייגט א שטיקל ברויט, און ווען זי איז געגאנגען נאָך וואַסער, איז זי פארבייגעגאנגען דעם אָרימאן, און אים צוגע־וואָרפן דאָס ברויט.

אזוי האָט זי געטאָן עטלאכע מאָל, ביז די רשעים פון סדום האָבן זיך דערפון דערוואוסט. האָט מען פאר דעם מיידל באַ־שטימט א שרעקלאכע שטראָף: מען האָט איר איינגאנצן אוים־געשמירט אין האָניק און אויפגעהאנגען אויף א בוים, זיינען אָנ־געלאָפן בינען, און האבן דאָס אומגליקלאכע מיידל צעביסן אויף טויט.

עקדת יצחק

א.

אברהם שטייט ביי דעם נסיון.

ווען יצחק איז געבאָרן געוואָרן צו אברהמ׳ן, איז געקומען דער שטן פאר גאָט און געזאָגט:

— אברהם האָט פון גרויס שמחה געמאכט א מאָלצייט פאר אלע מענטשן, און פאר דיר, גאָט, האָט ער אפילו קיין קרבן ניט געבראכט.

האָט גאָט געענטפערט דעם שטן:

— ווען איך זאָל הייסן אברהמ׳ן אָפּפערן זיין זון אליין פאר א קרבן, וועט ער מיך אויך פאָלגן.

און גאָט האָט באלד געזאָגט צו אברהמ׳ן:

— נעם דיין איינציקן זון, וואס דו האסט ליב, יצחק׳ן, און ברייננ אים פאר א קרבן פאר מיר.

— איך וועל פאָלגן דיינע רייד. — האָט אברהם גלייך גע־ענטפערט.

איז אברהם געקומען צו זיין ווייב שרה און האָט געזאָגט:

— מאַך א מאָלצייט, לאָמיר זיך פרייען, ווייל מאָרגן גאנץ פרי פיר איך אוועק אונזער זון ערגעץ וואו לערנען.

אויף מאָרגן איז אברהם אויפגעשטאנען גאנץ פרי, גענומען יצחק׳ן, און שרה האָט געשלאָפן און קיין זאך ניט געוואוסט.

ב.

דעם שטנ׳ס מעשים.

אברהם און יצחק, באגלייט פון יונגע באדינער, זיינען גע־גאנגען צום הר־המוריה. אויפ׳ן וועג האָט זיי באַגעגנט דער שטן, פארשטעלט ווי אן אלטער מאן, און געזאָגט צו אברהמ׳ן:

— וואוהין גייסטו, אברהם?

— איך גיי מתפלל זיין צו גאָט.

— אָ, דו נאַר, איך וויים וואו דו גייסט — האָט דער שטן געזאָגט — צו הונדערט יאָר האָסטו קוים דערלעבט א זון, און דו ווילסט אים אומברענגען.

— גאָט האָט מיר אזוי געהייסן. — האָט אברהם געענט־פערט.

נאָכדעם האָט זיך דער שטן געוויזן צו יצחק׳ן אין געשטאַלט פון א יונגנמאן און געזאָגט:

— וואוהין גייסטו, יצחק?

— לערנען תורה!

— עס איז ניט אמת! — האָט אים דער פארשטעלטער שטן געזאָגט — דיין פאָטער פירט דיך קוילענען.

— איך וועל טאָן מיין פאָטערס ווילן. — האָט יצחק קורץ געענטפערט.

האָט דער שטן געזען, אז ער קען זיי ניט איבעררײדן, האָט ער זיך פארוואנדלט אין א גרויסן טייך, און פארצאמט זיי דעם וועג.

איז אברהם אריין ביז די קני אין וואסער און באַפוילן די יונגען און יצחק׳ן צו גיין נאָך אים. זיינען זיי געגאנגען אין טייך ביז די וואסער האָט דערגרייכט צום האלדז. דאמאָלט האָט

אברהם אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און אויסגעשריען צו גאָט:

— רבונו של עולם! — דו האסט מיר פארזאָגט צו גיין צום באַרג המוריה און טאָן דיין ווילן, איצט אויב מיר וועלן דער־טרונקען ווערן, ווער וועט אויספירן דיין באַפעל?

האָט גאָט אָנגעשריען אויפ'ן טייך און ער איז געוואָרן טרוקן, און אברהם און יצחק זיינען געבליבן שטיין אויף דער יבשה.

ג.

שרה'ס טויט.

אין דער צייט ווען אברהם האָט געבונדן יצחק'ן צו דער עקדה, איז געקומען דער שטן צו שרה'ן און זיך פאַרשטעלט פאר איר ווי איר זון יצחק.

האָט שרה דערזען יצחק'ן און צו אים געזאָגט:

— מיין זון, וואס האָט דיר דער פאָטער געטאָן?

האָט דער שטן געזאָגט:

— ער האָט מיך געבראכט אויפ'ן שפיץ פון א בארג, מיך געבונדן און גענומען א חלף מיך צו קוילענען.

דער שטן האָט נאָך ניט געענדיקט, ווי שרה האָט זיך דער־שראָקן, און איז אומגעפאלן אויף דר'ערד און געשטאָרבן.

יעקב מיט זיינע קינדער אין מצרים

א.

יוסף אלס משנה למלך.

פרעה׳ס קעניגלאכער טראָן האָט געהאַט איין־און־זיבעציק טרעפּ. אויבן־אָן, אויף דעם העכסטן טרעפּ, איז געזעסן פרעה אַליין, און אַלע זיינע ראַטגעבער און מיניסטאָרן זיינען געשטאַנען פאַר אים, אויסגעשטעלט אויף די טרעפּ, לויט זייער שפּראַכן־קענטעניש: ווער עס האָט געקענט נאָר איין שפּראַך, איז געשטאַנען אויפ׳ן נידעריגסטן שטאַפּל, ווער צוויי שפּראַכן — אויפ׳ן צווייטן שטאַפּל, און אַזוי העכער ביז דעם זיבעציקסטן שטאַפּל, וואו עס זיינען געשטאַנען די גרעסטע חרטומי־מצרים (שטערן־זעער), וועלכע האָבן געקענט זיבעציק לשונות.

אַז יוסף האָט פּותר געווען פרעה׳ס חלום, און פרעה האָט אויפגעהויבן יוספ׳ן פאַר אַ משנה למלך, זיינען געקומען די חרטומים צו פרעה׳ן און געזאָגט:

— אום צו געהערן צום קעניגלאַכן הויז, מוז מען דאָך קענען די זיבעציק שפּראַכן, און יוסף איז דאָך גאָר אַ קנעכט, ווי קען ער איבער אונז געוועלטיקן?

— וועלן מיר אים מאָרגן פאַרהערן, און מיר וועלן זען צו וועלכן שטאַפּל ער וועט דערגרייכן. — האָט פרעה געענטפערט.

ביינאַכט איז געקומען דער מלאך גבריאל צו יוספ׳ן און אים אויסגעלערנט אַלע זיבעציק לשונות.

קומט אויף מאָרגן יוסף צו פרעה׳ן און הויבט אָן צו ריידן אויף אַלע זיבעציק שפּראַכן. פאַר יעדער שפּראַך האָט מען אים

דערהויבן אויף א שטאפל העכער, ביז ער האָט דערגרייכט צום העכסטן שטאפל נעבן פרעה'ן.

דאמאָלט האָט צו אים פרעה געזאָגט:

— איך בין פרעה. דו ביסט דער צווייטער צו מיר, און נאָר מיין שטול איז העכער פון דיר.

האָט אבער יוסף חוץ די פרעמדע זיבעציק שפראכן אויך אָנגעהויבן ריידן העברעאיש, וואס פרעה האָט ניט געקענט.

האָט פרעה זיך דערשראָקן און געזאָגט:

— שווער מיר, יוסף, אז דו וועסט קיינעם ניט דערציילן, ווייל מען קען נאָך מיך אראָפּזעצן פון שטול און דיך ארויפזעצן אויפ'ן העכסטן שטאפל.

האָט יוסף אים געשוואָרן.

אין א צייט שפּעטער, ווען יעקב איז געשטאָרבן, און יוסף איז געקומען מעלדן פרעה'ן, אז ער וויל גיין מקבר זיין דעם פאָטער אין לאנד כנען, האָט אים פרעה ניט געוואָלט לאָזן גיין.

רופט זיך צו אים אָפּ יוסף:

— מיין פאָטער האָט מיך באשוואָרן.

— טאָ האָב חרטה אויף דער שבעה! — האָט פרעה גע־זאָגט.

— אויב אזוי, — האָט יוסף געענטפערט — קען איך דאָך חרטה האָבן אויך אויף יענער שבועה פון די שפראכן.

האָט פרעה זיך דערשראָקן, איינגעוויליגט, אז יוסף זאל גיין צו דער קבורה פון זיין פאטער אין לאנד כנען, און נאָך מיט אים מיטגעשיקט די גרעסטע לייט פון מצרים צו באגלייטן אים אויף זיין וועג.

ב.

ביי יעקב׳ס קבורה.

ווען מען האָט געפירט יעקב׳ן מקבר זיין אין ארץ ישראל, זיינען ארוים עשו׳ס און ישמעאל׳ס מחנות מלחמה צו האַלטן מיט די באַגלייטער. ווען זיי האָבן אבער דערזען, אז יוספ׳ס קרוין הייננט איבער דעם ארון, האָבן זיי אויך זייערע קרוינען אויפגעהאנגען און צוזאַמען געגאַנגען נאָך יעקב׳ס ארון, באַגלייטן אים צום קבר.

אַז מען איז געקומען צום מערת המכפלה, האָט עשו פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג אין הייל און ניט געלאָזט דאָרט יעקב׳ן באַהאַלטן.

— אין הייל איז פאַראַן אָרט פאר פיר פּאָר — האָט עשו גע׳טענה׳ט — זיבן ערטער זיינען שוין פארנומען, אדם וחוה, אברהם ושרה, יצחק ורבקה, און לאה — האָט שוין יעקב זיין חלק אָפּגענומען, און דער אכטער פלאַץ געהערט צו מיר!

האָט מען אים דערמאַנט, אז צוזאַמען מיט דער בכורה, האָט ער זיין חלק קרקע אויך פארקויפט פאר א שטיק גאָלד און דער גע׳חתמ׳טער געשריפט פון דעם ליגט אין מצרים.

האָט אָבער עשו זיך איינגעשפּארט און ניט געלאָזט באַגראָבן, ביז מען וועט ניט שיקן א מאַן קיין מצרים און ברייננען פון דאָרט דעם שריפטלאַכן באַווייז פון זיין מכירה.

האָט דאָס דערהערט דער באַגלייטער, חושים בן דן, און ער האָט אויסגעשריען:

— און ביז מען וועט זיך אומקערן פון מצרים, זאָל מיין זיידע ליגן אין בזיון און ווארטן?

האָט ער געכאַפּט א שטעקן און געשפּאָלטן עשו׳ן דעם קאָפּ, און עשו איז גלייך געפאַלן טויט.

דאמאָלט איז מקוים געוואָרן די נביאות (פאָראויסזאָגונג) פון דער מוטער רבקה, אז זי וועטביידע אירע קינדער פארלירן אין איין טאָג.

ג.

צוריקוועגס קיין מצרים.

גייענדיק צוריק נאָך דער קבורה פון יעקב, זיינען די ברידער מיט יוסף'ן פארבייגעגאנגען יענעם גרוב, וואו זיי האָבן אים אמאָל אריינגעוואָרפן. האָט יוסף געוואָלט אריינקוקן אין יענעם אָרט, וואו עס איז מיט אים געשען אזא גרויסער נס, ער האָט אָבער מורא געהאט, אז די ברידער וועלן זיך דערשרעקן און זיי וועלן מיינען, אז ער דיינקט צו נעמען נקמה פון זיי.

האָט ער צו זיי געזאָגט:

— זייט רואיק, ברידער, ווען צען ליכט האָבן ניט געקענט אויסלעשן איין ליכט, וועט איינע צען געווים ניט אויסלעשן.

די אידן אין מצרים

א.

די גזירה פון וואַסער.

ווען עס איז אויפגעשטאַנען א נייער קעניג אין מצרים, און ער האָט אָנגעהויבן צו זוכן מיטלען ווי אומצוברייגנגען די אידן, האָט ער געזאָגט צו זיין פאָלק:

— אויב איך וועל די קינדער ישראל אומברייננגען מיט פייער, וועט זייער גאָט מיך צוריק באשטראָפן דורך שווערד; איך וועל זיי דעריבער לאָזן דערטרינקען אין וואסער, וועט מיר זייער גאָט גאָר ניט קענען טאָן, ווייל ער האָט אמאָל געשוואוירן, אַז ער וועט מער קיין מבול ניט ברייננגען אויף דער וועלט.

האָט ער באַפוילן, מען זאָל אלע ניי-געבאָרענע אידישע אינג-לאך ארייננווארפן אין טייך נילוס.

וואָס האָט אבער גאָט געטאָן? ער האָט טאקע קיין מבול ניט געבראכט, נאָר ער האָט געמאכט, זיי זאָלן אליין לויפן אין ים אַריין, און ער האָט זיי דאָרט דערטרונקען.

ב.

די גזירה פון ליים און ציגל.

פרעה האָט דורך פאלשקייט די אידן אָפגענאַרט און זיי איינ-געשפּאַרט אין די שווערע ארבייט.

ער האָט געלאָזט אויסרופן, אז דאָס לאנד מצרים איז אין אַ גרויס געפאַר, צוליב די חילות פון כוש, וועלכע לאָזן זיך אויף

דעם לאנד. ער פארלאנגט דעריבער, אז אלע זאָלן העלפן אויפ־בויען פעסטונגען. פרעה אליין איז דער ערשטער אַרויס צו דער אַרבייט מיט א מולטער ליים אין די הענט.

אַז די אידן האָבן דאָס דערזען, זיינען זיי פרייוויליק אלע אַרויס צו דער ארבייט, און זיך נאָך געפלייסט אויסצואַרבייטען וואָס מער ציגל.

אויף מאָרגן האָט מען זיי שוין ניט ארויסגעלאָזט און גע־פאָדערט פון זיי אלע טאג דעם זעלבן צאָל ציגל, ווי זיי האָבן אויסגעארבייט דעם ערשטן טאָג.

משה רבינו

א.

משה׳ס עלטערן.

עמרם, משה׳ס פאטער, איז געווען דער גרעסטער מענטש פון יענעם דור. ווען עס איז אַרויס פּרעה׳ס גזירה, מען זאָל אַריינוואַרפן די ניי־געבאָרענע אין טייך — האָט עמרם געגעבן גט זיין פרוי, ווייל ער האָט געזאָגט: „גלייכער גאָר קיין קינדער ניט האָבן, איידער די רשעים זאָלן זיי אומברענגען". האָבן אַלע אידן אים נאָכגעטאָן, און האָבן אויך גע׳גט זייערע פרויען.

האָט זיין טאָכטער מרים ניט געוואָלט ליידן, וואָס איר פאָטער איז געשיידט פון איר מוטער און זי האָט צו אים געזאָגט:

— דיין גזירה, פאטער, איז ערגער פון פּרעה׳ס: פּרעה האָט גוזר געווען נאָר אויף זכרים, און דו אויך אויף נקבות; פּרעה׳ס גזרה וועט אמאָל אָפּגערופן ווערן, ווייל ער איז א רשע, אָבער דו ביסט א צדיק — און דיין גזרה וועט פעסט בלייבן.

האָט עמרם צוריקגענומען זיין פרוי יוכבד, געשטעלט א חופה מיט כלי־זמר. אהרן מיט מרים האָבן געטאַנצט און מלאכים אין הימל האבן זיך געפרייט.

האָבן אלע געקוקט אויף עמרמ׳ן און צוריק חתונה געהאט מיט זייערע פרויען.

ב.

משה׳ס געבורט.

זיבן חדשים נאָך עמרם׳ס צווייטע חתונה, איז משה געבאָרן געוואָרן. דאָס גאַנצע הויז איז דאַמאָלט באַגאָסן געוואָרן מיט ליכטיקן שיין. האָט מרים נביאות געזאָגט, אז דאָס קינד וועט זיין דער אויסלייזער פון אידישן פאָלק.

אין דריי חדשים ארום, ווען די מוטער האָט שוין מער ניט געקענט דאָס קינד אויסבאַהאַלטן, האָט זי אים אַריינגעלייגט אין אַ קעסטל און אַוועקגעשיקט אויפ׳ן טייך. האָט זי דאַמאָלט געפרעגט מרים׳ן:

— טאָכטער מיינע, וואו זיינען דיינע נביאות?

אָבער מרים האָט איר נביאות ניט אויפגעגעבן. זי האָט זיך געשטעלט ביים טייך וואַרטן, וואס וועט ווערן מיט׳ן קינד.

יענעם טאָג האָט גאָט געמאַכט זייער היים, און פרעה׳ס טאָכטער איז געגאַנגען זיך באָדן און געפונען דאָס קינד. זי האָט אים גענומען פאר זיך, און ווען ער האָט ניט געוואָלט זויגן ביי אַ מצרישע פרוי, האָט מרים געבראַכט די מוטער יוכבד פאר אַן אַם.

ג.

אַ מלאך ראַטעוועט משה׳ן.

נאָכ׳ן אַנטוואוינען האָט יוכבד געבראַכט משה׳ן אין פרעה׳ס פאַלאַץ און אַלע הויפלייט האָבן אים זייער ליב געהאַט. פרעה אַליין פלעגט אים אויך אָפט האַלטן אויף די הענט און זיך מיט אים שפּילן.

איינמאָל, שפּילנדיק, האָט משה אראָפּגענומען די קרוין פון פּרעה'ס קאָפּ און אָנגעטאָן אויף זיינעם. זיינען דערביי געווען די חרטומים און די חכמים פון מצרים, און זיי האבן געזאָגט צו פּרעה'ן:

— טויט גליידך דאָס קינד, וויל אויב ער וועט אויסוואקסן, וועט ער ביי דיר צונעמען די מלוכה.

צווישן די חרטומים איז אויך געווען יתרו, דער גלח פון מדין, און ער האָט אויסגערופן:

— צו וואס טויטן אן אומשולדיגעם קינד? מען דאַרף פריער אויספּרואוון: זאל מען ברייגען צוויי שיסלען, איינע מיט גאָלדענע רענדלאך און די אנדערע מיט גליענדע קוילן. וועט ער נעמען דאָס גאלד — איז ער קלוג, און מען דאַרף אים טויטן; וועט ער אבער כאפּן דאָס פייער, איז עס א באווייז, אז ער איז א נאַריש קינד, און מען דאַרף אים לאָזן לעבן.

האָט מען געבראכט די צוויי שיסלען, און משה האָט זיך א צי געטאָן צו דאס גאָלד, איז געקומען דער מלאך גבריאל און אים א שטויס געטאָן צום פייער, און משה האָט געכאפּט א ברענענדיקע קויל אין מויל.

דערפון איז משה געוואָרן שווער אויף דעם צונג (א שטאַמלער).

ד.

משה העלפט זיינע ברידער.

ווען משה איז אויסגעוואקסן און געזען, ווי מען פּייניקט זיינע ברידער, די אידן, האָט ער נישט געקענט צוקוקן צו זייער צער. נישט געקוקט אויף דעם, וואס ער איז געווען פון קעניגלאכן הויז, האָט ער אליין מיטגעהאָלפן די אידן אין זייער שווע-

רע ארבעט. האָט איינער געטראָגן א שווערע משא, האָט אים משה אונטערגעהאלטן; האָט ער באמערקט ביי דער אַרבעט א שוואכע פרוי, אַן אַלטן מאַן אָדער א יונגעם קינד — האָט ער אי־בערגענומען זייער אַרבעט, און זיי געלאָזט אפרוען.

אַז גאָט האָט געזען משה׳ס גוט האַרץ און גרויסמוטיקייט, האָט ער צו אים געזאָגט:

— משה, דערפאר וואס דו ביסט פון קעניגלאכן פּאַלאַץ אראָפּ צו די געפּאלענע אידן זיי צו העלפן, וועל איך פאַרלאָזן די הויכע הימלען און אראָפּנידערן פון דאָרט מיט דיר צו ריידן.

ה.

משה׳ס עצה צו פּרעה׳ן.

משה האָט געזען, ווי די אידן פייניקן זיך טאָג און טאָג אין זייער שווערע ארבעט און האבן קיינמאָל קיין רו ניט, איז ער געקומען צו פּרעה׳ן און געזאָגט:

— גרויסער קעניג! עס איז ניט גוט, אז די אידן זאָלן אר־בעטן אָן אן אפּרו, זיי וועלן גיך אויסשטאַרבן און דו וועסט בלייבן אָן קנעכט; גיב זיי בעסער איין טאָג רו, וועלן זיי לענגער אויסהאלטן די שווערע ארבעט.

האָט אים פּרעה געפאָלגט, און געהייסן די אידן רוען איין טאָג שבת.

ו.

ווי משה איז אנטלאָפן.

פּרעה האָט זיך דערוואוסט, אז משה האָט גע׳הרג׳עט א מצרי, און ער האָט באַפוילן, מען זאל ברייננגען א שאַרף געשלי־פענעם שווערד און אראָפּהאקן משה׳ן דעם קאָפּ.

האָט מען דאָס שווערד געבראַכט און מיט דעם א קלאַפּ גע־טאָן איבער משה׳ס האלדז. איז געשען א נס, און זיין האלדז איז געוואָרן האַרט און פעסט ווי א מאַרמאָרנע זייל, איז דאָס שווערד אָפּגעשפּרונגען און זיך צעבראָכן אויף שטיקלאַך. האָט מען דערלאַנגט נאָך שווערדן, איינס שאַרפער פון דעם אַנדערן, אבער אַלע זיינען צעבראָכן געוואָרן און משה׳ן גאָרנישט געשאַדט.

האָט פּרעה באַפוילן, מען זאָל משה׳ן בינדן און אַריינוואַרפן אין תפיסה. איז געקומען א מלאך און זיך פאַרשטעלט אין משה׳ס געשטאַלט. האָט מען געבונדן דעם מלאך און משה איז אַנטלאָפן. באַלד דערנאָך איז דער מלאך אויך פאַרשוואונדן.

ז.

אין לאַנד כוש.

פון מצרים איז משה אַנטלאָפן אין לאַנד כוש. דאָרט האָט דער מלך פון כוש געפירט א מלחמה מיט׳ן מלך פון כתים, און משה איז אַריינגעפאַלן אינמיטן, צווישןביידע מחנות.

האָבן די חילות פון כוש אים געבראַכט פאַר זייער קעניג און געזאָגט אויף אים, אז ער איז א מרגל פון די כתים, וואָס איז געקומען אויסשפּירן די כושים.

האָט משה דערציילט, ווער ער איז און פון וואַנען ער קומט. זאָגט צו אים דער מלך:

— ווי באַלד דו ביסט פון פּרעה׳ס הויף און קענסט די חכמת מצרים, העלף מיר אין מיין מלחמה מיט דיינע קלוגע עצות, וועל איך דיך גרויס מאַכן.

האָט משה אים געהאָלפן איינגעמען דעם שונא. האָט אים דער קעניג באַלוינט, און געמאַכט העכער פון אַלע שרים אין לאַנד.

פערציק יאָר האָט משה געוועלטיקט אין כוש. דער קעניג און דאָס פאָלק האָבן אים ליב געהאט פאר זיינע גוטע געזעצן און אָרדענונג, וואס ער האָט איינגעפירט אין לאנד.

שפּעטער, ווען דער קעניג איז געשטאָרבן, האָט דאָס פאָלק געקרוינט משה'ן פאר מלך איבער כוש. האָבן זיך אבער די שרים מקנא געווען אָן אים, און שטילערהייט געטראכט אים צו טויטן.

האָט זיך משה דערוואוסט, וואס זיי טראכטן צו טאָן מיט אים, און ער איז פון דאָרט אנטלאָפן אין מדין.

ח.

משה'ס גוטע הארץ.

משה האָט געפיטערט יתרו'ס שאָף אין מדבר. איינמאָל איז פון זיין טשערעדע אנטלאָפן א שעפעלע. האָט עם משה נאָכגע־יאָגט, און געטראָפן הינטערן בארג, ווי עס איז געשטאַנען ביים טייך און געטרונקען.

האָט משה געזאָגט:

— אָרים שעפעלע, ניט געוואוסט האָב איך, אז דו ביסט אזוי דורשטיק, און האָב דיך אומזיסט אזוי געיאָגט און גע־טריבן. איצט ביסטו מיד, וועל איך דיך נעמען אויף מיין אקסל און אָפּטראָגן צו דער טשערעדע.

איז ארוים א בת־קול און געזאָגט:

— דערפאר, וואס דו האסט אזוי פיל רחמנות אויף א שטומע צונג, וועסטו זוכה זיין צו פיטערן מיינע הייליקע שאָף — דאָס פאָלק ישראל

ט.

דער ברענענדיקער דאָרנבוים.

משה האָט זיך ארומגעפירט מיט יתרו׳ס שאָף אין דער מדבר, אָבער זיין הארץ איז געווען ביי זיינע געפייניקטע ברי־דער אין מצרים. ער האָט זיך געמאַטערט אין זיינע מחשבות, צו וועלן דאָס די אידן אויסהאלטן, צו וועלן זיי פאר צרות אינ־גאנצן נישט אומקומען?

האָט זיך גאָט צו אים באוויזן אין פייער פון א דאָרנבוים.

— משה, — האָט גאָט געזאָגט — צי מיינסטו, אז איך האָב אין מיינע קינדער פארגעסן? ווייסטו נישט, אז זייער צער איז מיין צער? אָט זעסטו דעם דאָרנבוים, פון וואנען מיין שכינה באווייזט זיך צו דיר איצט? אזוי ווי דער דאָרנבוים ברענט און ברענט און ווערט ניט פארברענט, אזוי וועט אויך זיין מיט די אידישע קינדער: קיינע צרות און קיין פיין וועט זיי פון דער וועלט ניט אומברייינגען.

י.

די אָפּשטאַמונג פון משה׳ס שטעקן.

דעם ערשטן פרייטאג צו נאכט, ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער פארפלאנצט אין גן־עדן א שטעקן און אים אי־בערגעגעבן צו אדם הראשון. פון אדם׳ן האָט דעם שטעקן איבער־גענומען חנוך, חנוך האָט אים געגעבן צו שם, שם — צו אברהמ׳ען, אברהם צו יצחק׳ן יצחק — יעקב׳ן און יעקב צו יוספ׳ן אין מצרים.

אַז יוסף איז געשטאָרבן, האָט מען דעם שטעקן איבער־געטראָגן אין קעניגלאכן שאַץ־קאמער. פון דאָרט האָט אים

יתרו, איינער פון די חרטומי־מצרים, צוגענומען און איינגע־פלאנצט אין זיין גאָרטן. ווען משה איז געקומען צו יתרו'ן, האָט ער דעם שטעקן אויסגעריסן פון גאָרטן און אים צוגענומען.

אַז יתרו האָט דאָס דערזען, האָט ער געזאָגט:

— אָט דער מענטש וועט ווייזן גרוים וואונדער מיט דעם שטעקן און אויסלייזן די אידן פון מצרים.

און דערפאר האָט ער אים געגעבן זיין טאָכטער צפורה פאר אַ ווייב.

יא.

משה ואהרן פאר פרעה'ן.

פרעה האָט זיך געהאלטן פאר אַ גאָט און אלע האָבן אין אים געגלויבט און זיך צו אים געבוקט.

דער טאָג, ווען משה און אהרן זיינען געקומען צו פרעה'ן, איז געווען אַ גרויסער יום טוב. אלע מלכים פון מזרח און מערב זיינען דאמאָלט געווען ביי פרעה'ן אין פּאלאַץ, פאר אים גע־בראכט קרוינען און אים באקרוינט.

זיינען אריין די קנעכט און אים געמאָלדן, אַז צוויי אלטע לייט שטייען ביים טיר און ווילן אַריין אין פּאלאַץ.

האָט פרעה געמיינט, אַז זיי זיינען שלוחים פון אַ מלך און זיי געהייסן אריינלאָזן.

אין פרעה'ס פּאלאץ זיינען געווען פיר הונדערט טירן. ביי יעדער טיר זיינען געשטאַנען לייבן, בערן, לעמפּערטן און אנ־דערע חיות רעות און קיינעם ניט אריינגעלאָזט, ביז מען האָט זיי פריער געגעבן עסן פלייש.

אז משה ואהרן האָבן גענומען אריינטרעטן אין פּאַלאַץ, האָבן די ווילדע חיות זיי דורכגעלאָזט, געלעקט זייערע פיס און זיי באַגלייט ביז פרעה׳ס שטול.

אז זיי זיינען אריין האבן די פארזאמלטע קעניגע און פרעה דערזען פאר זיך צוויי געטלאך־שיינע זקנים מיט ליכטיקע גע־שטאַלטן ווי מלאכים פון הימל, און אין משה׳ס האנט דעם שטעקן פון סאפּירשטיין, וועלכער האָט וואונדערלאך געגלאנצט מיט דעם אויסגעקריצטן שם המפורש. זיינען זיי אלע אויפגעציטערט געוואָרן פון שרעק, און פון גרוים מורא און אכטונג האָבן זיי אַראָפּגענומען די קרוינען פון די קעפּ, געפאלן צו דער ערד און זיך פאר זיי געבוקט.

פרעגט זיי פרעה:

— וועמענס שלוחים זייט איר?

— די שלוחים פון דעם הייליקן אידישן גאָט. ער האָט גע־זאָגט: „שיק ארויס די אידן פון דיין לאנד, זיי זאלן פאַר מיר דינען אין מדבר.״

— ווער איז עס אייער גאָט, וואס שיקט מיר באַפעלן? — האָט פרעה געפרעגט מיט פארדרוס און געקוקט דערביי אויף זייערע ליידיקע הענט. — פארוואָס האָט ער מיר קיין קרוין ניט געשיקט? דערצו איז זיין נאָמען גאָר ניטאָ אין לוח פון מיינע געטער.

— דו קענסט זיין נאָמען ניט געפינען ביי דיר אין צעטל — האָבן אים משה ואהרן אָפּגעענטפערט מיט א שמייכל — ביי דיר איז נאָר א רשימה פון טויטע געטער און אונזער גאָט איז א לעבעדיקער, דער קעניג פון דער וועלט.

— אָבער ווער איז ער? — האָט פרעה געפרעגט — וויפיל איז ער אלט? וויפיל שטעט האָט ער איינגענומען און איבער וויפיל מדינות געוועלטיקט ער?

— אונזער גאָט איז פון אייביק. ער איז דער שטאַרקסטער און דער אלמעכטיקסטער. ער האָט באַשאַפן די וועלט און אלעם וואָס אין איר, און אויך דיך האָט ער באַשאַפן.

— פון אזא גאָט וויים איך ניט און וויל ניט וויסן — האָט פרעה געזאָגט. — האָט ווער פון די געטער עפּעס א בקשה צו מיר, דאַרף ער מיר שיקן א קרוין.

און ער האָט זיי געהייסן אַרויסשיקן פון פּאַלאַץ.

———:———

יציאת מצרים

א.

צו וואָס דאָס איז געגליכן.

אַז פּרעה האָט געקראָגן די צען מכות, האָט ער ערשט נאָכ־דעם ארויסגעלאָזט די אידן פון מצרים.

דערמאנט עס יענע געשיכטע, וואס ווערט דערציילט וועגן אַ נארישן קנעכט פון א מלך:

אַ קעניג האָט אמאָל געשיקט זיין קנעכט אין מארק קויפן שפּייז, האָט ער אים געבראכט א פוילן פיש.

האָט דער מלך ארויסגעגעבן פאר אים אַזאַ שטראָף:

— איינס פון די דריי: אָדער דער קנעכט זאָל אויפעסן דעם פוילן פיש, אָדער באצאָלן, וואס עס קאָסט; און אויב ניט ביידע זאכן — זאָל ער באקומען הונדערט שמיץ.

האָט דער קנעכט אויסגעקליבן צו עסן דעם פוילן פיש.

אַז ער האָט אויפגעגעסן א האלבן פיש, האָט אים אָנגעהויבן צו עקלען, און ער האָט געזאָגט:

— איך וויל ניט דעם פיש. גיט מיר בעסער הונדערט שמיץ.

אָבער אז מען האָט אים אָפּגעציילט פופציק שמיץ, האָט ער מער ניט געקענט אריבערטראָגן און באצאָלט דאָס געלט. איז אויסגעקומען, אז ער האָט געגעסן פוילע פיש, געכאפּט שמיץ און באצאָלט געלט.

אזוי איז אויך געווען מיט פּרעה'ן:

ער האָט די אידן ניט ארויסגעלאָזט מיט'ן גוטן ווילן, האָט ער באַקומען צען מכות אין מצרים, פארלאָרן זיין פארמעגן און דאן ערשט אלעמען ארויסגעלאָזט פריי.

ב.

וועמענס שמחה איז געוועזן גרעסער.

שטארק איז געוועזן די פרייד פון די אידן, ווען זיי זיינען באַ־פרייט געוואָרן פון מצרים, אבער אויך די מצריים האָבן זיך ניט ווינציק משמח געוועזן.

איז עס געגליכן צו א שווער־לייביקן מענטשן, וואס איז אמאָל געפאָרן אין א ווייטן וועג, רייטנדיק אויף אן אייזל. דעם מענטשן איז געוועזן שווער צו זיצן, אבער דעם אייזל נאָך שווערער צו טראָגן אויף זיך אזא משא. ווען ער איז ענדלאך געקומען אויפ'ן אָרט און אראָפּ פון אייזל, האָבן זיך ביידע, דער מענטש און אייזל, געפרייט, און מען האָט ניט געוואוסט, וועמענס פרייד איז גרעסער.

אַזוי האָבן זיך די אידן געפרייט מיט זייער באפרייאונג פון גלות און די מצריים — פון די צען מכות.

ג.

די שבועה פון יוסף הצדיק.

ווען די אידן האָבן געדארפט פארלאָזן מצרים, האָבן זיי זיך דערמאָנט אָן דער שבועה פון יוסף הצדיק, וועלכער האָט זיי באשוואָרן פאר זיין טויט, אז ווען זיי וועלן אוועק פון מצרים, זאָלן זיי מיטנעמען זיינע ביינער.

קיינער האָט אבער ניט געוואוסט, וואו יוסף'ס ארון געפינט זיך. האָט משה גענומען נאָכפרעגן, און מען האָט אים געזאָגט, אז עס לעבט נאָך פון יוספ'ס צייטן אן אלטע פרוי, סרח בת אשר, און זי ווייסט, וואו דער ארון געפינט זיך.

איז משה געקומען צו דער פרוי, און האָט צו איר געזאָגט:

— אפשר ווייסטו וואו איז יוספ'ס ארון?

— די מצריים האבן יוספ'ס קערפער ארייגעלייגט אין א מעטאלענעם ארון און ארייגעשטעלט אין נילוס, כדי די וואַסערן פון דעם טייך זאלן זיין געבענטשט — האָט די אלטע פרוי געענטפערט.

איז משה געגאנגען און האָט זיך אוועקגעשטעלט ביים ברעג פון טייך נילוס און האָט געזאָגט:

— יוסף, יוסף! ס'איז געקומען די צייט, וואס גאָט האָט געשוואָרן אויסצולייזן די אידן פון מצרים; ס'איז אויך געקומען די צייט, ווען מיר מוזן דערפילן דיין שבועה, וואס דו האסט אונז באשוואָרן מיטצונעמען דיינע ביינער. אויב דו ווילסט זיך צייגן — איז גוט; און אויב ניט — זיינען מיר פריי פון דיין שבועה.

און אין איין אויגנבליק איז יוספ'ס ארון ארויפגעשוואומען אויפ'ן וואסער, און זיי האָבן אים מיטגענומען.

ד.

די אידן ביים ברעג פון ים.

אַ טויב איז אמאָל אנטלאָפן פון א שפּארבער און זיך געלאָזט פליען צו א פעלזן שפּאלט, אבער אז זי איז אריין אינעווייניק, האָט זי דערזען א שלאנג.

האָט די טויב ניט געוואוסט וואס צו טאָן: זאָל זי פארבלייבן אינעווייניק? — וועט זי דער שלאנג פארגיפטן; אומקערן צו־ריק? — וועט זי דער שפארבער צערייסן. האָט זי אָנגעהויבן פּאָכען מיט די פליגלען און ברומען, אפשר וועט איר אימיצער דערהערן און קומען איר ראטעווען.

אַזוי איז אויך געווען מיט די אידן: פון פאָרענט — דער ים; פון הינטן — די מצריים; ביי די זייטן — א ווילדער מדבר!... האבן זיי אָנגעהויבן שרייען צו גאָט, און ער האָט זיי באלד געהאָלפן.

ה.

ווען די מצריים זיינען געווען אין מיטן ים.

ווען די מצריים האָבן נאָכגעיאָגט די אידן אין מיטן ים סוף, און גאָט האָט געגעבן א באפעל, אז די וואסערן זאָלן זיך אומ־קערן אויף זייער אָרט, איז דער מלאך עוזא, דער שר פון מצרים, צוגעפאלן צום כסא הכבוד מיט א געבעט:

— רבונו של עולם, גנעדיקער גאָט, דו ביסט דאָך א גאָט פון רחמים, פארוואס ווילסטו דערטרינקען דיינע באשעפעניש, וואס דו אליין האָסט באשאפן?

האָט גאָט צענויפגערופן די פמליא של מעלה (דאָס הימלישע געריכט) און געזאָגט:

— ריכטעט צווישן מיר מיט עוזא'ן, ווער איז גערעכט!

זיינען די הארן פון אלע זיבעציק אומות געווען די פארטיי־דיקער פאר די מצריים, און געזאָגט, אז זיי קומט ניט אזא הארבע שטראָף. האָט מיכאל, דער שר פון ישראל, באלד א וואונק גע־טאָן גבריאל'ן — איז ער מיט איין פלי אוועקגעפלויגן קיין מצרים

און געבראכט א שטיק וואנט מיט אן איינגעמויערטן אידישן קינד.

אַז מען האָט דאָס דערזען, זיינען אלע מליצי־יושר פאר מצרים גלייך אנטשוויגן געוואָרן, און גאָט האָט באַפוילן, אַז די וואַסערן זאָל זיך אומקערן און דערטרינקען די מצריים.

ז.

די שירה ביים ים.

אין צוועלף טיילן האָט זיך דער ים ברייט געשפּאָלטן פאר די אידן. פאר יעדן שבט א באזונדער וועג. יעדער וועג איז געווען אָפּגעטיילט פון אנדערן מיט א וואנט פון דורכזיכטיקע, פארגליווערטע וואסערן. האָט א קינד געוואָלט א טרונק — האָט די מוטער א קריץ געטאָן מיט'ן נאָגל אין וואנט, און א זיס־קרים־טאל־ריינער שטראָם וואסער האָט זיך אים אין מויל אריינגע־שליינגלט. מוטיק און פריי האָבן די אידן אויף דעם טרוקענעם וועג אלץ פאראויס געשפּאנט. די שכינה האָט זיי באגאָסן מיט בלענענדן גלאנץ און הערלאכן שיין. האָבן זיי אָלע דערפילט דעם גרויסן נס, וואס מיט זיי איז געשען, און א הויכע, קלינגענ־דיקע שירה האָט זיך ארויסגעריסן פון די ששים רבוא אידן ווי פון איין מעכטיקע ברוסט. אַלט און יונג, גרויס און קליין האָבן געזונגען. א קינד, איינגעשלאָפן אין דער מאַמעס שויס, האָט דאָס קעפּעלע אויפגעהויבן, און טייטלענדיק אויף דעם שיין מיט די פינגערלאך צוזאמען מיט אלעמען מיטגעזונגען.

אין מדבר

א.

דער מן.

דער מן, מיט וועלכן די אידן האבן זיך געשפייזט די גאנצע פערציק יאָר אין מדבר, איז צעגאנגען אין מויל, און יעדער האָט אין אים געפילט, וועלכן טעם ער האָט נאָר געוואָלט.

אויך פלעגט ער שמעלצן אונטער די שטראַלן פון זון. ער פלעגט דאַן פארוואנדלט ווערן אין א שטראָם וואסער, וועלכער פלעגט פליסן אזש ביז'ן ים. פון דעם זיסן שטראם פלעגן טרינקען הירשן און הינדן און אז די אומות-העולם פלעגן דערנאָך פאנגען די דאָזיקע חיות און עסן זייער פלייש, פלעגן זיי דערפילן דעם טעם פון מן, און זאָגן:

— וואויל איז צו דעם פאלק, וואס פארמאָגט אזעלכעס.

ב.

מתן תורה.

ניט תיכף נאָך יציאת מצרים האָט גאָט געגעבן די אידן די תורה. עס האָט געמוזט א שטיק צייט פאַראיבערגיין, ביז זיי האָבן אין מדבר די תורה באקומען.

דערמאנט עס אונז אָן א מלך, וועלכער האָט געהאט אן איינ-און-איינציקן זון, וואס איז נאָר וואס אויפגעשטאַנען פון א שווערער קריינק. האבן די דערציער פון זון געוואָלט גלייך אָנהויבן

אים לערנען. אבער דער קעניג האָט עס ניט געלאָזט און גע־זאָגט:

— מיין זון איז נאָר וואס אויסגעהיילט געוואָרן פון א קריינק. גיט אים צייט פון דריי חדשים ער זאל זיך ערהאָלן און דערנאָך וועט איר אים לערנען.

אזוי האָט גאָט געזאָגט:

— מיינע קינדער זיינען ערשט אָפּגעטראָטן פון דעם ליים; זייערע רוקנס זיינען נאָך געבויגן פון די שווערע ציגל. איך וועל זיי פריער שפּייזן דריי חדשים מיט מן און געבן טרינקען פרישע וואסער — ערשט דערנאָך וועל איך זיי געבן די הייליקע תורה.

ג.

די זינד פון עגל.

לויט ווי משה האָט אָפּגערעדט מיט די אידן, האָט ער גע־דארפט אין פערציק טעג ארום, נאָכ'ן ארויפגיין אויפ'ן בארג סיני, ברייננען זיי די תורה.

אַז דער לעצטער טאָג איז געקומען און משה האָט זיך ניט באוויזן, האבן זיך אויפגעקליבן פערציק טויזנט מאן פון די ערב־רב (מצריים, וועלכע זיינען מיטגעגאנגען מיט די אידן פון מצרים) מיט צוויי פון זייערע חרטומים, געוועזענע פּרעה'ס כשוף־מאכער, און געזאָגט צו די אידן, אַז משה וועט שוין מער ניט קומען. אויך האָט דער שטן צעטומלט די אידן און האָט זיי גע־וויזן די געשטאלט פון משה'ן ליגנדיק אין זיין בעטל, וועלכע איז געהאנגן צווישן הימל און ערד.

זיינען די אידן צוגעשטאַנען צו אהרנ'ען ער זאל זיי מאַכן א גאָט. האָט חור אויף זיי אָנגעשריען און זיי געטאדלט, ווי זיי

האָבן עס אזוי גיך פארגעסן משה'ן און אלעס, וואס ער האָט פאר זיי געטאָן.

זיינען זיי אים באַפאַלן און אים גע'הרג'עט, און געדראָט אויך צו טויטן אהרנ'ען, אויב ער וועט ניט מאכן פאר זיי קיין גאָט.

האָט אהרן מורא געהאט און געזוכט מיטלען, ווי זיי אָפּצו־לייגן, כדי דערווייל זאל משה קומען.

האָט ער זיי ערשטנס געהייסן ברייננגען די גאָלדענע נאָז־בענדער פון זייערע פרויען, רעכענענדיק, אז פרויען וועלן אזוי גיך ניט וועלן זיך שיידן מיט זייער צירונג. אבער די אידן האָבן זייערע אייגענע נאָז־בענדער געגעבן און אלץ געאיילט אהרנ'ען ער זאל מאכן דעם אָפּגאָט.

האָט אהרן געוואָרפן דאָס גאלד אין פייער, און די חרטומים האָבן אין פייער אריינגעוואָרפן א טאפל מיט כשוף־שפּראך און עס איז באלד ארויס א גאָלדענע קאלב, וועלכע האָט אָנגעהויבן צו מעקען און שפּרינגען הין און צוריק.

דערזען דעם עגל, האָט אהרן זיי בכיון געזאָגט, אז ער אליין, אלס א כהן, מוז פאר דעם נייעם גאָט בויען א מזבח, און קיינער טאָר אים ניט העלפן, כדי עס זאל דויערן לענגער, אבער דער מזבח איז געוואָרן פארטיק און משה איז אלץ ניט געווען. האָט דאמאָלט אהרן געזאָגט:

— דער יום טוב צו גאָט וועט זיין מאָרגן.

און ווידער אָפּגעלייגט אויף א טאָג.

ד.

משה'ס בקשה פאר גאָט צו פאַרגעבן די זינד.

האָט גאָט געזאָגט מיט צאָרן צו משה'ן:

— גיי גיכער אראָפּ, דיין פאָלק האָט געזינדיקט, האָט פאַר־ביטן מיין כבוד אין דעם געשטאַלט פון א קאלב.

האָט משה געזאָגט צו גאָט:

— וואָס ביסטו אזוי אין צאָרן? דאָס קאלב איז דאָך מער ניט ווי א בעל־חי, עסט גראָז און ווערט דערנאָך געפירט צו שחיטה — און עס איז אין דעם ניטאָ קיין ממשות?

אָבער גאָט האָט ניט צוגעהערט צו זיינע רייד און געזאָגט:

— לאָז מיך, און איך וועל זיי פארטיליקן.

געהערט דעם וואָרט „לאָז מיך", האָט משה אָנגעהויבן מתפלל זיין, וויינען און בעטן רחמים פאר די אידן, אז גאָט זאל זיי מוחל זיין.

זאָגט גאָט צו אים:

— איך וועל די אידן אומברענגען און פון דיר וועל איך אויפשטעלן א גרויס פאָלק.

— ניין, — האָט משה געענטפערט. — אויב א שטול אויף דריי פיס קען ניט אויסהאלטן קעגן דיין צאָרן (דאָס הייסט, די אידן מיט דעם זכות פון די דריי אבות) ווי אזוי וועט שוין זיין מיט א שטול אויף איין פוס? דערצו, וואס וועט מען זאָגן, איך בין געווען א פירער, געלאָזט אלעמען פארטיליקן, און גענומען די גדולה פאר מיר אליין.

און ווען די רייד האבן ניט געווירקט, האָט משה ווידער געבעטן:

— רבונו של עולם! וואס וועלן די פעלקער זאָגן: איין פרעה'ן האָסטו געקענט בייקומען, אבער ניט די פילע מלכים אין דעם לאנד כנען, און דו האסט דעריבער די אידן אומגעבראכט אין וועג.

האָט דאמאָלט גאָט אים נאָכגעגעבן און געזאָגט:

— איך פארגיב די אידן, לויט דיינע רייד. איצט וועלן די פעלקער זאָגן „וואויל איז דעם תלמיד, וואס דער רבי שטימט צו צו זיינע רייד".

ה.

קריג-וואסער (מי מריבה)

ווען מרים, משה און אהרנ׳ס שוועסטער האָט געלעבט, האָט אין איר זכות באגלייט די אידן אין דעם מדבר א ברונעם מיט זיסע וואסער. די אידן פלעגן זיך קוויקן מיט דעם וואסער, און שטילן זייער דורשט.

ווען מרים איז געשטארבן, איז דער ברונים מיטאמאָל פאר־שוואונדן געוואָרן, און די אידן זיינען געוואָרן דאָרשטיק נאָך וואסער. האָבן זיך אלע דאָרשטיקע אידן מיטאמאָל א לאָז גע־טאָן צו משה און אהרנ׳ען צו פאָדערן פון זיי וואסער.

די צוויי ברידער זיינען דאמאָלט געווען פארנומען מיט דער געשטאָרבענער שוועסטער. אז זיי האבן דערזען די מחנה אידן, האָט משה געזאָגט צו אהרנ׳ען:

— אפשר ווייסטו, ברודער, וואס באטייט דאס? נאָך וואס זאמלען זיך דאָס די אידן?

— וואָס פרעגסטו? — האָט אהרן געענטפערט — דאָס זיי־נען דאָך קינדער פון אברהם, יצחק ויעקב, גומלי־חסד, קומען זיי דאָס אָפּגעבן אונזער פארשטאָרבענער שוועסטער דעם לעצטן כבוד.

— אָ, ניין, ברודער אהרן, — האָט משה געזאָגט — עס זעט זיך ניט אָן, אז דאס זאל זיין דער ציל פון זייער פארזאמלונג. אין אזא אָרענטלאכע פראָצעסיע, וואלטן די עלטערע און די האָרן גע־

גאנגען פאַראוים, און געפירט נאָך זיי דעם עולם אין געשלאָ־
סענע רייען.

און באלד האָבן זיך טאקע געלאָזט טראָגן פון דער מחנה
ווילדע געשרייען און זידלערייען; עס האָבן זיך געזען פנימער,
געפלאמט פון כעס, הענט, געביילט אין פויסטן, געהויבענע אין
דער לופטן.

זיינען משה און אהרן צעשראָקענע אַריין צו זיך אין
געצעלט, זיך צו באהאלטן. איז ערשינען באלד די שכינה און
גאָטס שטימע האָט צו זיי אויסגערופן:

— משה ואהרן, פאלקס־דינער, מיינע קינדער גייען אוים פון
דאָרשט, און איר טרויערט איבער אייער שוועסטער? ארויס
פון געצעלט!

האָט משה דורך גאָטס באפעל צוגעפירט די אידן צו א פעלז,
פון וועלכע ער זאל מיט זיין שטעקן פאר זיי וואסער ארויסבאַ־
קומען. האבן זיך אלע אידן ארומגעשטעלט ארום א שטיין. אבער
איידער משה האָט באוויזן ארויסברענגען דאס וואסער, האָבן
זיך געפונען רשעים אָפּשפּעטער, וואס האבן גלייך גענומען אים
באריידן פאר׳ן עולם.

— וואָס? — האבן די רשעים־לצים גערעדט — איר פאר־
שטייט דען נישט דעם גאנצן אנשטעל? ער, משה, דער זון פון
עמרם, איז געווען ביי זיין שווער יתרו א פאסטוך. און פאסטו־
כער זיינען, ווי באוואוסט, געניטע אין אויפזוכן וואסער, וויל ער
אונז דאָס ברענגען פון ערגעץ א באהאלטענעם קוואל, און אוים־
קומען וועט עס, אז ער האָט געמאכט, כלומר׳שט, אז וואסער זאל
זיך באווייזן. אויב ער קען טאקע ארויסברענגען וואסער, זאל ער
פון אָט דעם שטיין אונז געבן וואסער!

האָט זיך משה אומגעקוקט און געזען, ווי די אידן שטייען

אין רעדלאך־ווייז ארום א שטיין און שרייען צו אים, ער זאל זיי געבן וואסער פון אים.

איז משה געוואָרן שטארק אויפגעבראכט און מיט דעם שטעקן א קלאפּ געטאָן יענעם שטיין. האָט דאס וואסער אָנגעהויבן גיין טראָפּנווייז, האָבן די ליצנים ווידער אָנגעהויבן צו טענה'ן:

— וואָס מיינסטו, בן עמרם, מיר זיינען זויג־קינדער צו נאָר־וואָס ענטוואוינטע?

איז משה געוואָרן נאָך מער אין צאָרן, האָט מיט'ן שטעקן דערלאנגט א קלאפּ א צווייטן מאָל — און באלד האָבן זיך אָנגעהויבן גיסן שטראָמען וואסער, וואס האבן פארפלייצט דעם גאנצן פלאץ.

ו.

משה'ס געשטאַלט.

די גרויסע וואונדער פון יציאת מצרים און שפּאלטן דעם ים האָבן אויפגערודערט די גאנצע וועלט.

משה'ס נאָמען איז געוואָרן בארימט צווישן אלע פעלקער אין די ווייטסטע לענדער.

האָט איין קעניג פון ערב זיך אָנגעהערט פון משה'ן, דעם געטלאכן מאן, און אים האָט זיך פאגלוסט צו האבן זיין בילד. האָט ער באפוילן זיין גרעסטן מאלער, א גרויסן קינסטלער, ער זאָל גיין צו דער אידישער מחנה, אין דער מדבר, באטראכטן משה'ן, זייער פירער, אָפּמאָלן ריכטיק זיין בילד און ברענגען עס צו אים, דעם קעניג.

דער קינסטלער האָט געפאָלגט זיין באפעל, ער האָט געמאָלן משה'ס בילד און געבראכט עס פאר'ן קעניג.

האָט דער קעניג אויפגערופן זיינע קליגסטע און געלערטע פון לאנד, און זיי געבעטן, זיי זאלן זיך גוט צוקוקן צום בילד, באשטימען דעם גייסט פון משה'ן און ערקלערן אין וואס ליגט באהאלטן זיין געטלאכע קראפט. אבער נאָכדעם ווי די גרויסע פסיכאָלאָגן האָבן לאנג באטראכט דעם בילד האָבן זיי געגעבן א שלעכטע אָפּשאצונג פון משה'ן, וואס האָט דעם קעניג איבער־ראשט.

— דער מאן אויפ'ן בילד — האָבן זיי געזאָגט — זעט אוים אַ גרייסער בעל גאוה, א שרעקלאכער אכזר, א געלט-גייציקער, א יאגער נאָך כבוד, און באזיצט בכלל די ערגסטע מדות אין דער וועלט.

האָט דער קעניג ניט געוואוסט, ווי עס צו ערקלערן.

— ווי קען עס זיין — האָט ער געטראכט — אז אזא פאר־דאָרבענער מענטש זאל ווייזן אזוינע וואונדער און זיין אזוי באַ־רימט? איינס פון די ביידע איז דאָ פאלש: אָדער דאָס בילד איז ניט קיין ריכטיקע קאָפּי פון משה'ן; אָדער די חכמים פארשטייען ניט אויסצוטייטשן זיין כאראקטער.

און דער קעניג האָט באשלאָסן אליין זיך לאָזן אין מדבר, אָנ־קוקן משה'ן מיט זיינע אייגענע אויגן, און אויסגעפינען דעם אמת.

אז ער איז געקומען צו דער אידישע מחנה, און דערזען משה'ן אין פנים, האָט ער זיך באלד איבערצייגט, אז דאָס בילד איז טריי קאָפּירט פון משה'ן, מיט די גענויסטע פּינקטלאכקייט. אים איז אבער געווען שווער צו גלויבן, אז זיינע גרויסע חכמים און געלערטע זאָלן מאכן אזא שרעקלאכן גרייז אין זייער אָפּ־שאצן משה'ן, איז דער קעניג געקומען צו משה'ן און געצעלט, אים דערציילט די גאנצע געשיכטע, און אים געבעטן, ער זאל

אים ערקלערן, ווי אזוי האָבן עס זיינע חכמים געמאַכט אזא טעות ?

האָט אים משה געזאָגט :

— דיינע חכמים האָבן געזאָגט דעם אמת, אזוי ווי זיי האָבן געזען. פון דער נאַטור ליגן ביי מיר טאַקע אָט די אלע שלעכטע מדות, וואס זיי האבן געזען אויפ׳ן בילד ; מיין גאנצעם לעבן האָב איך, אבער, געפירט אן איינערלאַכע מלחמה מיט זיך אליין, ביז גאָט האָט מיר געהאָלפן, און איך האב די אלע שלעכטע נייגונ-גען באזיגט און איבערגעבראָכן אין גוטן זייט.

ז.

אהרנ׳ס פערזענלאַכקייט.

אַ גרויסער בעל-מדות איז געווען אהרן.

אין זיין גאנצן לעבן האָט ער קיינעם ניט אויסגערעדט, ניט אויפגעוואָרפן און ניט באליידיקט. ווען ער האָט באגעגנט — האָט ער דער ערשטער באגריסט ; האָט געמעגט זיין דער זינ-דיקסטער און ערגסטער — האָט אים אהרן אָפּגעגעבן „שלום“. פלעגט ביים זינדיקן דאָס הארץ ווערן ווייך פון אהרנ׳ס ווארימע פריינטלאַכקייט, צו אים, כאָטש ער האָט עס ניט פאַרדינט, און ער פלעגט זיך טאַקע אויסבעסערן און מער ניט טאָן קיין שלעכטס.

זיינען צוויי מענטשן געווען צוקריגט — פלעגט אהרן קומען צו איינעם און זאָגן :

— ראובן, שמעון באדויערט שטארק, וואס ער האָט דיך באליידיקט, און פילט זיך שולדיק.

און צו שמעונ׳ען פלעגט ער קומען און זאָגן :

— ראובן האָט חרטה אויף דעם קריג, און ער נעמט זיך פון דעם צום הארצן.

פלעגט ער אזוי ארויסרייסן די פיינטשאפט פוןביידנס הער־צער און ברייננגען צווישן זיי שלום.

ח.

אהרנ׳ס טויט.

אַז עס איז געקומען אהרנ׳ס צייט צו שטארבן, האָט גאָט געהייסן משה׳ן, ער זאל עס אים אָנזאָגן. איז משה אוועק גאנץ פרי צו אהרנ׳ען, אים אויפגעוועקט און צו אים געזאָגט:

— מיין ברודער אהרן! איך האָב דיך צו פרעגן א שאלה אין דער תורה, אבער איך געדענק ניט אוואו, לאָמיר נעמען לערנען פון אָנפאנג אָן.

האָבן זיי גענומען דעם ספר בראשית און אָנגעהויבן פון אָנ־הויב. ביי יעדער פרשה האָט אהרן געזאָגט, גאָט האָט גוט גע־טאָן, וואויל זיינען זיינע מעשים. אז זיי זיינען געקומען צו דער פרשה פון חוה׳ן מיט׳ן עץ הדעת, האָט משה געפרעגט:

— וואָס זאָגסטו, ברודער אהרן, וועגן טויט? איך, און דו, וואס מיר האָבן אזוי פיל אויפגעטאָן פאר די אידן, און אויף אונז זאָל ווארטן אזא סוף, ווארום וויפיל איז אונז געבליבן צו לעבן?

— גאָר א קלייניקייט! — האָט אהרן געענטפערט.

— און איך זאָג דיר — האָט משה געזאָגט — טאקע נאָר גע־ציילטע טעג און אפשר שעה׳ן.

האָט משה אזוי גערעדט, ביז אהרן האָט אָנגעפאנגען צו פארשטיין זיין מיין, און א ציטער איז אריבער איבער זיינע ביינער.

— אפשר איז געקומען מיין צייט? — האָט ער ציטערנדיק א פרעג געגעבן.

— יע, — האָט משה געענטפערט.

זיינען זיי ארויף אויפ'ן בארג הר־ההר אין דרייען: משה, אהרן און אלעזר.

האָט זיך אויפ'ן שפּיץ בארג פאַר זיי געעפנט א הייל, און זיי האָבן אינעווייניק דערזען אן אויסגעבעט בעטל מיט א ברענענדיקע ליכט צוקאָפּנס.

איינגעהילט אין נעבל, האָט אהרן גענומען אָפּציען פון זיך אַ קלייד נאָך א קלייד, און אלעזר זיין זון האָט זיי אָנגעצויגן אויף זיך.

ווען ער האָט געענדיקט, האָט צו אים משה געזאָגט:

— אהרן, מיין ברודער, לייג זיך אויפ'ן בעט.

האָט אהרן זיך געלייגט.

— צי אוים די הענט.

האָט ער אויסגעצויגן.

— פאַרמאַך דעם מויל.

האָט ער פאַרמאַכט.

— שליס די אויגן.

האָט ער צוגעשלאָסן.

באלד איז אראָפּ די שכינה, האָט אים א קוש געגעבן — און זיין נשמה איז ארוים.

האָבן משה מיט אלעזר'ן אים אָנגעהויבן קושן, איז באלד אראָפּ א וואָלקן און אים פארדעקט, און א בת־קול האָט אויסגערופן: „גייט ארוים!"

זיינען זיי ארוים, און דער הייל האָט זיך פארמאכט פון זיך אליין.

און דאָס פאלק איז געשטאַנען אונטער'ן בארג און געזען, ווי משה גייט אראָפּ מיט אלעזר'ן, וועלכער איז אָנגעטאָן אין פּאָטערס קליידער, און אהרן איז ניטאָ, האָט זיי אָנגענומען א שרעק, און א טומל איז אויסגעבראָכן צווישן זיי: וואו איז

אהרן? האָבן אנדערע געזאָגט, אז משה האָט אים גע׳הרג׳עט פון קנאה, ווייל די אידן האבן אהרנ׳ען מערער ליב, און אנדערע האָבן געזאָגט, אז זיין זון אלעזר האָט אים גע׳הרג׳עט, ווייל ער האָט געוואָלט וואס גיכער ירש׳נען די כהונה.

האָט גאָט א וואונק געטאָן צו די מלאכים, און זיי האָבן גע־עפנט די הייל, און אויפגעהויבן אהרנ׳ס ארון אין דער לופטן. האָבן אלע דערזען, אז אהרן איז געשטאָרבן, און א שטימע פון די מלאכים האָט אויסגערופן:

„זאָל קומען דער שלום און רוען אויף זיין געלעגער".

האָבן די אידן אים באוויינט דרייסיק טעג.

ט.

דער ריז עוג מלך הבשן.

1.

אַז משה און די אידן זיינען געקומען צום גרענעץ פון אדרעי, האָט משה געזאָגט:

— לאָמיר דאָ נעכטיקן און מאָרגן מיט׳ן זון־אויפגאנג, וועלן מיר אריינגיין און איינעמען די שטאָט.

אויף מאָרגן פרי קוקן די אידן אויפ׳ן מויער און זעען, ווי ער איז אויסגעוואקסן זייער הויך און פאַרשטעלט די זון. האָבן זיי זיך זייער דערשראָקן און געמיינט, אז איבער נאַכט האָט מען דעם מויער אויסגעבויט קעגן זיי.

האָט גאָט געזאָגט צו משה׳ן:

— דאָס וואס דו זעסט, איז עס עוג מלך הבשן. ער זיצט עס אויפ׳ן מויער. האָב קיין מורא ניט, דו וועסט אים באַזיגן.

2.

פון עוג׳ס קנאָכן.

האָט אבא שאול דערציילט:

— איך בין געווען א קברות מאן. איינמאָל בין איך נאָכגע־לאָפן נאָך א הירש, איז ער אריינגעלאָפן אין א הייל פון א טויטן. בין איך נאָך אים נאָכגעלאָפן דריי מייל אין דער טיף פון הייל און אים ניט דערגרייכט, און דער הייל האָט זיך נאָך געצויגן ווייטער. אז איך בין ארויס צוריק, האָב איך געזען, אז דער הייל איז געבויט פון איין ביין, האָט מען מיר געזאָגט, אז דאָס איז פון די קנאָכן פון עוג מלך הבשן.

י.

די פערציק יאָר אין מדבר.

1.

גאָט האָט געפירט די אידן פערציק יאָר אין מדבר. דער שטייגער איז אין דער וועלט, ווען א מענטש ברייננגט א גאסט אהיים, דעם ערשטן טאָג קוילעט ער פאר אים א קאלב; דעם אנדערן טאָג — הינער; דעם דריטן טאָג — גיט ער אים נאָר ארבעס, דעם פערטן — נאָך ווינציקער. דער ערשטער טאָג איז קיינמאָל ניט גלייך צום לעצטן; אָבער גאָט איז געווען מיט די אידן די גאנצע פערציק יאָר. און דער ערשטער טאָג איז געווען גלייך צו דעם לעצטן.

2.

די אידן זיינען געווען פערציק יאָר אין מדבר, ביז דער גאנ־צער אלטער דור זיינען דאָרט, צוליב זייער זינד, אויסגעשטאָרבן.

יעדעס יאָר, ערב תשעה באב, פלעגט משה לאָזן אויסרופן אין אידישן לאגער, מען זאל גיין גראבן. פלעגן אלע אידן ארויס־גיין, אויסגראבן קברים און דאָרט נעכטיקן. אויף מאָרגן פלעגט מען אויסרופן: „זאָלן זיך די לעבעדיקע אָפּשיידן פון די טויטע!“ פלעגן בלייבן אין די קברים פופצן טויזנט טויט און די איבעריקע זיינען אויפגעשטאַנען געזונט.

אַזוי איז געשען די גאנצע פערציק יאָר, ביז דער גאנצער אלטער דור איז אויסגעשטאָרבן.

דעם לעצטן יאָר האָט מען ווייטער אזוי געטאָן. ערשט מען זעט, אלע שטייען אויף לעבעדיק. האָבן זיי געמיינט, אז זיי האָבן ניט ריכטיק אויסגערעכנט דעם טאָג און זיינען אויף מאָרגן ווידער געגאַנגען נעכטיקן אין די קברים. אזוי האָבן זיי געטאָן די גאנצע וואך. אבער אז זיי האָבן געזען דעם פופ־צענטן אב, אז קיינער שטארבט ניט, האָבן זיי פארשטאַנען, דאָס די גזירה איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, און דעם טאָג געמאכט א יום טוב.

שפּעטער, ווען די אידן זיינען געזעסן אין ארץ ישראל, זיינען חמשה עשר באב און יום כפור ביי זיי געווען די גרעסטע ימים טובים.

יא.

משה׳ס טויט.

1.

און גאָט האָט געזאָגט צו משה׳ן: „דער טאָג פון דיין טויט איז נאָענט“.

עס שטייט געשריבן:

„און ווען ער הויבט זיך ביז צום הימל ארויף און זיין קאָפּ

דערלאנגט דעם וואָלקן, גייט ער פאַרלאָרן און פאַרשווינדעט פון קוק". קענגן וואס רעדט דער פסוק? קעגן דעם טאג פון טויט. אפילו א מענטש זאָל זיך מאכן פליגלען און דערהויבן זיך צום הימל — קומט די ענדע צו שטארבן, צעברעכן זיך די פליגלען און ער פאלט אראָפּ.

„און ווען ער הויבט זיך ביז צום הימל ארויף" — דאָס איז משה, וואס איז ארויפגעשטיגן אויפ'ן הימל, מיט די פיס געטראָטן די וואָלקנס, געוואָרן געגליכן צו מלאכים, גערעדט מיט גאָט ברוך-הוא פנים אל פנים, און גענומען פון זיין האנט די תורה, — אָבער אז דער סוף איז געקומען, האָט אים גאָט געזאָגט:

„דער טאָג פון דיין טויט איז נאָענט".

2.

ווען משה האָט געזען, אז דער גזר דין אויף אים איז שוין גע'חתמ'עט געוואָרן, האָט ער ארומגעצייכנט ארום זיך א קיילעכדיק רעדל, זיך אליין אריינגעשטעלט אינמיטן און געזאָגט:

„רבונו של עולם, איך ריר זיך ניט פון דעם קרייז ביז דו וועסט די גזירה ניט אראָפּנעמען". גלייכצייטיק האָט ער אָנגעקליידעט א זאָק, זיך איינגעהילט אין דעם און זיך געוואלגערט אין אַש, און גענומען בעטן רחמים ביי גאָט דורך תפלה און תחנונים, ביז דער הימל און ערד און די גאנצע נאַטור האָבן אויפגעציטערט און געפרעגט:

„אפשר וויל גאָט די גאנצע וועלט איבערשאפן אויפסניי?"

איז ארוים א בת-קול און געזאָגט:

— ניט געקומען איז נאָך דער ווילן פון גאָט צו באנייען זיין וועלט, נאָר „אין זיין האנט איז די זעלע פון אלע לעבעדיקע". (אָנגעוואונקען, אז מען וויל נעמען משה'ס נשמה).

האָט גאָט געלאָזט אויסרופן אין יעדן טויער פון יעדן הימל, מען זאָל ניט אויפנעמען משה'ס תפלות און זיי ניט ברענגען פאר אים, ווייל זיין גזר־דין איז שוין גע'חתמ'עט. אבער משה האָט זיך אליין געשטארקט אין תפלה און גע'טענה'ט פאר גאָט ברוך הוא:

— רבונו של עולם, פאר דיר איז אנטפּלעקט מיין מי און צער, וואס איך האב געהאט איבער די אידן ביז זיי האבן אָנגעהויבן גלויבען אין דיין נאָמען; וויפיל לײדן האב איך איבערגעטראָגן, ביז איך האב פאר זיי איינגעשטעלט די תורה ומצות. האָב איך געטראכט: אזוי ווי איך האָב זיי געזען אין ליידן, וועל איך זיי אויך זען אין פריידן, און איצט ווען די גוטע צייט איז געקומען, זאָגסטו מיר „דו וועסט ניט אריבער דעם ירדן". מאכסטו דאָך אליין דיין תורה פאַלש, וואו דו האסט געזאָגט: „אין זיין טאָג זאָלסטו אים זיין לוין געבן". איז דאָס מיין לוין פאר מיין ארבעט די גאנצע פערציק יאָר, ווען איך האב זיך אזוי באמיט, ביז זיי זיינען געוואָרן א הייליקע און געטרייע פאָלק?"

ענטפערט אים גאָט:

— ס'איז א גזירה פון מיר ארויס!

האָט משה ווייטער געבעטן:

— רבונו של עולם, אוב ניט לעבעדיק — ברענג מיך אהין כאָטש טויטערהייט, ווי יוסף'ס ביינער.

האָט גאָט געזאָגט:

— גענוג! יוסף האָט גלייך, קומענדיק אין מצרים, געלאָזט וויסן, אז ער איז א איד, אָבער דו, ווען דו ביסט געקומען אין מדין און יתרו'ס טעכטער האָבן דיר פאָרגעשטעלט פאר זייער פאָטער פאר א מצרי, האָסטו געשוויגן און זיך ניט ארויסגעגעבן.

———:———

דוד המלך

א.

דער געטרייער פאסטוך.

דוד איז געווען א פאסטוך. ווען ער פלעגט קומען צו א פעלד פון פאשע, פלעגט ער איינשפארן און אפזונדערן די שעפסן איינע פון די אנדערע. צום ערשטן האָט ער ארויסגעפירט די גאָר יונגענקע שעפעלאך, זיי זאָלן אָפּעסן די ווייכע שפיצן פון די גראָז, וואס איז גרינג צו קייען. נאָכדעם האָט ער ארויסגע־לאָזט די אלטע בעק, זיי זאָלן עסן דעם מיטלסטן טייל. צום לעצטן — די יונגע דערוואקסענע שאָף, זיי זאלן מיט זייערע קרעפטיקע ציין אָפּעסן די הארטע וואורצלען פון דעם גראָז.

אז גאָט האָט דאָס געזען, האָט ער געזאָגט:

— דער וואס פארשטייט צו פאשען שאָף יעדן מין נאָך זיין קראפט — זאָל קומען און פיטערן מיינע שאָף — די אידן.

ב.

אלע באשעפענישן זיינען שיין.

דוד המלך איז אמאָל געזעסן אין זיין וויינגאָרטן און געזען, ווי א הארניס (צרעה) עסט א שפין. זאָגט ער צו גאָט:

— רבונו של עולם! צו וואס האָסטו באשאפן אזעלכע מיאוסע באשעפענישן אויף דיין וועלט? די הארנים פארדארבט דעם בינ׳ס האָניק און שטעכט נאָך דערצו. די שפין וועבט א גאנצן יאָר און קיין קלייד איז ניטאָ.

זאָגט צו אים גאָט:

— דו לאכסטו אָפּ פון מיינע באַשעפעניש — עס וועט קומען א צייט, און דו וועסט זיי נויטיק דארפן האָבן.

און אזוי איז דאָס טאקע געשען.

ווען דוד האָט זיך פאַרבאַהאַלטן אין א הייל פון שאול המלך, האָט גאָט געשיקט א שפּין, און זי האָט פארצויגן איר שפּינוועבס איבער'ן ארייַנגאנג פון הייל. באלד איז שאול געקומען און געזען, אז דער ארייַנגאנג פון הייל איז פארוועבט, האָט ער צו זיך געזאָגט: געוויס איז דאָ קיינער ניט אריין, ווייל אויב מען וואלט אַריין, וואלט מען דאָך דורכגעריסן די שפּינוועבס אויף שטיקער.

איז שאול אוועק ווייטער.

אַז דוד איז ארוים פון הייל און דערזען די שפּין, האָט ער זי געקושט און געזאָגט:

„געבענטשט זאָל זיין דיין באַשעפער, און געבענטשט זאָלסטו זיין!"

דערנאָך, אז דוד איז געקומען אין שאול'ס לאגער, האָט ער געזען, ווי שאול שלאָפט אין געצעלט און אלע זיינע גבורים שלאָפן אין א ראָד ארום אים, און אבנר ליגט ביי דער טיר מיט אויפגעהויבענע פיס, האָט דוד זיך דורכגעבויגן צווישן אבנר'ס קני און צוגענומען דעם קריגל וואסער פון שאול'ס צוקאָפּן, און געלאָזט זיך גיין צוריק.

דערווייל האָט אבנר אויסגעצויגן די פיס און דוד'ן צוגעדריקט, ווי מיט צוויי שווערע זיילן. האָט דוד געבעטן רחמים ביי גאָט, ער זאל אים רעטן. האָט גאָט געשיקט די הארנים און זי האָט אבנר'ן א ביס געטאָן אין די פיס, און ער האָט די פיס צוריק אויפגעהויבן און דוד איז ארוים.

האָט דוד געלויבט גאָט און געזאָגט:

„רבונו של עולם, ווער קען נאָך טאָן דיינע מעשים און גבורה.
אַלע דיינע באשעפענישן זיינען שיין און נוציק.“

ג.

דוד׳ס פידל.

איבער דוד׳ס בעט, צוקאָפּנס, נאָענט פון פענסטער, איז געהאנגען א פידל. אַז עס פלעגט קומען האלבע נאכט און דער צפון-ווינט פלעגט אריינבלאָזן, און אויפרירן די סטרונעס, האָט די פידל אָנגעהויבן שפילן פון זיך אליין.

פלעגט זיך דוד אויפכאפּן און לערנען תורה ביז׳ן פרימאָרגן.

און ווען דער מאָרגנשטערן פלעגט אויפגיין, פלעגן אריינקומען די חכמי ישראל, די פאָרשטייער פון פאָלק, און צו אים זאָגן:

— אונזער האַר קעניג! דיין פאָלק ישראל דאַרף פרנסה.

האָט זיי דוד געענטפערט:

— זאָלן זיי זיך שפּייזן איינע פון די אנדערע!

האָבן די חכמים געזאָגט צו אים:

— א קליין הייפעלע קען ניט זאַט מאַכן א לייב, און א גרוב קען מען ניט פול מאכן מיט זיין אייגענעם ערד.

האָט דוד זיי געזאָגט:

— גייט און נעמט אָפּ רויב ביי די אידישע פיינט.

פלעגט מען זיך באלד באראטן מיט אחיתופלן און די סנהדרין, אויך אָנפרעגן ביי אורים ותומים, און זיך לאָזן אויף מלחמה, אָפּנעמען רויב ביי די פיינט.

ד.

דוד׳ס טויט.

דוד המלך האָט געבעטן ביי גאָט:

— רבונו של עולם, זאָג מיר, ווען וועל איך שטאַרבן.

האָט גאָט געענטפערט:

— דאָס איז א גזירה פון מיר, קיינער זאל ניט וויסן זיין ענדע.

— זאָג מיר כאָטש וועלכן טאָג?

— שבת. — האָט גאָט געזאָגט.

— איך וויל בעסער זונטאג.

— זונטאג איז שוין די צייט פון שלמה׳ן צו קעניגן, און איין מלוכה טאָר ניט אָנרירן די צווייטע אפילו אויף א האָר.

— וויל איך שטאַרבן פרייטאג.

— ניין, — האָט גאָט געזאָגט — איין טאָג אז דו לערנסט תורה און זאָגסט שירה איז מיר טייערער ווי טויזנט קרבנות, וואָס שלמה וועט מקריב זיין.

פון דאן אָן פלעגט דוד אלע שבת זיצן און לערנען און ניט מפסיק זיין אפילו אויף איין רגע.

יענעם שבת, ווען ער האָט געדאַרפט שטאַרבן, איז דער מלאך המות געקומען און ניט געקענט צו אים צוטרעטן, ווייל דוד האָט איין רגע ניט איבערגעריסן דעם לערנען. הינטער׳ן הויז איז געווען א גאָרטן, האָט דער מלאך המות אָנגעהויבן שאָקלען די בוימער, איז דוד אויפגעשטאַנען, און איז געגאנגען זען וואס רוישט דאָרט. אזוי גייענדיק אויף די טרעפ צום הויף, האָט זיך אונטערגעבראָכן א שטאפל הינטער זיינע פיס און ער איז געפאלן און געשטאָרבן.

———:———

שלמה המלך

א.

שלמה'ס קלוגשאפט.

גאָט האָט געפרעגט שלמה'ן:

— זאָג מיר, וואס ווילסטו איך זאל דיר געבן?

— קלוגשאַפט. — האָט שלמה געזאָגט.

עס איז געגליכן צו יענעם קלוגן ראטגעבער ביים קעניג אין הויז. דער קעניג האָט אים, דעם יועץ, איינמאָל א פרעג גע־געבן: „זאָג מיר, וואס ווילסטו, וועסטו באקומען?“

האָט געטראַכט דער ראטגעבער: זאָל איך בעטן גאָלד און זילבער — וועט ער מיר געבן; דימענטן און בריליאנטן — וועל איך קריגן; וועל איך בעסער בעטן דעם קעניגס טאָכטער פאר אַ פרוי, וועט שוין אלעם זיין מיינע.

אַזוי האָט אויך שלמה ניט געבעטן ביי גאָט קיין פארמעגן, ניט קיין גבורה, ניט קיין נצחון איבער שונאים, נאָר חכמה, די הימלס־טאָכטער, און אין דעם איז שוין אלעם פאראן.

ב.

די גרויסקייט פון שלמה'ן.

„שלמה איז געווען קליגער פון אלע מענטשן“.

אלע מלכים האָבן פאר אים מורא געהאט; פעלקער האָבן אים געפאָלגט און צינז אים געבראכט; די פיש פון ים, די פויגלען פון הימל און בהמות און חיות פון פעלד פלעגן אליין קומען

אין זיין קיך, מען זאָל זיי קוילענען צו שלמה'ס סעודה; ער איז געווען רייך און מעכטיק מיט גיטער אָן א שיעור, פאַרמעגט גאָלד און זילבער אָן א צאָל; ער האָט ענטשיידעט רעטענישן, ענטפּלעקט פאַרבאָרגענישן און אויפגעדעקט סודות אָן אַ סוף; זיינע פיינט זיינען געוואָרן פריינט, און זיי פלעגן אלע קומען זען זיין פנים, און געגלוסט צו הערן זיינע רייד. זיין נאָמען איז געגאנגען צווישן מלכים און זיין קלוגשאפט — צווישן חכמים. הארן פון מדינות האָבן געבראכט צו אים זייערע טעכטער און זין פאר דינסטן און קנעכט. דער גרויסער שליסל צו די טויערן פון חכמה און פארשטאנד, איז אים געגעבן געוואָרן. ער האָט געוואוסט און פארשטאַנען די שפּראך פון פויגלען, בהמות און חיות. הירשן און אינדן זיינען געלאָפן פאר אים, לייבן און לעמפערטן האָבן געטראָגן זיין געווער.

ג.

די דריי רייזנדע.

דריי רייזענדע זיינען געפאָרן צוזאמען אין וועג. פרייטאג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט צו האלטן שבת אין איין אָרט. האָבן זיי אינאיינעם באהאלטן זייער געלט אין א פארבאָרגענעם אָרט.

שבת-צו-נאַכט, אז זיי זיינען געקומען צו יענעם אָרט, איז דאָס געלט ניט געווען, און יעדער רייזנדער האָט חושד געווען דעם אנדערן, אז יענער איז דער גנב.

זיינען זיי געקומען זיך לאדן פאר שלמה המלך, האָט שלמה אויסגעהערט זייערע טענות און צו זיי געזאָגט:

— ווי עס שיינט, זייט איר געניטע מענטשן און ווייסט אין

וועלט-זאכן, וואלט איך וועלן הערן אייער מיינונג, וועגן א פּאַ־סירונג וואס האָט געטראָפן אויף דער וועלט.

אין איין הויף, ערגעץ אין א שטאָט, האָבן צוזאמען גע־וואוינט א יונגע מיידל מיט א יונגען בחור. זיי האבן איינע די אַנדערע שטארק ליב געהאט, אבער צוליב געוויסע אורזאכן האָבן זיי זיך געמוזט שיידן. האָבן זיי איינע די אנדערע צוגעשוואוירן, אַז אָן אן ערלויבעניש פון איינעם צום אנדערן, טאָר קיינער פון זיי ניט חתונה האָבן.

עס איז אריבער א קורצע צייט, האָבן די עלטערן פון מיידל פאר'קנס'ט זייער טאָכטער צו אַן אנדער יונגנמאן. האָט דאָס מיידל געזאָגט צום חתן:

— איך וועל אנדערש דיין פרוי ניט ווערן, סיידן איך וועל באקומען אויף דעם די ערלויבניש פון יענעם און יענעם, מיט וועמען איך בין פארבונדן דורך א שבועה.

איז זי צוזאמען מיט'ן חתן אוועק צו יענעם און געזאָגט:

— נעם ביי מיר גאָלד און זילבער וויפיל דו ווילסט אליין, און באפריי מיך פון מיין שבועה.

האָט יענער געזאָגט:

— וויבאלד דו האלסט אזוי הייליק דיין וואָרט, באפריי איך דיך פון דיין שבועה מיט מיין גוטן ווילן און פארלאנג פון דיר גאָרניט. גייט בשלום אהיים און לעבט גליקלאך.

זיינען זיי אוועק צופרידענע אהיים. אויפ'ן וועג זיינען זיי אָבער באפאלן רויבער. זיי האבן צוגענומען דאָס גאנצע געלט און געוואָלט גוואלד-טאָן צו דער כלה. האָט די כלה געבעטן זיך ביים עלטסטן פון די רויבער:

— ריר מיך נישט אָן ביז דו וועסט מיך אויסהערן.

און זי האָט אים דערציילט אלעס וואס מיט איר איז פאַר־געקומען, און געזאָגט צום סוף:

— יעצט בארעכן זיך, אויב יענער, וואס האָט מיך לאנג ליב געהאט, האָט זיך באהערשט, געבראָכן זיין יצר הרע, און מיך נישט באַרירט, דו, שוין אן עלטערער מענטש, דארפסט געווים האָבן רחמנות מיט מיר. נעם צו מיין גאלד און זילבער, און לאָז מיך אָפּ בשלום מיט מיין חתן אהיים.

דער אלטער רויבער, שטארק גערירט פון די ווערטער, האָט ביי זיי קיין זאך נישט געוואָלט נעמען, און זיי אָפּגעלאָזט פריי.

— איצט — האָט שלמה פארענדיקט — וויל איך אויסהערן אייער מיינונג, ווער פון די אלע פּערזאָנען פארדינט דאָ מער גע־לויבט צו ווערן.

— נאָך מיין מיינונג — האָט איינער געזאָגט — פארדינט עס די כלה, וואס האָט געהאלטן אזוי שטארק די שבועה.

— איך דיינק — האָט געזאָגט דער אנדערער — אז דער גרעסטער לויב קומט דעם מאן, וואס האָט געבראָכן זיין **תאוה**, און זי נישט באַרירט.

— און איך האלט — האָט געזאָגט דער דריטער — אז דער רויבער האָט באוויזן מער שטארקייט פון אלעמען. ער האָט גע־האט פאר זיך אן אוצר מיט גאָלד און זילבער — און אָפּגעגעבן צוריק.

— אָט דאָס איז דער גנב! — האָט שלמה אָנגעוויזן אויפ׳ן דריטן, און געהייסן זיך נעמען צו אים, ביז יענער האָט געמוזט מודה זיין, וואו ער האָט דאָס גע׳גנב׳עטע געלט באהאלטן.

ד.

טויטע אויף תכריכים.

אז שלמה האָט געקלערט בויען דעם בית המקדש, האָט ער געשיקט צו פרעה נכה דעם קעניג פון מצרים, ער זאל אים שיקן קינסטלער־מייסטערס, און ער, שלמה, וועט זיי גוט באצאָלן.

האָט פּרעה־נכה צענויפגערופן אלע זיינע שטערן־זעער, און צו זיי געזאָגט:

— קוקט זיך צו און זעט די מענטשן, וואס דארפן שטארבן דעם יאָר, און איך וועל זיי שיקן צו שלמה׳ן.

ווען די קינסטלער פון מצרים זיינען געקומען צו שלמה׳ן, האָט ער דערזען דורך רוח הקודש, אז זיי דארפן אלע שטארבן דעם יאָר. האָט ער זיי באקליידעט מיט תכריכים און אָפּגעשיקט פּרעה׳ן מיט א בריוו:

— דו האָסט ניט געהאט קיין תכריכים אין וואס צו באגראָבן דיינע טויטע, שיק איך דאָ דיר זיי מיט פּארטיקע תכריכים.

ה.

שלמה׳ס שטול.

שלמה האָט געמאכט א שטול פון עלפאנטביין באדעקט מיט גאָלד, באשאָטן מיט פּערל און באזעצט מיט טייערע בריליאנטן פון אלערליי קאָלירן: רויטע רובינען, בלויע סאפירן, לויטערע בריליאנטן, גרינע סמארגאדן און אנדערע טייערע שטיינער.

אויף דעם שטול זיינען געשטאַנען צוועלף גאָלדענע לייבן און אנטקעגן זיי — צוועלף גאָלדענע אָדלערס. לייב קעגן אָדלער און אָדלער קעגן לייב. זעקס טרעפּ האָט דער שטול געהאט. אויף דעם ערשטן טרעפּ איז געלעגן א גאָלדענער לייב און אנט־קעגן — א גאָלדענער אָקס; אויפ׳ן צווייטן טרעפּ — א גאָלדע־נער וואָלף, אנטקעגן — א שאָף; אויפ׳ן דריטן — א גאָלדענער לעמפּערט, אנטקעגן — א גאָלדענע ציג; אויפ׳ן פערטן — א גאָלדענער בער, אנטקעגן — א גאָלדענער הירש; אויפ׳ן פינפטן — א גאָלדענער אָדלער, אנטקעגן — א גאָלדענע טויב; אויפ׳ן

זעקסטן — א גאָלדענער שפּארבער, אנטקעגן — א גאָלדענער שפּארלינג.

אין ביידע זייטן פון שטול, רעכטס און לינקס, זיינען געווען צוויי גאָלדענע קאטהעדערן (זיץ־פּלעצער) איינע פאר׳ן כהן גדול, די צווייטע פאר זיין סגן, און ארום שטול — זיבעציק גאָלדענע זיץ־פּלענער — פאר די זיבעציק זקנים — די סנהדרין.

אויפ׳ן שפּיץ פון שטול איז געשטאַנען א גאָלדענע טויב, האלטנדיק א גאָלדענע פעדער אין האנט. אויך איז דאָרט געווען א גאָלדענע מנורה מיט פערצן רערן; זיבן פון איין זייט און זיבן פון דער אנדערער זייט. אויף די זיבן רערן פון איין זייט זיינען געווען אויסגעשניצט די נעמען פון די זיבן אבות פון דער וועלט: אדם, נח, שם, אברהם, יצחק יעקב און איוב אין מיטן; אויף די זיבן רערן פון דער אנדערער זייט — די זיבן חסידים פון דער וועלט: לוי און עמרם, משה ואהרן, אלדד און מידד און חור אינמיטן.

ווען נאָר שלמה המלך פלעגט ארויף אויף די ערשטע טרעפּ, האָט זיך באלד אָנגעהויבן באוועגן די ראָד פון אינעווייניקסטן מעכאניזם: דער לייב שטרעקט אוים א פוס פון איין זייט און דער אָקס — פון אנטקעגן, און דער מלך לענט זיך אָן אויף זיי און שפּרייזט ארויף העכער. און אזוי ביי אלע טרעפּ. און ווען שלמה האָט זיך געזעצט אין שטול, האָט דער אדלער אים אָנגע־טאָן די קרוין אויפ׳ן קאָפּ און די טויב איז אראָפּ צום אָרון קודש, גענומען א ספר־תורה און דערלאנגט דעם קעניג אין האנט. דער כהן־גדול מיט די זקנים פלעגן דאן אויך אויפשטיין אָפּגעבן שלום דעם מלך, באלד זיך זעצן צוריק אויף די ערטער און אָנ־הויבן משפּט׳ן דעם פאָלק ישראל.

פרעה נכה האָט דעם שטול גענומען געפאנגען און אים גע־בראכט קיין מצרים, און אז ער האָט זיך געוואָלט זעצן אויף אים,

האָט דער לייב אויסגעצויגן דעם רעכטן פוס און פּרעה'ן געגעבן א קלאַפּ אין דיך — איז ער געבליבן א הינקעדיקער ביז'ן טויט.

ווען נבוכדנצר הרשע האָט חרוב געמאכט ירושלים און שפּעטער אויך מצרים, האָט ער דעם שטול אוועקגעפירט קיין בבל און געוואָלט זיך זעצן אויף אים, — האָט אים דער לייב אראָפּגעוואָרפן.

ווען דריוש האָט חרוב געמאכט בבל, האָט ער דעם שטול אוועקגעפירט קיין מדי, און קיינער איז אויף אים ניט געזעסן. שפּעטער, ווען אלקסנדר מוקדן האָט איינגענומען די גאנצע וועלט, האָט ער דעם שטול צוריקגעבראכט קיין מצרים. דערנאָך ווען אגיפונוס בן אנטיוכוס האָט חרוב געמאכט מצרים, האָט ער דעם שטול אָפּגעפירט אין א שיף, איז ארויסגעפאלן א פיסל און זיך פארדרייט אין א גאָלדענע קייט, האָט ער געבראכט די גרעסטע קינסטלער פון דער וועלט, און קיינער האָט דעם שטול ניט געקענט פאַרריכטן ביז אויף היינטיקן טאָג.

ו.

שלמה המלך און די מלכּת שבא.

1.

דער בריוו דורך די פויגלען.

איינמאָל, ווען שלמה איז געווען אויפגעלייגט, האָט ער איינגעלאדן אלע ארומיקע מלכים פון מזרח און מערב, און זיי באַזעצט אין קעניגס פּאלאץ.

דערנאָך האָט ער געהייסן נעמען זיין פאטער דוד'ס פידלען און צימבלען, פויקן און פלייטן, און שפּילן מיט זיי פאר די געסט. אויך האָט ער געלאָזט ברענגען אלע פויגלען פון הימל, אלע חיות פון פעלד און שרצים פון דער ערד, זיי זאָלן פאר אים טאַנצן.

דערביי האָט ער גערופן יעדן מין ביי זיין נאָמען, און יעדער איז ערשינען פריי און אליין, ניט גענויט, ניט געבונדן און ניט געפירט פון קיינעם.

דאָס האָט שלמה אלץ געטאָן, כדי צו ווייזן די מלכים זיין גרויסקייט.

אזוי האָט ער צווישן די עופות אויך אויסגערופן דעם אויער-האָן (Woodcock) און ער איז ניט געקומען. האָט שלמה מיט כעס באפוילן אים ברייננגען און באשטראָפן.

איז געקומען דער אויער-האָן און געזאָגט:

— הער זיך צו, מיין האַר, קעניג פון לאנד, און פאַרנעם מיינע רייד. שוין דריי חדשים אז א געדאנק אין קאָפּ לאָזט מיך ניט רוען. איך האָב קיין ברויט געגעסן און קיין וואסער גע־טרונקען, און אלץ געטראכט, איך וועל דורכשווּעבן די גאנצע וועלט, און אויסגעפינען, צי איז ערגעץ דאָ א לאנד אָדער קעניג, וואָס איז ניט אונטערטעניק צו מיין האַר, דעם קעניג. האָב איך זיך צוגעקוקט און געזען אין מזרח-לאנד, איין מדינה מיט דער הויפּט-שטאָט קיטור. אירע זאמד איז טייערער פון גאָלד, און זילבער וואלגערט זיך אין אירע גאסן ווי מיסט. בוימער וואקסן דאָרט פון אייביקע צייטן און וואסער פליסט דאָרט פון גן-עדן קוואל. זיי פאַרמאָגן פיל הארן און חיילות, מיט קרוינען אויף די קעפּ, אבער אנציען א בויגן קענען זיי ניט און צו פירן מלחמה זיינען זיי ניט געוואוינט. איין פרוי געוועלטיקט איבער זיי אלע־מען און איר נאָמען איז „מלכת שבא". אויב דו ווילסט, וועל איך זיך לאָזן אין לאנד שבא, אין דער שטאָט קיטור און וועל זי בריינ־גען צו דיר, מיין האַר, דער קעניג.

איז שלמה'ן געפעלן געוואָרן די זאך. האָבן די קעניגלאכע שרייבער אָנגעשריבן א בריוו און עס אָנגעבונדן אָן אויער-האָנ'ס פליגל.

האָט דער אויער־האָן זיך אויפגעהויבן הימל הויך, זיך גע־דרייט אין דער לופטן, ארום און ארום, ביז אלע פויגל האָבן זיך ארום אים אויפגעזאמלט. דאמאָלט האָט ער זיך געלאָזט פאַר־אויס און אלע פויגלען נאָך אים, און זיינען אוועקגעפלויגן, ביז זיי זיינען געקומען אין דער שטאָט קיטור, אין לאנד שבא.

פארטאָג, איז די מלכת שבא ארויס זיך בוקן צו דער זון, ערשט זי זעט א כמארע פויגלען פארשטעלן די זון, האָט זי עס באַטראכט און זיך געוואונדערט.

באלד האָט דער אויער־האָן זיך אראָפּגעלאָזט צו אירע פיס, און אויסגעשפרייט די פליגלען. האָט זי דערזען דעם בריף, עס אָפּגעבונדן, געעפנט און געלעזן:

„פון מיר שלמה המלך — פרידן צו דיר און פרידן צו דיינע הארן!

„זיי וויסן, אז גאָט האָט מיך געמאכט קעניגן איבער אלע חיות פון פעלד, פויגלען פון הימל ווי אויך איבער אלע שדים און רוחות, אלע מלכים פון מזרח און מערב, דרום און צפון קומען מיך באגריסן און זאָגן מיר שלום.

„איצט, אויב דו ווילסט קומען מיך באגריסן, וועל איך דיר אָנטאָן כבוד מער פון אלע מלכים; אויב אבער דו וועסט ניט קומען, וועל איך אָנשיקן אויף דיין מדינה מיינע מלכים, לעגיאָנען און רייטער. ווייסטו ווער זיי זיינען? די חיות פון פעלד — זיי־נען די מלכים; די פויגלען פון הימל — די רייטער, און די שדים — די לעגיאָנען. זיי וועלן אייך אומברענגען און אויסטויטן, אין הויז און פעלד, און אויפעסן אייער פלייש פון אייך.“

דערהערט די רייד פון בריוו, האָט די מלכת שבא צעריסן אירע קליידער און געשיקט רופן די ראטגעבער, זיי פרעגן וואָס צו טאָן.

2.

די מלכת שבא פאר דעם קעניג שלמה.

— ווייסט איר ניט, וואס פארלאנגט פון מיר שלמה המלך?

— האָט די מלכת שבא געפרעגט אירע ראטגעבער.

האָבן די ראטגעבער איר געענטפערט:

— מיר ווייסן ניט פון שלמה המלך, און שעצן ניט זיין קע־ניגרייך.

די מלכת שבא האָט זיי אָבער ניט געפאָלגט און ניט גע־הערט צו זייערע רייד. זי האָט געהייסן אָנלאָדן פיל שיפן מיט פּימפּסן־האָלץ, פּערל און בריליאנטן, מיטגענומען זעקס טויזנט אינגלאך און מיידלאך, אלע געבאָרן אין איין יאָר, איין חודש, איין טאָג און איין שעה, אלע אין איין הויך און איין וואוקס און אלע אָנגעקליידעט אין פּורפּור־וואָל, און זיך געלאָזט מיט זיי צום מלך שלמה קיין ירושלים.

דריי יאָר האָט געדויערט דער וועג, און נאָך דער צייט איז זי אָנגעקומען קיין ירושלים.

אז שלמה האָט דערהערט אז מלכת שבא איז אָנגעקומען, האָט ער ארויסגעשיקט צו איר בניהו בן יהוידע וואס האָט גע־לויכטן ווי דער מאָרגנשטערן און געווען שיין ווי די רויז ביים ברעג טייך.

אז די מלכת שבא האָט אים דערזען, איז זי אראָפּ פון רייט־וואָגן.

— באַגריסט זאָל זיין, דו גרויסער קעניג! — האָט זי גע־זאָגט.

— איך בין ניט דער קעניג — האָט בניהו צו איר געזאָגט — נאָר איינער פון זיינע דינער.

האָט זי זיך אומגעדרייט צו אירע דינער און געזאָגט:

— אויב איר האָט ניט געזען דעם לייב, זעט זיין נאָרע;
און אויב איר האָט ניט געזען שלמה'ן — קוקט אָן זיין שיינעם באַדינער.

האָט איר בניהו געבראַכט פאַר'ן קעניג, וועלכער האָט אויף איר געוואַרט אין אַ גלעזערנעם פּאַלאַץ, איז דאָס גלאָז געווען אַזוי קריסטאַל קלאָר און דורכזיכטיק, אַז זי האָט געמיינט, אַז ער זיצט אין וואַסער און אויסגעטאָן די שיך.

דערנאָך האָט זי געזאָגט צו שלמה'ן:

— איך וועל דיר פרעגן רעטענישן. אויב דו וועסט זיי קענען באַשיידן, וועל איך וויסן, אַז דו ביסט ווירקלאַך אַ חכם.

און זי האָט אָנגעהויבן:

— ס'איז מיט דעם געשפּייזט די ערד
און פון ערד קומט עס אַרויס;
גיסט זיך ווי וואַסער,
און מאַכט ליכטיק דאָס הויז.

— וואָס איז דאָס?

— אויל. — האָט שלמה געענטפערט.

האָט זי ווידער געפרעגט:

— „ווען שטורם רייסט מיט ווילדן געשריי
בויגט עס זיין קאָפּ, ווי אין וויי;
פאַר טויטע — אַ לויב און שבח,
פאַר לעבעדיקע — אַ שאַנד און שמאַך“.

— וואָס איז דאָס?

— פלאַקס.*)

*) ווען עס וואַקסט און עס שטורעמט, רוישן די שטאַנגען און די קעפּלאַך בויגן זיך. פון פלאַקס מאַכט מען תכריכים פאַר טויטע און פּראָסטע זאַכן פאַר אָרימע.

אַזוי האָט זי געפרעגט נאָך פיל רעטענישן און שלמה האָט איר אלעם באשיידט מיט גרוים קלוגשאפט.

דערנאָך האָט זי געבראכט פאר אים די יונגע אינגלאך און מיידלאך פון איין עלטער און איין וואוקס און אין די זעלבע קליידער און צו אים געזאָגט:

— דערקען, וועלכע זיינען אינגלאך און וועלכע מיידלאך?

האָט שלמה געהייסן ברייינגען נים מיט געברענטע זאנגען און געלאָזט ווארפן פאר זיי. האָבן די אינגלאך אויפגעהויבן די פאָלעם צו כאפן אין זיי, און די מיידלאך, שעמעוודיקע פון נאַטור, האָבן אויסגעשטרעקט די קאָפּטיכלאך.

האָט שלמה אָנגעוויזן אויף זיי און געזאָגט:

— דאָס זיינען די נקבות און יענע — די זכרים.

האָט די מלכת שבא געזאָגט:

— איך האָב ניט געגלויבט, ביז איך בין געקומען און מיינע אויגן האָבן געזען. איצט ווייס איך, אז מען האָט מיר אפילו א העלפט ניט דערציילט פון דיינע גרויסע און וואונדערבארע חכמות.

האָט זי געשענקט דעם מלך טייערע מתנות און דער קעניג האָט איר באדאנקט, און אָפּגעשיקט בכבוד אהיים.

ז.

שלמה המלך און דער אשמדי.

1.

ווי שלמה פאנגט דעם אשמדי.

ווען שלמה המלך האָט געבויט דעם בית המקדש, האָט ער געפרעגט די אידישע געלערטע פון זיין צייט:

— וואָס זאָל איך טאָן? די שטיינער, מיט וועלכע מען דארף

בויען דעם בית המקדש טאָר מען ניט האַקן מיט אַן אייזן, (ווייל פון אייזן מאכט מען כלי־זיין, וועלכע ברייננגען טויט און פאַר־ניכטונג, און דער בית־המקדש דאַרף בריינגען לעבן און שלום) — טו מיט וואָס זאָל איך דאָס האַקן?

האָבן די געלערטע געענטפערט:

— עס איז דאָ אַזא ווערימל, וואָס הייסט „שמיר". ער איז באַשאַפן געוואָרן פון פאַר ששת ימי בראשית, און אז מען לייגט אים אַרויף אויף אַ שטיין, שפּאַלט זיך דער שטיין.

— וואו קריג איך דעם שמיר? — האָט שלמה געפרעגט.

— ער געפינט זיך אין רשות פון די שדים און רוחות, דאַרף מען זיי רופן, און צווינגען, זיי זאָלן דיר אויסזאָגן, וואו דער שמיר איז.

האָט שלמה אַרויסגערופן די שדים און זיי געפרעגט וואו עס איז דער שמיר, האָבן די שדים געענטפערט:

— מיר ווייסן ניט, נאָר מעגלאַך, אז דער אשמדי, דער קעניג פון די שדים, ווייס יע פון דעם.

— וואו געפינט זיך דער אשמדי? — האָט שלמה געפרעגט.

— ער געפינט זיך אויף יענעם און יענעם באַרג. — האָבן די שדים געענטפערט — דאָרט האָט ער אויסגעגראָבן אַ גרוב און איר אָנגעפילט מיט וואַסער. דאַן האָט ער עס צוגעדעקט מיט אַ שטיין, און דעם שטיין פאַר׳חתמ׳עט מיט זיין זיגל. יעדן טאָג גייט ער אַוועק אויף אַ רייזע איבער דער וועלט און יענער וועלט, שטודירט דעם לעבן דאָ און דאָרט, נאָכדעם קומט ער צוריק צו זיין אָרט, קוקט איבער זיין זיגל, געפינט, אז עס איז גאַנץ, וואַרפט אָפּ דעם צודעק, טרינקט זיך אָן מיט וואַסער, פאַרדעקט די גרוב צוריק, פאַרזיגלט און גייט ווידער אַוועק.

האָט שלמה גערופן זיין שר הצבא בניהו בן יהוידע, געגעבן אים אַ קייט און אַ רינג, אויף וועלכע עס איז געווען אויסגעקריצט

דער „שם המפורש“, באַזאָרגט מיט בינטלאך וואָל און קריגלאך ווייז, און אים פאַרזאָגט ברייגגען דעם אשמדי געפאַנגען.

איז בניהו אוועק און אויסגעגראָבן א גרוב אונטער דעם גרוב פון אשמדי, ארויסגעלאָזט דאס וואסער פון דער אויבערש־טער גרוב, און פארשטאָפּט דאָס לאָך מיט וואָל. נאָכדעם האָט ער געמאכט א לאָך פון אויבן און דורך דעם אריינגעגאָסן ווייז, וועלכע איז אזוי אריינגעפלאָסן אין דעם גרוב, וואָס דער אשמדי האָט פאר׳חתמ׳עט מיט זיין זיגל; באלד האָט ער אויך דעם לאָך פארשטאָפּט מיט וואָל, זיך באהאלטן אין די צווייגן פון א בוים און געוואַרט.

שפּעטער איז דער אשמדי געקומען. ער האָט באטראכט דעם זיגל, און עס איז געווען גאַנץ, האָט ער אראָפּגענומען דעם צו־דעק פון גרוב, און האָט דערזען, אז עס איז פול מיט ווייז. האָט ער גענומען זיך שלאָגן מיט דער דעה, אויב ער זאָל טרינקען אָדער ניט. אבער ער איז געווען זייער דורשטיק, און זיך ניט געקענט באהערשן. האָט ער זיך אָנגעטרונקען, זיך איינגע־שכור׳ט, און געשמאק איינגעשלאָפן.

איז תיכף בניהו אראָפּ פון בוים, ארויפגעוואָרפן אויפ׳ן אשמדי די קייט און אים איינגעשמידט. דער אשמדי האָט זיך אויפגעכאפּט פון שלאָף, און געוואָלט זיך באפרייען פון דער קייט, אבער ער האָט ניט געקענט, ווייל דער „שם המפורש“ איז געווען אויף דעם. האָט אים בניהו געפאַנגען און געפירט צו שלמה׳ן.

אויפ׳ן וועג זיינען זיי פאַרבייגעגאַנגען א פאַלמען־בוים, האָט זיך דער אשמדי א קראַץ געטאָן דעם רוקן אָן דעם, און דער בוים איז אומגעפאַלן, דערנאָך האָבן זיי דערגרייכט א הויז — האָט דער אשמדי מיט איין שטויס דאס אומגעוואָרפן. זיינען זיי אָנגעקומען צו א געצעלט פון אן אלמנה, איז ארויס די אלמנה

און זיך געבעטן ביים אשמדי, ער זאל ניט אומוואַרפן איר געצעלט, איז ער אָפּגעשפּרונגען פון אירביידל און זיך צעבראָכן אַ פוס. איז ער ווייטער געגאַנגען אַ הינקעדיקער, און אויף זיך געזאָגט דעם פּסוק: „אַ ווייכע צונג קען צעברעכן אַ האַרטן ביין."

גייענדיק ווייטער, האָט דער אשמדי באַמערקט אַ בלינדן מאַן בלאָנדזשען, האָט ער אים אַרויפגעפירט אויפ'ן ריכטיקן וועג; געזען אַ שכור'ן וואַלגערן זיך — אים אַרויפגעבראַכט אויפ'ן גלייכן שטעג; אָנגעקוקט אַ חתונה, ווי מען פייערט מיט גרויס פרייד — האָט ער געוויינט; געהערט, ווי איינער באַשטעלט שיך, זיי זאָלן זיין גוט פאַר זיבן יאָר, — האָט ער געלאַכט; צולעצט באַגעגנט ער אַ מכשף, וואָס איז געזעסן אויף אַן אָרט און געפּראַוועט כשוף, — האָט דער אשמדי ווידער געלאַכט.

— זאָג מיר, — האָט בניהו געפרעגט — פאַרוואָס, אַז דו האָסט געזען דעם בלינדן בלאָנדזשען, האָסטו אים אַרויפגעפירט אויפ'ן וועג?

— ווייל — האָט דער אשמדי געענטפערט — אויף דעם בלינדן האָט מען אויסגערופן אין הימל, אַז ער איז אַ גרויסער צדיק, און ווער עס וועט טאָן מיט אים גוטס, וועט האָבן עולם הבא.

— און דעם שכור'ן פאַרוואָס?

— אויף אים האָט מען אויסגערופן, אַז ער איז אַ רשע, האָב איך מיט אים געטאָן גוטס, כדי ער זאל זיין חלק עולם הבא אָפּנעמען אויף דער וועלט.

— פאַרוואָס, דערזעענדיק די חופּה, האָסטו געוויינט?

— ווייל דער חתן דאַרף שטאַרבן אין דרייסיק טעג נאָך

דער חופה, און די כלה וועט דארפן ווארטן דרייצן יאָר אויף איר מאנס קליינעם ברודער, ביז ער וועט איר געבן חליצה.

— און וואס האָסטו געלאכט, ווען יענער האָט באשטעלט שיך גוט פאר זיבן יאָר?

— ווי זאָל איך ניט לאכן? ער האָט זיבן טעג צו לעבן און גרייט זיך אָן שיך אויף זיבן יאָר.

— און וואס האָסטו געלאכט פון מכשף?

— ווייל אונטן, אויף דעם אָרט, וואו ער איז געזעסן, ליגט באגראָבן א גרויסער אוצר, און ער, דער מכשף, וואָס מיינט, אז ער איז א גרויסער טרעפער, האָט עס גאָרניט געוואוסט.

אַזוי פירנדיק, האָט בניהו געבראכט דעם אשמדי קיין ירושלים צו שלמה המלך.

2.

שלמה המלך באקומט דעם שמיר.

נאָכדעם, ווי מען האָט געהאלטן דעם אשמדי דריי טעג גע־פאנגען, האָט מען אים געבראכט פאר שלמה המלך.

ווי נאָר דער אשמדי איז אריינגעטראָטן אין פּאַלאַץ, האָט ער גענומען א שטעקן, אפּגעמאָסטן מיט אים פיר איילן און דעם שטעקן א שליידער געטאָן פאר שלמה׳ן.

— וואָס באדייט עס? — האָט שלמה אים געפרעגט.

— דאָס באדייט, אז נאָך א גאנצן לעבן פון יאָגן זיך, בלייבט דער מענטש בלויז ביי פיר איילן ערד, און דו האסט שוין איינ־גענומען די גאנצע וועלט און ווילסט מיך נאָך אויך באהערשן.

האָט אים שלמה געזאָגט:

— איך פארלאנג פון דיר גאָרנישט. איך וויל נאָר דו זאלסט

מיר געבן דעם שמיר, אום איך זאל קענען מיט אים שפּאַלטן די שטיינער, וואָס איך דאַרף צו בויען דעם בית המקדש.

— ניט ביי מיר געפינט זיך דער שמיר, — האָט דער אשמדי געענטפערט — ער איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון דעם שר של ים, און דער שר של ים האָט אים איבערגעגעבן צו דעם אויער־האָן און אים באַשוואוירן, ער זאל אים אויסהיטן. האָט דער אויער־האָן פאַרטראָגן דעם שמיד אויף א הויכן פעלז, וואו אלעם ארום איז וויסט. דאָרט, אויפ׳ן פעלזן־שפּיץ, ווען נאָר ער לייגט אוועק דעם שמיר, שפּאַלט זיך דער פעלז, און עס עפנט זיך א טאָל, ברענגט גלייך דער אויער־האָן זאָמען פון פאַרשידענע פלאַנצן, און דער וויסטער אָרט ווערט באַוואַקסן און באַפרוכ־פּערט, און דער האָן האָט מיט וואָס צו שפּייזן זיינע קינדער.

האָט שלמה המלך ווידער געשיקט בניהו׳ן מיט מענטשן זוכן דעם אויער־האָן. האָבן זיי געפונען זיין נעסט, פול מיט יונגע פויגעלאך, און דער אויער־האָן אליין איז ניט געווען. האָבן די מענטשן דעם אריינגאַנג אין נעסט פאַרשטעלט מיט גלאָז. ווען דער האָן איז געקומען און ניט געקענט אריינגיין, האָט ער גע־בראַכט דעם שמיר, און אריופגעלייגט אויפ׳ן גלאָז, כדי עס צו שפּאַלטן. האָבן די מענטשן גלייך געוואָרפן בינטלאך ערד אויפ׳ן אויער־האָן און ער האָט זיך דערשראָקן און אָפּגעלאָפן אויף א שטרעקע ווייט, זיינען די מענטשן צוגעלאָפן און געכאַפּט דעם שמיר.

ווען דער האָן האָט געזען, אז דער שמיר איז פאַרלאָרן, האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין שבועה צום שר של ים, און פאַר גרויס צער האָט ער זיך דערוואָרגן.

און דעם שמיר האָט מען געבראַכט צו שלמה׳ן, און מיט אים געשפּאָלטן די שטיינער צום בית־המקדש.

3.

דער כח פון אשמדי.

האָט שלמה המלך געהאַלטן דעם אשמדי ביי זיך געשמידט אין קייטן, און גערעכנט אים פריי לאָזן ערשט נאָכ׳ן אויפבויען פון בית המקדש.

איינמאָל אָבער זיינען זיי געווען אליין אין א צימער, האָט שלמה געפרעגט דעם אשמדי:

— זאָג מיר, מיט וואס איז דיין קראַפט גרויס?

— נעם אַראָפּ פון מיר די קייטן, וועל איך דיר ווייזן מיין כח. — האָט דער אשמדי געענטפערט.

האָט שלמה אים געפאָלגט. ווי נאָר דער אשמדי האָט זיך דערשפירט פריי, האָט ער אויסגעשפרייט זיינע פליגלען, דער־גרייכנדיק מיט איין פליגל דעם הימל, מיט דער אנדערער — די ערד, פאַנאַנדערגעעפנט דעם מויל, איינגעשלונגען שלמה׳ן און אים אויסגעשפיגן פיר הונדערט מייל ווייט.

באלד האָט ער אָנגעקליידט שלמה׳ס קליידער, זיך פאַר־שטעלט אין זיין געשטאַלט און געקעניגט איבער די אידן אויף שלמה׳ס אָרט, און קיינער האָט ניט געוואוסט פון דער ענדערונג.

שלמה המלך האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערזען, אז ער געפינט זיך אין א פרעמדן אָרט, צווישן מענטשן, וואס קענען אים ניט, איז ער ארומגעגאַנגען און אלעמען געזאָגט: „איך בין שלמה, דער אי־דישער מלך פון ירושלים“, האָבן אים די מענטשן אָנגענומען פאַר אַ צעדרייטן, און אים ניט געגלויבט, איז ער געגאַנגען ווייטער און ווייטער, געבעטלט ברויט איבער די הייזער, אום צו דערהאַלטן זיין נשמה. און וואו ער איז געקומען, האָט ער אַלץ געזאָגט די זעלבע זאך: „אני שלמה“. און יעדער איינער האָט אים געהאַלטן פאַר א משוגענעם בעטלער.

אזוי איז ער אָנגעקומען אין ירושלים, און זיך דערשלאָגן צו די סנהדרין, פאר וועמען ער האָט גערעדט די זעלבע רייד, אז ער איז שלמה. האבן די אידישע געלערטע געזאָגט:

— א משוגע׳נער קען ניט זיין נאָר אויף איין זאך. עס מוז עפּעס זיין אמת אין דעם.

האָבן די סנהדרין אויסגעפרעגט די הויף-לייט, צי האָבן זיי געזען דעם קעניגס פיס (ווייל ביי די שדים זיינען די פיס הי־נערשע) האָבן זיי געזאָגט, אז ניט, ווייל ער טראָגט שטענדיק לאנגע זאָקן, און נעמט זיי קיינמאָל ניט אראָפּ פון די פיס.

האָבן די סנהדרין געבראכט שלמה׳ן אין פּאַלאַץ, און אים געגעבן דעם רינג און קייט מיט׳ן שם המפורש. ווי נאָר דער אשמדי האָט אים דערזען, איז ער אנטלאָפן.

האָט שלמה זיך צוריק געזעצט אויף זיין קעניגלאכן שטול און געקעניגט איבער׳ן פאָלק ישראל.

4.

דער צוויי-קעפּיקער מענטש.

איינמאָל איז צו שלמה׳ן געקומען דער אשמדי, דער מלך פון די שדים, און געזאָגט:

— ביסטו דאָס דער שלמה, וואס מען זאָגט אויף דיר, אז דו ביסט דער קליגסטער פון אלע מענטשן?

זאָגט שלמה:

— יע, אזוי האָט מיר גאָט צוגעזאָגט.

— אויב דו ווילסט, — זאָגט דער אשמדי — וועל איך דיר ווייזן א זאך, וואס דו האסט נאָך אין דיין לעבן ניט געזען.

— איך וויל.

האָט דער אשמדי אויסגעשטרעקט זיין האנט ביז אויף יע־

נער זייט ערד און פון דאָרט ארויסגעצויגן א מענטשן מיט צוויי קעפּ און פיר אויגן. האָט שלמה אויפגעציטערט און געהייסן פאַר־שליסן יענעם מענטשן אין א קאמער.

האָט ער גלייך געשיקט רופן בניהו בן יהוידע און אים גע־פרעגט:

— ווי זאָגסטו, זיינען פאראן מענטשן אונטער אונז, אויף יענער זייט ערד?

— איך ווייס ניט, — האָט בניהו געזאָגט — נאָר פון אהיתופל׳ן האָב איך געהערט, אז עס זיינען יא פאראן.

זאָגט שלמה:

— וואָס וועסטו זאָגן, אויב איך וועל דיר ווייזן איינעם פון זיי?

— ווי קענסטו דאָס באווייזן? — זאָגט בניהו — דורכגיין די טיף פון דער ערד, נעמט דאָך פינף הונדעו־ט יאָר.

האָט שלמה גלייך געשיקט, און מען האָט געבראכט יענעם צוויי־קעפּיקן מענטשן און באַוויזן בניהו׳ן.

ווי בניהו האָט אים דערזען, איז ער געפאלן מיט׳ן פּנים צו דער ערד און געמאכט די ברכה „שהחיינו“.

האָט שלמה געפרעגט יענעם מענטשן:

— ווער ביסטו?

— א מענטש, פון קין׳ס אָפּשטאמונג.

— וואו וואוינט איר?

— אין לאנד „תבל“.

— איז ביי אייך דאָ זון און לבנה?

— יא.

— ווי גייט אויף די זון און פארגייט?

— גייט אויף אין מערב און פארגייט אין מזרח.

— וואָס איז אייער ארבעט?

— ערד־אַרבעטער און פאסטוכער פון שאָף און רינדער.

— דאַוונט איר ?

— יאָ.

— וואָס איז אייער תפלה ?

— „ווי גרוים זיינען דיינע מעשים, גאָט, אלעם האָסטו באַשאַפן מיט חכמה."

— ווילסטו צוריק ?

— דאָס וועט זיין די גרעסטע טובה, ווען דו וועסט מיך אומקערן אהיים.

האָט שלמה געהייסן דעם אשמדי, ער זאָל דעם מענטשן ברענגען צוריק אין זיין לאַנד, אָבער דער אשמדי האָט געזאָגט, אַז דאָס קען מען שוין אייביק ניט טאָן.

איז דער מענטש פאַרבליבן דאָ. ער האָט אָנגעהויבן אקערן און שניידן, און איז געוואָרן רייך.

דערנאָך האָט ער גענומען א פרוי און זי האָט אים געבוירן זיבן זין. זעקס זיינען געווען געראָטן אין דער מוטער, און דער זיבעטער ווי דער פאָטער — מיט צוויי קעפּ און פיער אויגן.

אין א צייט אַרום איז דער מענטש געשטאָרבן, האָבן די זין זיך אָנגעהויבן קריגן פאַר ירושה, און דער צוויי־קעפּיקער זון האָט גע'טענה'ט, אַז ער באַשטייט פאַר צוויי, און דאַרף נעמען צוויי חלקים.

זיינען זיי געגאַנגען צו שלמה'ן זיך לאָדן. האָט שלמה צע־נויפגערופן די סנהדרין, און זיי געפרעגט, וואָס זיי זאָגן וועגן דעם.

האָבן די סנהדרין געשוויגן און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן.

האָט שלמה געזאָגט : „מאָרגן פרי שטעלט זיך צום משפּט".

אין האַלבע נאַכט איז שלמה אריין אין היכל, געבעטן צו גאָט און געזאָגט :

— רבונו של עולם, ווען דו האסט מיך און גבעון געפרעגט, וואס איך פארלאנג, האָב איך ניט געבעטן קיין גאָלד און זילבער, נאָר חכמה, כדי צו קענען משפט'ן די אידן מיט גערעכטיקייט. לייכט אויף מיינע אויגן, איך זאל ביי דיזן משפט ארויסגעבן אַ גערעכטן פסק־דין.

האָט גאָט אים געענטפערט: „אין דער פרי וועל איך דיר געבן חכמה".

ווי דער מאָרגן האָט אויפגעלייכט, האָט שלמה גערופן די סנהדרין און פאר זיי געזאָגט:

— מען דארף פרואוון, אויב איין קאָפּ פילט, וואס מען טוט דעם צווייטן, איז עס איין מענטש, און אויב ניט — זיינען עס צוויי.

האָט ער געהייסן ברייגנען קאָכיקע וואסער און ארויפגיסן אויף איין קאָפּ.

אָבער ווען מען האָט געגאָסן די וואסער, האָבן ביידע קעפּ מיטאמאָל געשריען:

— אדוני קעניג, מיר שטאַרבן, מיר שטארבן.

אז די אידן האָבן עס געהערט, האָבן זיי באַוואונדערט שלמה'ס גערעכטן משפט.

ח.

שלמה המלך'ס טאָכטער און איר באשערטער.

שלמה המלך האָט געהאט א טאכטער, וואס צו איר שיינ־הייט איז ניט געווען קיין גלייכן אין גאנץ ארץ ישראל. האָט שלמה א קוק געטאָן אין די שטערן צו זען, ווער וועט זיין איר באשערטער און מיט וועמען וועט זי חתונה האָבן. האָט ער גע־

זען, אז דאָס וועט זיין א יונגערמאַן, זייער אַן אָרימער. האָט שלמה ניט געוואָלט, אז זיין טאכטער זאָל חתונה האבען מיט אַזאַ אָרימאַן. וואס האָט ער געטאָן? האָט ער אויף אַן אינזל אין מיטן ים אויפגעבויט א הויכן טורם, אים ארומגעצוימט פון אלע זייטן, און דאָרט אריינגעזעצט זיין טאָכטער. ער האָט איר באַזאָרגט מיט שפּייז פאר א לאנגע צייט, פארקלאפּט אלע טירן, און געזאָגט: „אזוי וועל איך איר אויסהיטן פון גאָטס באַשטימונג".

האָט אָבער געטראָפן אין א קורצע צייט ארום, אז דער אָרימער באשערטער איז איינמאָל געגאנגען ביינאכט אין וועג און ער איז געווען באָרוועס און נאקעט, הונגעריק און דורשטיק. האָט ער דערזען א פעל פון אן אָקס, וועלכע האָט זיך געוואַלגערט ביים זייט פון פעלד, און ער האָט זיך איינגעדרייט אין דעם, צו דערוואָרימען זיינע דורכגעקעלטערטע גלידער, און איז אזוי איינגעשלאָפן. דערווייל איז אָנגעפלויגן א גרויסער פויגל, דער פייניקס, און ווי ער האָט דערזען דאָס פעל, האָט ער עס אַוועקגעטראָגן צוזאמען מיט'ן איינגעדרייטן בחור אויפ'ן דאַך פון יענעם טורם אויפ'ן אינזל אין מיטן ים, וואו שלמה המלך'ס טאָכטער איז געזעסן איינגעשפּארט. דאָרט, אויפ'ן דאַך, האָט דער פויגל אויפגעגעסן דאָס פעל און דעם בחור ניט אָנגערירט, ווייל דער פייניקס עסט ניט קיין מענטשן.

איז דער אָרימער בחור געבליבן זיצן אויפ'ן דאַך, געקוקט און זיך געוואונדערט.

אַז דער פרימאָרגן איז אויפגעגאנגען, איז דאָס מיידל ארויס פון איר צימער צו שפּאצירן אויפ'ן דאַך, און האָט דערזען דעם בחור. פרעגט זי אים:

— ווער ביסטו? און ווי קומסטו אהער?

האָט ער איר געענטפערט:

— איך בין א איד פון דער שטאָט עכו און א פויגל האָט מיך אהער געבראכט.

האָט זי אים אריינגענומען אין איר צימער, און אים געגעבן נייע קליידער. האָט זיך דער בחור ארומגעוואשן און ארומגע־רייניקט, אויסגעפוצט זיך אין די נייע קליידער און מיט אמאָל אויסגעזען אזוי וואונדערבאר שיין, וואס איז געווען זעלטן צו טרעפן. ער האָט זיך אויך ארויסגעוויזן פאר זייער א שארפ־זיניקן און קלוגן, געבילדעט און באהאוונט אין אלעם און די בת מלך האָט אים ליב באקומען אין איר הארץ.

איין טאָג האָט זי אים געפרעגט:

— וואָלסטו וועלן מיט מיר חתונה האָבן?

— הלואי, כאָטש שוין! — האָט דער בחור געענטפערט.

האָבן זיי ניט געהאט מיט וואס צו שרייבן די כתובה. וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט זיך געשלאָגן בלוט און מיט די פארב פון בלוט האָט ער געשריבן פאר איר די כתובה. דאן האָט ער איר מקדש געווען און געזאָגט:

— אן עדות איז גאָט און עדות זיינען די מלאכים מיכאל און גבריאל, אז זי ווערט איצט מיין פרוי כדת משה וישראל.

און אזוי איז זי געוואָרן זיין ווייב.

אין א צייט ארום איז שלמה געקומען זען, וואס זיין טאָכ־טער מאכט. ערשט ער זעט דעם יונגנמאן, און איז געוואָרן זייער פארוואונדערט.

האָט אים די טאָכטער געזאָגט:

— גאָט האָט מיר צוגעשיקט א שיינעם און א גוטן בחור, א געלערטן און א חכם, און ער האָט מיך מקדש געווען און מיט מיר חתונה געהאט.

האָט ער געוויזן דעם קעניג די כתובה, און דער קעניג האָט אים אויסגעפרעגט אויף זיינע עלטערן און זיין שטאָט, און גלייך

דערקאנט פון זיינע רייד, אז דאָס איז דערזועלבער באַשערטער, וואָס ער האָט געזען אין די שטערן.

ער האָט אויך געזען זיין שיינקייט און געהערט זיין חכמה און ער האָט זיך זייער געפרייט און געזאָגט:

— געבענטשט איז גאָט, וואס באפעלט און פירט דורך זיינע באפעלן.

יונה הנביא אין פיש.

גאָט האָט זיך באוויזן צו יונה הנביא און אים געזאָגט:

— גיי און רוף אוים אין די גאסן פון נינוה: אַז אין פערציק טעג ארום וועט די שטאָט איבערגעקערט ווערן צוליב די זינד פון אירע איינוואוינער!

האָט יונה געטראכט ביי זיך אין הארצן: גאָט איז א גוטער און א דערבארעמדיקער. איינמאָל האָט ער מיך געשיקט אָנזאָגן, אז ירושלים וועט חרוב ווערן, דערנאָך האבן די אידן געטאָן תשובה און גאָט האָט זיי מוחל געווען און געלאָזט די שטאָט שטיין, — האָט מען מיך גערופן: פאלשער נביא! איצט, וועלן געווים די איינוואוינער פון נינוה אויך תשובה טאָן צו גאָט, און מיינע נביאות וועט ניט מקוים ווערן, און מען וועט מיך ווידער רופן: פאלשער נביא. וועל איך דעריבער בעסער אנטלויפן פון גאָט.

איז ער אנטלאָפן קיין יפו, און איז דאָרט ארומגעגאנגען צוויי טעג אויפ׳ן ברעג פון ים און געזוכט א שיף, און ניט געפונען.

איז געקומען א שטורם-ווינט, און א שיף וואס איז שוין געווען אָפגעשוואומען פון יפו, א שטרעקע פון צוויי טעג, איז צוריק פארוואָרפן געוואָרן צום ברעג אין יפו.

אנטיוכוס עפיפאנוס מלך יון, הי' מטבעו עריץ ואכזר, והכריע את העמים שמסביב למלכותו בהלחמו אתם עד שהיו עבדים נכנעים לו, ובזה לא אמר די, אלא גבה לבו לפרוש מצודתו גם על „עם ישראל" שישב לבטח בארצו, ויצא ללחום בחיל כבד ונצח את ישראל.

ומאז הכביד את אכפו על העם במסים וארנוניות ולחץ אותו בידו החזקה וידל ישראל מאד. — ואחרי כן גזר עליהם שלא ילמדו את התורה ולא יקיימו את המצות, והגיח בחילו הכבד והעצום ירושלימה, ושם מצור על העיר ללכדה ברעם ורעש מלחמה; ויהי כאשר נלכדה ירושלים, נכנסו חיליו הרבים „להיכל" וטמאו את כל השמנים המיוחדים „להדלקת המנורה", ולא נמצא שם רק פך אחד שמן טהור שהי' חתום בחותמו של כה"ג, ולא הי' די להדליק רק על יום אחד ונעשה נס והדליקו בו ח' ימים.

בדברי רבותינו אלה (לבד פשטיות הספור שכך הי' הדבר) צפון רעיון נפלא בחיי עמנו, בעניני הדת והאמונה בתקופה ההיא. — היונים האכזרים והעריצים התיעצו על קדשי בני ישראל „לטמא את השמן שבהיכל — היא התורה והאמונה הטהורה — המאירה כשמן זית טהור בלב העם העתיק-יומין, שלחו יד גם בזה „להשכיחם תורתו ולהעבירו מחקיה," אבל לא עלתה בידם העצה הזאת „כי לא תשכח מפי זרעו" כתוב בתורה „ונשאר עוד פך אחד של שמן" וממנו הדליקה את המנורה — מאז ועד היום לא כבה אור הנרות הללו; והנס הגדול הזה נעשה ע"י „מתתיהו כה"ג חשמונאי ובניו — המה הגבורים אנשי השם, גבורי הרוח והאומה, שמסרו את נפשם ללחום עם האויב האכזר בשארית כחם ואונם, ועפ"י ההשגחה העליונה נצחו את היונים והצילו מידם את כל קדשי עמנו, ונר-מצוה

ואור התורה והאמונה החל להאיר בלב בני ישראל; ולזכר הנס ההוא — קבעו שמונת ימי חנוכה אלה להלל והודאה ומדליקין את הנרות...

והימים האלה „של חנוכה" מורים לנו, כי כל כלי יוצר עלינו לא יצלח — כל התקופות הרעות שעברו על עמנו מכל האכזרים והעריצים, וכל המחשבות והתחבולות להפר את עמנו מלמוד „התורה" וקיום המצוות, עלו לשוא ולתוהו: ובכל שנה ושנה כשאנו מסתכלים בעין חודרת „על הנרות הללו שאנו מדליקין" על אורם הזך והטהור, עלינו לדעת ולהבין שלא יכלו לשלוט בנו ידי „האכזרים" אשר שמם וזכרם אבד מן העולם ונמחה לגמרי, אבל שם ישראל עומד וקיים לעד ע"י אור התורה ונר־מצוה המאיר בלב כל אחד.

והכח הנפלא הטמון בעמנו, בשמירת „הדת והאמונה" במסירת נפש, מדור דור, עמד בפניו למגן ולמחסה בכל עתות בצרה, וכל הסערות ורוחות רעות שבעולם לא הזיזוהו ממקומו.
ובשומי אל לבי החזיון הנפלא של העם „הנצחי" — אשר גם אנכי הצעיר, נחשב לאחד ממנו, וביום הזה כאשר נעשיתי לבר־מצוה לקבל עלי את מצות־התורה ושמירת הדת־והאמונה הצרופה, ישמח לבי בקרבי ותגל נפשי להיות חבר לעמנו, ותקות נפשי חזקה עלי כי אחזיק במעוז „התורה והדת" ולא ארפנו מידי בכל לבבי ונפשי, וזכר שם הגבורים החשמונאים יהי' תמיד למופת לנגדי, לבלתי סור מדרך הטובה והישרה ולהיות „עברי" נאמן לאלקים ועמו הנפלא והמצטיין על כל אומה ולשון שבעולם.

ומה נאמנים ונמרצים דברי החוזה (שקראתי היום בהפטרה): לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי אמר ד'

— כח העם הישראלי אינו תלוי בחיל וכח כמו שאר העמים יושבי תבל — כי אם ברוח — עפ"י כח האלקי החופף עליו ממרום ושומר אותו מכל רע, הוא המעמידו והמקיימו לעולמי עד!...

וד' יתן בלבנו אהבתו ויראתו לעשות רצונו ולעבדו בלבב שלם, ונזכה „להדליק את הנרות" בשמן זית זך וטהור במנורה שבהיכל קדשנו כמו שהי' לנו בדורות הראשונים כשהי' עמנו על אדמתו, ואז יהיו הימים של חנוכה קבועים להלל והודאה לא' המפליא לעשות.

דרשה יב.

(כשחל בחג-השבועות)

בחודש השלישי לצאת בנ"י מארץ מצרים וגו' באו במדבר סיני, וגו' ועתה אם שמוע תשמעו בקולי ושמרתם את בריתי והייתם לי סגלה מכל העמים וגו' ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש וגו'.

(שמות יט).

אורחים נכבדים!

זה היום עשה ד' נגילה ונשמחה בו!

באתם כאיש אחד חברים לקחת חבל בשמחתי. — זה היום חג-מיוחד לי, שבו נעשיתי ל ב ר - מ צ ו ה כשנמלאו לי ש ל ש - ע ש ר ה שנה מיום הולדי!

ביום הזה הנני מקבל עלי את עול ה ת ו ר ה ו ה מ צ ו ת כאחד מבני עמי, להיות א י ש - י ה ו ד י נאמן, בכל ימי חיי.

אבל מה מאד ישמח לבי בקרבי, כי ביום זה שנעשיתי בר-מצוה — בו נ ת נ ה ה ת ו ר ה ל י ש ר א ל על הר-סיני, ונקרא „ח ג - ה ש ב ו ע ו ת" (גם חג-הבכורים).

וע"כ בעלותי לתורה היום והתבוננתי בשום לב על הדברים שקראו לפני, נעים לי לדבר לפניכם, יקירי, מאשר עלה ברעיוני להבין את דברי התורה.

כשעמד כל העם לפני הר-סיני מקטן ועד גדול, בלב שלם ונפש חפצה, בלי שום התנגדות ופרוד-הדעות (ויחן שם ישראל

כ א י ש א ח ד) ונותן־התורה השמיע את הד קול דברו למשה — לאמר: ו ע ת ה א ם ש מ ו ע ת ש מ ע ו ב ק ו ל י — לקבל את למוד התורה וקיום מצותיה — שאנכי נותן לכם היום, אז תהיו ל י ס ג ל ה מ כ ל ה ע מ י ם, כי כל הכבוד וההצטינות של ע ם י ש ר א ל הוא אך מפני שקבל את התורה, ולא קבלוה שאר האומות, ומלבד שיהי' העם לתהלה יותר מכל „תהיו עוד ממלכת כהנים וגוי קדוש" — במעלה רמה וגבוה — יחום עצמיי בהתרוממות הרוח והשלמות, שיקבל ישראל בשמירת ה ת ו ר ה.

והנסיון הזמני הראה לנו לדעת ולהבין, בשנות אלפי נדודנו ופזורנו בין הגוים, שכל זמן שבני ישראל שמרו את התורה וקיום המצות, נתקיימו שני „התנאים" האלה שהותנה עמם בנתינת „התורה": א) הצטינותו על כל האומות. ב) רום מעלתו והוד מעלתו העצמי.

אבל באותן התקופות, שרפו ישראל את ידיהם מ ל מ ו ד ה ת ו ר ה ו ש מ י ר ת ה מ צ ו ת לא נתקיימו בהם שני „התנאים" הנזכרים; היו לנבזים ושפלים בין העמים שנתפזרו ביניהם, ונפלו ממעלתם ורוממותם; מלבד מה שבא עליהם כל צרה ומצוקה מכף לוחציהם ומעניהם.

וע"כ בשימנו אל לב, את קדושת־החג הזה של מ ת ן ־ ת ו ר ת נ ו, עלינו לשמוח בלי שעור וגבול, מה שזכינו לקבל את ה ת ו ר ה; ואנכי הצעיר, שבע רצון ונחת כי בזה היום הייתי ל ב ר ־ מ צ ו ה לקבל את שמירת התורה וקיום מצותיה.

וחוב קדוש מוטל עלינו תמיד לזכור את מעמד הר־סיני ונתינת־התורה לנו, וזה יעשה רושם חזק על לוח לבבנו, לקיים את כל „התנאים" שהותנה בינינו אז; גם להשריש בלב בנינו

ובנותינו אהבת „התורה וקיום המצות", ואז נהי' בטוחים כי יתקיימו בנו גם „הדברים" שהשמיע ד' בנתינת-התורה.

וכל אחד מישראל, צריך לשמוח ביום הקדוש הזה „שנתנה בו התורה", ואל ישכח, שזה הוא קיומנו במשך גלותנו וימי נדודנו; ודבר זה לא יוכל שום איש לכחש כלל, שזה מאומת לנו עפ"י נסיון הזמן הרב שעבר מיום מתן-תורתנו עד היום הזה!

וע"כ אורחים נכבדים! שימו לב לכל הדברים שאמרתי היום לפניכם, כי לא מלבי הוצאתים, וגם אתם ידעתם זאת, והעיקר שיהיו הדברים ערוכים ושמורים בלבנו תמיד, וזה יגרום לנו להתחזק בלמוד התורה וקיום מצותיה. ונזכה לכל הטוב שהובטח לנו.

וזאת ידוע לנו, כי אנו עומדים בתורתנו ודתנו לאות ולמופת לכל באי עולם, זה אלפי שנים, וכלם הולכים לאורנו; ובלעדי התורה היינו מגששים כעור באפלה — בחשכת הגלות הארוכה. וע"כ בהגיע יום מתן-תורתנו — הוא גם חג-הבכורים, צריכים אנו לשמוח מאד בקבלת-התורה שהיא לאור לנו תמיד, ובה נקום ונתעודד בין העמים השונים, וביד רמה נשא את דגלה. וכלם ידעו ויכירו כי אנחנו עומדים „עליון על כל גויי-הארץ" וכמו שכתוב בתורה: „ולתתך עליון לשם ולתהלה ולתפארת", ואת חג הבכורים, נזכה לחוג אותו בשמחה ובטוב לב על אדמתנו ולהביא ראשית בכורנו לבית אלקינו בעיר קדשנו, במהרה בימינו.

דרשות לבר מצוה בחקר „הלכה"

בנויות על יסודי ההגיון

„ברוח הפלפול התלמודי"

ד ר ש ה א.

חקר-הלכה

בדין הנחת תפלין בשבת ויום-טוב.

ב מ ס כ ת מנחות (דף ל"ו) ועירובין (דף צ"ו) איתא: שאין מניחים תפלין בשבת ויו"ט (וכן נפסק להלכה בשו"ע או"ח הלכות תפלין סי' ל"א).

והטעם בזה, מפני דגבי תפלין כתוב „וקשרתם לאות על ידך" ושבת ויו"ט הם עצמם „אות" לישראל, ואם מניחים בהם תפלין, שהם אות אחר, הוה זלזול „לאות" שלהם. ואם הניח תפלין בשבת ויו"ט לשם מצות תפלין עובר „בלאו דבל תוסיף" (שנאמר בתורה „לא תוסיפו על הדבר אשר אנכי מצוה אתכם").

ויש להסתפק: אם בכל ימי החול לא הניח תפלין והניחם בשבת ויו"ט, אם עובר „בבל תוסיף"? משום דיש לומר ד ב ל-ת ו ס י ף לא שייך אלא כשעשה המצות והוסיף עליה, אבל כשלא עשה המצוה לא שייך „בל תוסיף", ואם כן בזה שלא הניח „התפלין" בכל ימי החול אינו עובר בבל תוסיף כשהניחם בשבת או ביו"ט?

והנה במסכת „ראש השנה" (דף לג.) איתא: „אין מעכבים את התנוקות מלתקוע (בשופר) בראש-השנה, אבל נשים מעכבים". ופירש"י שם וז"ל: „משום דנשים פטורות לגמרי מתקיעת שופר ואם תוקעים בשופר הנן עוברות „בבל תוסיף"

עכ"ל. הנה מדברי רש"י משמע דסבירא לי' דשייך „בל-תוסיף" אף אם לא עשה המצוה.

מיהו המהרש"א ז"ל כתב שם כמתפלא על דברי רש"י אלה: מאי „בל תוסיף" שייך הכא, הלא דלא שייך „בל-תוסיף אלא בעושה המצוה ומוסיף עלי"?

ונראה להביא ראי' באם לא עשה המצוה לא שייך „בל תוסיף" (לא כדעת רש"י) מהא דאיתא בסוכה (דף מ"ז) „איכא דאמרי דכולם לא פליגי דלא מברכים (לישב בסוכה) כו', אמר רב יוסף נקוט (אחוז) דברי ר' יוחנן בידך „דמיתב נמי לא יתבינן דמרא דשמעתא מני רב יהודא ברי' דר"ש ב"ש והוא בעצמו ישב מחוץ לסוכה (בשמיני ספק שביעי).

ולפי זה קשה מהא דרב הונא בר ביזנא וכל גדולי הדור שישבו בסוכה (בשמיני ספק שביעי) כדאיתא שם? ומוכרחים אנו לומר דר' יוחנן דסבר דאינם יושבים בסוכה (בשמיני ספק שביעי) משום דיש היכר שאין מברכין (לישב בסוכה) באותו יום לא הוה כמוסיף. וע"כ ניחא הא דרב הונא בר ביזנא וכל גדולי הדור דישבו בסוכה (בשמיני ספק שביעי) משום שבאו מחוץ לעיר (שהיו רועים את בהמתם בשדה) ולא ישבו בסוכה כלל כל ימי החג, ולכן ישבו בשמיני ספק שביעי בסוכה דבזה לא עברו בבל תוסיף, כיון שלא התחילו במצוה של ישיבת סוכה בכל ימי החג.

אבל לא כן ר"י ברי' דר"ש בר-שילת שישב בסוכה כל ימי החג, לכן בשמיני ספק שביעי ישב מחוץ לסוכה שלא יעבור „בבל-תוסיף", וע"כ אמר רב יוסף „נקוט דברי ר' יוחנן בידך" דמודים לו רבנן בזה דעובר על בל-תוסיף.

אם כן, נפתר לנו הספק בראש דברינו „מי שלא הניח תפלין כל ימי החול והניחם בשבת או ביו"ט אין בזה משום „בל-תוסיף".

דרשה ב.

חקר הלכה:

אם טעה והניח תפלין קודם אור היום ובירך,

אם צריך לברך עוד עליהם ביום?

הנה זמן הנחת התפלין הוא בבוקר משיראה את חברו הרגיל עמו קצת ברחוק ד' אמות ויכירנו, כן מבואר במס' (ברכות דף ט' ע"ב) ונפסק להלכה בשו"ע או"ח סי' ל' סעיף א'.

אבל אם טעה והניח תפלין קודם אור היום ובירך עליהם, אם צריך לברך פעם שנית עליהם ביום?

יש דעות הפוסקים בעל „אליהו רבה" „והברכי יוסף" ועוד הסוברים שמן התורה לילה זמן תפלין (רק מדרבנן נוהגים כעת שלא להניח תפלין בלילה) א"כ יש לסמוך על הברכה שברך קודם אור היום ויצא ידי חובתו בזה, שאין צריך לברך פעם שני ביום.

אבל יש לתמוה על הפוסקים האלה, כיון שרבנן גזרו שלא להניח תפלין בלילה, א"כ ודאי אינו מקיים שום מצוה בהנחתם בלילה, ואדרבה איסורא יש בזה כיון דעקרו חכמים מצות תפלין בלילה לגמרי, ואם בירך עליהם בלילה הוה ברכה לבטלה ואינו יוצא בברכה זו, א"כ כשיגיע הזמן ביום צריך לברך פעם שנית עליהם בכדי לצאת מצות הנחתם בשעה הראוי' להם?

ואף שמצינו לענין אם השכים לצאת לדרך קודם אור היום, דיוכל להניח את התפלין ויברך עליהם אפילו קודם הזמן ואין צריך לברך פעם שנית ביום (לדעת איזה פוסקים מן הראשונים)?

יש לומר דשאני דין זה, דעיקר הטעם דאסרו חכמים להניח

תפלין בלילה משום דחיישינן שמא יישן בהם, א"כ מי שכבר ישן בלילה והשכים לצאת לדרך, ליכא בזה חשש שינה, ובאופן זה לא אסרו חכמים, ממילא איכא גם כן מצוה בהנחתם, לפיכך צריך לברך עליהם באותה שעה ויוצא ידי חובתו, וע"כ אין צריך לברך שנית ביום.

אבל אם יושב בביתו וטעה והניחם בלילה באיסור וברך עליהם ודאי ברכה לבטלה היא, וצריך למשמש עליהם בבוקר כשיאור היום ולברך עליהם שנית, משום שלא יצא עדיין ידי חובת המצוה של „הנחת תפלין" בלילה.

לפי זה נפתר לנו הספק הנזכר בריש דברינו.

ד ר ש ה ג.

חקר-הלכה :

בדין אם נשמטו התפלין ממקום הנחתם שצריכים להיות בשעת התפלה ומחזירם למקומם, אם צריך לברך פעם שניה?

הנה בשוע" או"ח (סי' כ"ה סעיף י"ב) נפסק הדין אם נשמטו התפלין ממקומם הראוי להיות וממשמש בהם להחזירם למקומם צריך לברך שנית (אף שכבר ברך בשעה שהניחם תחלה).

אבל עדיין יש להסתפק : „אם דוקא כשנשמט כל ה ת פ ל ה (או רובה) ממקומה והיא עתה כולה חוץ למקום תפלין, אז צריך לברך כשמחזירה על מקומה, או דילמא אף אם נשמט רק מ י ע ו ט ממקומה ג"כ צריך לברך" ?

הנה דעת הט"ז בהלכות ציצית (סי' ח' ס"ק י"ד) „באם נשמטו התפלין רובן ממקומם ומיעוט נשאר במקומם דצריך לברך כשמחזירם למקומם דהוה כמניחם מחדש", נראה מדבריו דדוקא כשנשמטו כולן או רובן ממקומם אז צריך לברך, אבל אם נשמט רק מיעוט אין צריך לברך.

ומזה יש להוכיח עוד : „דאם אפילו בתחלת הנחתן הניחם באופן שרק רוב התפלין מונחים במקומם ג"כ מקיים מצות תפלין ויוצא ידי חובתו". ולפי זה יש לנו ללמד זכות על אותם האנשים המניחים תפלין וקצה התחתון של ה ת י ת ו ר א (הוא קצה השני הבולט לצד השער שנגד המצח) אינו מתחיל בעקרי השער כהלכתם (המבואר בסי' כ"ז סעיף ט') רק מעט למטה ממנו יוצאים ידי חובת המצוה, כיון ד ר ו ב התפלין מונחים במקומם.

ודוגמא לזה מצינו (בירושלמי יומא פ"ב) גבי תרומת הדשן שהיה חותה במחתה את הדשן מעל המזבח לא פחות ממלא קומץ וצריך לתנו אצל המזבח במזרחו של כבש כדכתיב והרים את הדשן וגו' ושמו אצל המזבח, ושאלו שם (בירושלמי) תרם (את הדשן) והפריחתו הרוח? פשוטו: שם מקומץ שנתנו על גבי האשים (כלומר על האש) להקטירו והפריחתו הרוח דס"ל לר"י דאם נקטר רובו והמיעוט נפרח ברוח נתכפרו הבעלים, א"כ הוא הדין בתרומת הדשן אם שם רובו במקומו אצל המזבח אף שנפרח מיעוט ברוח יצא, ואין צריך לחתות פעם אחרת, דהוה לי' כמו כל הדשן שתרם מונח אצל המזבח (עיין שם בירושלמי).

אם כן הוא הדין הכא לענין תפלין, אף דבעינן שיהיו כל התפלין מונחים במקומם לכתחילה, בכל זאת בדיעבד אם היו התפלין מונחים על מקומם ברובח ונשמט רק המיעוט ממקומם, אין צריך לברך כשמחזירם למקומם.

ולפי זה נפתר לנו הספק הנזכר בריש דברינו.

דרשה ד.

חקר הלכה

בדין היסח הדעת בתפלין

במסכת שבת (דף י״ב ע״א) איתא: אמר רבה בר״ה חייב אדם למשמש בתפלין (בשעה שהם אליו) כל שעה כו׳ — משום דיש בהם הזכרות (שמות הקודש) הרבה מדכר דכיר להו ולא יסיח דעתו מהם.

ומהו ענין היסח־הדעת דאסור בשעה שהתפלין מונחים על האדם? מצינו בזה שיטת הראשונים.

הרמב״ם (בפ״ד הל״ת) כתב בזה הלשון: חייב אדם למשמש בתפלין כל זמן שהם עליו שלא יסיח דעתו מהם אפילו רגע אחד שקדושתן גדולה כו׳ עכ״ל. נראה שהוא מדרש „היסח־הדעת" ממש שלא ישכח על קדושת התפלין בשעה שהם מונחים עליו.

והרב רבנו יונה (בברכות) מפרש דהיסח־הדעת נקרא „אלא שחוק וקלות ראש" דזה אסור בשעה שהתפלין עליו, אבל כשעומד ביראה והכנעה ומתעסק בצרכיו (בשעה שהתפלין עליו) ואין דעתו עליהם ממש, אין זה היסח הדעת, דאם לא תימא הכי, איך יכול אדם להניח תפלין כל היום, ולא יסיח דעתו מהם אף רגע, הלא לא נתנה תורה למלאכי השרת?

ובאמת הקשו המפרשים על שיטת הרמב״ם „איך שינת עראי מותר בתפלין", הלא לפי פירושו אסור להסיח דעתו מהם, ובשעה שמתנמנם מסיח דעתו?

אכן נראה שהרמב״ם אזיל לשיטתו, כי אחר שהביא את

הדין „שלא יסיח דעתו מהם אף רגע" כתב עוד: „תפלין צריכים גוף נקי כל זמן שהם עליו לפיכך אסור לישן בהם לא שינת קבע ולא שינת עראי כ"ז שהם עליו אלא א"כ הניח עליהם סודר ישן בהם שינת עראי עכ"ל.

ומקור דבריו אלה נובעים מהא דאיתא בסוכה (כ"ו) „תני חדא ישן אדם בתפלין שנת עראי, אבל לא שינת קבע, ותניא אידך בין קבע בין עראי, ותנא אידך לא קבע ולא עראי, לא קשיא, הא דנקט לי' בידו, הא דמנח ברישי', הא דפרים סודרא עלמהו.

ומפרש הרמב"ם: דאם מנחי התפלין בראשו לא יישן לא קבע ולא עראי, ואם כסה עליהם בסודר ישן שינת עראי אף כשהם בראשו. ולפי זה לא התיר הרמב"ם שינת עראי רק ע"י פריסת סודר, ולכן לא שייך לאסור משום היסח הדעת, אבל כשהתפלין מגולים שאסורים בהיסח הדעת אף רגע, לא התיר הרמב"ם אף שינת עראי.

דרשה ה.

חקר הלכה

אם מותר לשנות תפלין של ראש לשל יד?

במסכת מנחות (דף ל"ד) מבואר: דאסור לשנות תפלין של ראש לעשותן של-יד מפני שאין מורידים מקדושה חמורה לקדושה קלה, ותפלין „של-ראש" חמורה משל יד, שרובו של שם שדי בשל ראש.

ויש להסתפק: הא דאין מורידין מקדושה חמורה לקדושה קלה, אם הוא מדאורייתא או הוא דרבנן?

הנה מרש"י (מגילה דף כ"ו.) שהביא מדברי התוספתא בהא „דמעלין בקדש ולא מורידין" ילפינן ממקרא „כי הקריבום לפני ד' ויקדשו", נראה שהוא מדאורייתא עיי"ש. וכן נראה ג"כ מדברי רש"י במס' שבת (דף כ"א:) שהראה מקום לדברי הגמרא מנחות (בפ' שתי הלחם) דילפינן זה ממקרא, משמע שהוא דאורייתא.

אבל יש להביא ראי' דאין זה אלא מדרבנן, מהא דאיבעי' להו (מגילה כז.) „אם מותר למכור „ספר-תורה ישן ולקנות חדש? כיון דלא מעלי ל"י אסור, או דילמא כיון דליכא לעלוייא עלוייא אחרינא שפיר דמי?

ובאמת קשה, הא אמרינן במס' קדושין (דף ל') דאין אנו בקיאין בחסרות ויתרות (של ספר תורה) וקיימא לן דספר-תורה שחסר אות אחת פסולה, א"כ הא יש לנו לחוש שמא הספר-תורה הישן היא כשרה והס"ת החדשה אינו מדויק בחסר ויתר, א"כ יש חשש ספק דאורייתא בזה שמא מורידה ע"י זה מקדושתה?

אם כן, נראה מוכח מזה דאיסור הירידה מקדושה חמורה לקדושה קלה הוא רק מדרבנן.

עוד יש להביא ראי' מהא דתנן במס' תמורה (דף ל"ב) „אחד קדשי מזבח ואחד קדשי בדק הבית אין משנין אותו מקדושה לקדושה, וזה ילפינן מדכתיב גבי בכור לא יקדיש איש אותו, ושאר כל הקדשים ילפינן מדכתיב בבהמה לא יקדיש איש אותו.

וכתב הרמב"ם (בהלכות תמורה) דאם הקדיש לבדק ההיכל דקדושתו חמורה אין משנין אותו לבדק המזבח דקדושתו קלה, והראב"ד השיג עליו (שם) דדוקא בקדשי מזבח אין משנין אפילו מקל לחמור מגזירת הכתוב, אבל בקדשי בדק-הבית מה יש בין זה לזה, דהא גם הרמב"ם מודה דבקדשי בדק הבית מקל לחמור משנין.

הנה מבואר דסבירא לי' הראב"ד דקדשי בדק הבית אין איסור לשנות אף מחמור לקל, ואם נימא דהא דאין מורידין מחמור לקל מדאורייתא, אם כן מה השיג הראב"ד על הרמב"ם, דהא אף אם נימא דמפסוק הנ"ל לא ילפינן רק לקדשי מזבח, וכן שלא לשנות מקדשי בדק הבית לקדשי מזבח, אבל בקדשי בדק הבית גופי' מזה לזה ליכא איסורא, דמ"מ יהי' אסור לשנות מחמור לקל מטעם דאין מורידין, וגם הרמב"ם דאסר לשנות מחמור לקל, משמע דלאו מטעם דאין מורידין אוסר, רק מקרא הנ"ל.

אלא על כרחך מוכרחין אנו לומר דהא דאין מורידין מקדושה חמורה לקדושה קלה אינו אלא מדרבנן.

— און רעגנס גייען ביי אייך?

— געווים.

— און שאָף און רינדער זיינען ביי אייך דאָ?

— אודאי.

— אויב אזוי, — האָט דער קעניג פארענדיקט — איז נאָר צוליב דעם זכות פון די שאָף און רינדער שיינט ביי אייך די זון און עס נידערן די רעגנס.

די אידן אונטער דעם גריכישן יאָך

א.

דער נס.

פינף אידישע געלערטע האָבן אמאָל איבערזעצט די תורה אין גריכיש פאר תלמי המלך. אבער תלמי איז ניט געווען צו־פרידן פון דער איבערזעצונג, און האָט פארדעכטיקט, אז מען האָט עס געמאכט פאר אים פאלש.

האָט ער איינגעלאדן צוויי און זיבעציק גרעסטע אידישע געלערטע, וועלכע זיינען געווען באקאנט אונטער דעם נאָמען „זקנים", צו זיך אין פּאַלאַץ, דאָרט האָט ער זיי אריינגעזעצט אין צוויי און זיבעציק באזונדערע חדרים און יעדן באזונדער גע־הייסן איבערזעצן די תורה פון משה רבנו.

זיינען די זקנים געזעסן און איבערגעזעצט די תורה אין גריכיש. יעדער באזונדער וואָרט ביי וואָרט, און א נס איז גע־שען און אלע איבערזעצונגען זיינען געווען גלייך, ניט געענדערט אפילו אויף איין וואָרט.

האָט תלמי געלייענט די תורה אין גריכיש און עס איז אים זייער געפעלן געווען.

ב.

חנה און אירע זיבן זין.

אין דער צייט ווען מלכות יון האָט געוועלטיקט אין ארץ ישראל, האָט זי ארויסגעגעבן גזירות אויף די אידן, אז זיי זאָלן דינען צו די גריכישע אָפּגעטער.

די פרוי חנה*) און אירע זיבן זין זיינען געפאנגען געוואָרן פאר'ן קיסר. האָט מען יעדן פארשפארט אין א באזונדער צימער און געבראכט איינציקווייז צום קעניג.

האָט דער קעניג באפוילן דעם עלטערן זון:

— בוק זיך צום אָפּגאָט!

— עס שטייט אין דער תורה — האָט דער זון געענטפערט — „איך בין גאָט דיין גאָט".

האָט דער קעניג אים געלאָזט הרג'ענען.

דערנאָך האָט ער געהייסן ברענגען דעם צווייטן זון:

— בוק זיך צום אָפּגאָט! — האָט ער צו אים געזאָגט.

— די תורה האָט אונז פארזאָגט — האָט דער צווייטער זון געענטפערט — „עס זאלן ניט זיין פאר דיר קיין אנדערע געטער".

האָט מען אים גלייך געטויט, און געבראכט דעם דריטן:

— בוק זיך צום אָפּגאָט!

— עס איז אונז פארזאָגט אין דער תורה „בוק זיך ניט צו קיין אנדערע געטער".

האָט מען אים גע'הרג'עט, און אריינגעפירט דעם פערטן:

— בוק זיך צום אָפּגאָט!

— עס שילט די תורה „ווער עס שעכט צום אָפּגאָט, זאל ווערן ווימט".

האָט מען אים ארויסגעפירט און געטויט, און אריינגעבראכט דעם פינפטן.

— בוק זיך צום אָפּגאָט!

„שמע ישראל, גאָט איז אונזער האַר, גאָט איז איינער" — איז געווען זיין ענטפער.

האָט מען אים דער'הרג'עט און געבראכט דעם זעקסטן:

— בוק זיך צום אָפּגאָט!

---

*) אין מדרש ווערט זי גערופן „מרים בת נחתום".

— „גאָט איז דער האַר אין הימל פון אויבן און אויף דער ערד פון אונטן, און מער איז ניטאָ קיינער.“

האָט מען אים געטויט און אריינגעבראכט דעם זיבעטן, דעם קלענסטן, און דער קיסר האָט צו אים אָנגעהויבן ווייך רעדן:

— מיין קינד, בוק זיך צום אָפּגאָט!

— איך קען ניט, מיר אידן האָבן געשוואָרן צו גאָט ניט צו פאַרבייטן אים אויף אַן אנדער גאָט, און ער האָט אונז געשוואָרן ניט צו פארבייטן אונז אויף אַן אנדער פאָלק.

— הער־צו, — האָט דער קיסר אים גענומען איינריידן, — דיינע ברידער זיינען שוין געווען גרויסע, זיי האָבן שוין געהאט געלעבט און געזען אויך גוטס אויף זייער וועלט, אבער דו ביסט דאָך נאָך אזוי יונג, האָסט נאָך גאָר ניט געלעבט, איך וויל דיך רעטן. איך וועל אראָפּוואַרפן מיין רינג, און דו בויג זיך נאָר איין און הויב אים אויף, און די מענטשן וועלן מיינען, אז דו האָסט מיך געפאָלגט און זיך געבוקט צום אָפּגאָט.

— ווי איז צו דיר, — האָט דער אינגעלע געענטפערט — דו ווילסט, איך זאָל אָפּהיטן דיין כבוד פאר מענטשן, ווייל דיין ערע איז ביי דיר טייער, טאָ ווי דארף ביי מיר זיין טייער דער כבוד פון גאָט, דער מלך מלכי המלכים?

איז דער קיסר געוואָרן אין כעס און געהייסן אים טויטן. אז מען האָט אים ארויסגעפירט, האָט די מוטער אָנגעהויבן בעטן, מען זאָל איר לאָזן קושן איר לעצטן זון איידער ער שטארבט. האָט מען איר דערלאנגט דאָס קינד, און זי האָט אים געקושט און געוויינט פאר'ן קיסר: מען זאָל פריער איר טויטן, כדי זי זאָל ניט זען ווי מען ברענגט אום איר לעצטע קינד, אבער מען האָט איר ניט געהערט. האָט די מוטער דאָס קינד געהאַלדזט און גע־קושט און געיאָמערט:

— מיין קינד, גיי צו אברהם אבינו און זאָג אים, מיין מאמע האָט געזאָגט, אז ער האָט ניט וואס צו זיין גרויס מיט דער עקידה. ער האָט נאָר געבראכט איין זון א קרבן אויפ׳ן מזבח, און איך — מיינע זיבן זין קרבנות אויף זיבן מזבחות; ער האָט נאָר געוואָלט ברייינגען זיין זון פאר א קרבן, אבער ער איז געבליבן לעבן, און ביי מיר האָט מען טאקע מיינע קינדער געטויט.

און אזוי האלזנדיק דאָס קינד האָט מען אים ביי איר אויף די הענט געטויט.

איז די מוטער באלד ארויף אויף א דאך און זיך אראָפגעוואָרפן און איז גע׳הרג׳עט געוואָרן. איז ארויס א שטימע פון הימל און געזאָגט:

„די מוטער פון די קינדער איז גליקלאך".

די חכמה פון קליין און גרויס אין ירושלים

א.

דריי צייכנס פון חכמה.

אַ מאַן פון ירושלים איז אַוועק אין אַן אַנדער מדינה. איז גע־קומען זיין צייט צו שטאַרבן. האָט ער גערופן דעם בעל הבית פון גאַסט־הויז, און אים איבערגעגעבן זיין געלט און צו אים גע־זאָגט:

— ווען מיין זון וועט קומען פון ירושלים און ער וועט דיר ווייזן דריי קלוגע איינפאַלן, זאָלסטו אים געבן מיין געלט, און אויב ניט — זאָלסטו ניט געבן.

געשטאָרבן איז דער מאַן און געוואָרן באַגראָבן. אין אַ צייט אַרום איז געקומען זיין זון נאָך דעם געלט, און די מענטשן פון יענער שטאָט האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז קיינער טאָר ניט אָנווייזן אַ פרעמדן גאַסט, וואו אימיצער פון די איינוואוינער וואוינט.

אַז דער זון איז געקומען צום טויער פון שטאָט, האָט ער באַמערקט, ווי איינער טראָגט אויף זיך אַ משא פון האָלץ.

— פאַרקויפסטו דעם בינטל האָלץ? — האָט דער זון געפרעגט דעם טרעגער.

— יאָ, — האָט יענער געענטפערט.

— נאָ דיר דעם פרייז פון די האָלץ און טראָג עס אַוועק צו יענעם און יענעם — האָט דער זון געזאָגט, און אָנגערופן

דעם נאָמען פון יענעם האָטעל-אייגנטימער, ביי וועמען זיין פאַ-טער האָט איבערגעלאָזן זיין געלט.

האָט דער האָלצטרעגער גענומען דאָס געלט און געטראָגן די האַלץ צו יענעם בעל-הבית אין הויז. איז דער גאַסט אים נאָכגעגאַנגען, ביז זיי האָבן דערגרייכט דעם טויער פון דעם גאַסט-הויז.

שרייט דער האָלצטרעגער צום בעל-הבית:

— היי, בעל-הבית, קום, נעם דיין בינטל האַלץ!

— וואָס פאַר א האַלץ? ווען האָב איך דיר געהייסן ברענגען האַלץ? — פרעגט יענער פאַרוואונדערט.

— אָט דער מאַן, וואָס גייט נאָך מיר, האָט מיר געהייסן, — האָט דער האָלצטרעגער געזאָגט.

האָט גלייך דער אייגנטימער געעפנט זיין הויז פאַר דעם גאַסט, און זיי האָבן געגעבן שלום איינע די אנדערע.

— איך בין — האָט דער פרעמדער זיך פאָרגעשטעלט — דער זון פון דעם פאַרשטאָרבענעם ירושלים׳ער מאַן.

האָט אים דער בעל-הבית פיין אויפגענומען און געמאַכט פאַר אים א מאָלצייט. האָבן ארום טיש זיך ארומגעזעצט דאָס גאַנצע הויזגעזינט: דער בעל-הבית און זיין פרוי, צוויי זין און צוויי טעכטער. האָט מען דערלאַנגט צום טיש פינף געבראָטענע הינער, און דער בעל-הבית האָט מכבד געווען דעם גאַסט מיט׳ן טיילן. פאָלגט אים דער גאַסט און נעמט טיילן. לייגט ער אוועק איין הון צווישן מאַן און ווייב, א צווייטע הון — צווישן די צוויי זין, א דריטע — צווישן די צוויי טעכטער, און די לעצטע צוויי — פאַר זיך אליין.

האָבן זיי געגעסן און אים גאָר ניט געזאָגט.

פאַרנאַכט האָט מען געבראַכט צום טיש א געשטאָפטע הון. שטייט צו דער בעל הבית ווידער צום גאַסט, ער זאָל זיין דער

אויסטיילער. האָט דער גאסט גענומען איינטיילן אויף אַזאַ אופן: דעם קאָפּ — פאַר׳ן בעל-הבית; די אינעווייניקסטע — פאַר דער פרוי, די צווייַ קני און פיסלאַך — פאַר די צוויי זין, די צוויי פליגעלאַך — פאַר די צוויי טעכטער, און פאַר זיך — דעם גאַנצן געשטאָפּטן גוף.

זאָגט צו אים דער בעל-הבית:

— טיילט מען דאָס אַזוי ביי אייך? דעם ערשטן מאָל האָב איך דיר גאָר ניט געזאָגט, אָבער איצט טוסטו ווידער אַזוי?

— איך וועל אייך ערקלערן דעם טעם, פאַרוואָס איך האָב אַזוי איינגעטיילט. דאָס ערשטע מאָל האָט מען געבראַכט פינף הינער. דו און דיין ווייב און א הון — זיינען אינאיינעם דריי; דיינע צוויי זין און א הון — נאָכאַמאָל דריי; דיינע צוויי טעכ־טער און א הון — ווידער דריי; איך און צוויי הינער — זיינען אויך דריי. איז עס דען ניט א גלייכער חלק? איצט מיט דער גע־שטאָפּטער הון. דער קאָפּ קומט דיר — ווייל דו ביסט דער קאָפּ פון הויז; די אינעווייניקסטע דער פרוי — ווייל פון איר בויך קומען ארויס די קינדער; די קני און פיסלאַך דיינע זין — ווייל זיי זיינען די זיילען פון הויז; די צוויי פליגעלאַך דיינע טעכ־טער — מאָרגן האָבן זיי חתונה און פליען אוועק פון הויז; פאַר זיך האָב איך גענומען דעם אָפּענעם גוף, וואָס איז אַזוי ווי א שיף — מיט א שיפל בין איך געקומען, און מיט א שיפל פאָר איך באַלד אוועק. גיב מיר דאָס געלט, וואָס מיין פאָטער האָט ביי דיר געלאָזן און איך גיי גלייך אוועק.

האָט דער בעל-הבית געזען די דריי צייכנס פון קלוגשאַפט, און אים אָפּגעגעבן דאָס געלט און געלאָזט בשלום אהיים.

ב.

קלוגע ענטפערס.

דער תנא רבי יהושע איז געגאנגען אין וועג. באגעגנט ער אַ קינד טראָגט א צוגעדעקטע כלי, פרעגט ער אים:

— וואָס טראָגסטו דאָ, קינד, אין דער כלי?

— ווען מיין מאמע וואלט וועלן — האָט דאָס קינד געענטפערט — מען זאָל וויסן, וואס איך טראָג, וואלט זי מיר די כלי ניט צוגעדעקט.

אריינגעקומען אין שטאָט, זעט ר׳ יהושע א מיידעלע שטייט און שעפּט וואסער פון א קוואל.

פרעגט איר רבי יהושע:

— ועסטו מיר געבן א טרונק?

— געווים, אי דיר אי דיין אייזל.

ביים אוועקגיין, זאגט ער איר:

— זיי געבענטשט, טאָכטער מיינע, דו האסט נאָכגעטאָן דער מוטער רבקה.

— יא, — האָט זי אים געענטפערט — איך האָב נאָכגעטאָן דער מוטער רבקה, אבער דו האסט ניט נאָכגעטאָן אליעזר׳ן. (איר נישט געגעבן קיין מתנה, ווי אליעזר האָט געגעבן רבקה׳ן).

ג.

זאָל ער געבן פאָרים, וועט ער נייען.

אַ גריך האָט געפונען א צעבראָכענעם שטייסל און געבראכט עס צו א אידישן שניידער און געבעטן דער שניידער זאָל אים דאָס שטייסל פארנייען.

— איך וועל דאָס געווים פאר דיר טאָן — האָט דער שניי־דער געענטפערט — נאָר פריער, אָט האָסטו זאמד, מאך מיר פון דעם זאמד א פאָדים.

ד.

אַ פראַגע אויף א פראגע.

איז געקומען א מאן פון דער גריכישער שטאָט אטען קיין ירושלים. באגעגנט ער א אידיש קינד, גיט אים עטלאכע פרוטות און זאָגט צו אים:

— גיי, ברייננ מיר אייער און קעז, נאָר דער קעז זאָל זיין פון א ווייסער ציג.

— און די אייער — האָט דאָס קינד צוריק געפרעגט — פון וועלכן הון זאָלן זיין, פון א ווייסע אָדער א שווארצע?

ה.

צו עסן און צו זיין זאַט.

איינער א גריך איז געקומען קיין ירושלים. באַגעגנט ער א אידיש קינד, גיט אים עטלאכע פרוטות און זאָגט צו אים:

— ברייננ מיר אזוינס, וואס איך זאָל דערמיט זיך אָנעסן, זאַט ווערן און נאָך איבערלאָזן אויפ׳ן וועג.

איז דאָס קינד אוועק און געבראכט אים זאלץ.

— וואָס איז דאָס פאר א מאכל? — פרעגט דער גריך.

— דאָס איז פונקט ווי דו פארלאנגסט — ענטפערט דאָס קינד.

— דאָ ווערסטו האָבן צו עסן, צו זאַט זיין און נאָך מיטצונע־מען אין וועג אריין.

ז.

דער בלינדער קנעכט.

אַ רוימער האָט געקויפט אַ אידישן קנעכט פון די געפאנ־גענע אין ירושלים. האָט ער דערנאָך אויסגעפונען, אז דער קנעכט איז בלינד אויף איין אויג, און דער רוימער האָט אויף זיך אליין געזאָגט: „דו נארישער רוימער, פריער געקויפט דערנאָך באַ־טראכט. אריינגעפאלן מיט אַ בלינדן קנעכט!“

האָט עס געהערט אַ דורכגייער און צו אים געזאָגט:

— אויב דער קנעכט איז אַ אידישער — האָב ניט קיין זאָרג! ער וועט מיט איין אויג זען — מער ווי אַ רוימער מיט צוויי.

זיינען זיי געגאנגען אין וועג, צווישן פארזייטע פעלדער. זאָגט דער רוימער:

— מיך פארדריסט, וואס איך האָב ניט גענומען אין שטאָט קיין עסן און קיין טרינקען, און איצט בין איך הונגעריק.

זאָגט דער בלינדער קנעכט:

— אויב דו ביסט הונגעריק, לאָמיר שטעלן גיכע טריט, וועלן מיר אָניאָגן צוויי רוימער רייטן אויף קעמלען, וועסטו ביי זיי קויפן בוימייל און וויין, און אפשר אויך ברויט. מיר וועלן זיי גע־ווים דערגרייכן, ווייל זיי שלעפן זיך לאנגזאם צוליב דעם, ווייל איין קעמל איז טראָגעדיק מיט אַ צווילינג און אין איר מויל איז אַ צוים, און די צווייטע איז בלינד אויף איין אויג, און זי איז אָנ־געלאָדן מיט קריג וויין פון רעכטס און קריג בוימייל פון לינקס.

— היי, בלינדער קנעכט, דו ווילסט מיך אָפּנאַרן און איינ־שמועסן מיר, אז דו ביסט אַ נביא! — האָט דער רוימער גע־שריען.

— איך בין ניט קיין נביא און ניט קיין זון פון אַ נביא —

האָט דער בלינדער געענטפערט — נאָר מען קען אַלעם איינפאַך פאַרשטיין. זעסטו דאָס גראָז פון ביידע זייטן וועג? פון איין זייט איז עס אָפּגעגעסן, די אנדערע זייט אבער איז עס גאנץ. דאָס איז ווייל דער קעמעל מיט זיין בלינד אויג האָט דעם אַנדערן זייט ניט געזען. אויך קען מען באמערקן אויפ'ן זאַמדיקן וועג שפורן פון טראָפּנס, רעכטס און לינקס. רעכטס זיינען די טראָפּנס איינגעזאפּט — איז עס פון וויין, לינקס זיינען די טראָפּנס פון אויבן — זיינען עס פון בוימייל. איצט וואַרף א בליק אויף דעם גראָז וואו די קעמלען זיינען געלעגן אויף די בייכער און גערוט, וועסטו זען דאָס גראָז צעטראָטן ווי די ברייט פון א קעמל, וואס טראָגט א צווילינג אין בויך.

— נו, — זאָגט דער רוימער א פארוואונדערטער — אויב עס וועט זיין ווי דו זאָגסט, וועל איך ביי זיי אלעם אָפּקויפן און דיר געבן עסן.

— אָ, ניין, — האָט געענטפערט דער בלינדער קנעכט — איך וועל פון זייערע בוימייל ניט עסן, ווייל זיי זיינען ניט קיין אידן, און אפשר איז דאָרט די פעטס פון חזיר.

— פון וואנען ווייסטו דאָס, אז זיי זיינען ניט קיין אידן?

— ווייל אידן פיטערן ניט זייערע שאָף און לאָזן ניט רוען זייערע קעמלען אויף פרעמדע פעלדער.

האָט נאָכגעיאָגט דער רוימער און דערגרייכט די רייטער, און האָט אלעם אויסגעפונען ריכטיק, ווי דער קנעכט האָט אים געזאָגט.

האָט דער רוימער א קוש געטאָן דעם קנעכט אין קאָפּ און אים באפרייט.

ז.

אידן נאַרט מען ניט.

אידן האבן אמאָל באדארפט האָבן א פרה אדומה (אַ רויטע קו, וואס איז ניט געווען אין יאָך. מען פארברענט איר און מיט איר אַש רייניקט מען די אומריינע) עס איז אבער געווען שווער אזא צו קריגן. ענדלאך האָט מען זיך דערוואוסט, אז ביי איין גוי איז דאָ פונקט אזא קו, אבער ער וויל זי ניט פארקויפן. איז מען אַוועק צו אים און אים אָנגעבאָטן פאר דער קו זייער פיל געלט, ביז ער האָט איינגעוויליגט איר אָפצוגעבן.

דער גוי איז אבער געווען א שונא ישראל. אז ער האָט זיך דערוואוסט, פארוואס די אידן דארפן דוקא זיין רויטע ניט איינגעשפאנטע קו, האָט ער באשלאָסן אָפצוטאָן די אידן א שפיצל. ער וועט די קו איינשפאנען אין יאָך, מיט איר ארבעטן א גאנצע נאכט, און אויף מאָרגן וועט ער זי אָפּגעבן די אידן. ער וועט האָבן דאָס געלט און די אידן וועלן נישט האָבן די ריכטיקע פרה אדומה.

און אזוי האָט ער געטאָן.

אויף מאָרגן זיינען די אידן געקומען מיט'ן גאָלד, צו באַצאָלן דעם גוי פאר דער קו. זיי באטראכטן די קו, ערשט זיי כאפן און ציען זייער געלט צוריק.

— דיין קו טויג ניט — האָבן זיי אויסגעשריען — אפילו פאר אומזיסט וועלן מיר זי ניט נעמען.

— פארוואָס? — האָט דער גוי א צעשראָקענער געמאכט זיך אומשולדיק — איר האָט דאָך נעכטן מיר געוואָלט באצאָלן דאָס גאנצע געלט?

— יא, — האָבן די אידן געענטפערט — אָבער פון נעכטן ביז היינט איז דיין קו געווען אין יאָך, מיר דערקענען עס אָן די

איינגעבויגענע צוויי האָר אויפ'ן האלדז. פאר'ן ערשטן יאָך זיינען די האָר אויפגעשטעלט, נאָך דעם — ווערן זיי איינגעבויגן.

זיינען די אידן אוועק און דער גוי האָט פון פארדרוס, וואס ער האָט פארלאָרן אזויפיל געלט, נאָך די זעלבע נאכט זיך אויפגעהאנגען.

ח.

נקדימון בן גוריון.

איינמאָל, יום טוב צייט, ווען ירושלים איז געווען פול מיט אידן, עולי רגל, פון גאנץ ארץ ישראל, איז געווען א גרויסע טריקעניש און די געסט האָבן ניט געהאט וואס צו טרינקען.

איז נקדימון בן גוריון, א רייכער מאן פון ירושלים, געגאנגען צו איינעם, א גרויסן פירשט, און צו אים געזאָגט:

— לייַ מיר צוועלף ברונעמס וואסער פאר די עולי רגל צו טרינקען און איך וועל דיר צוריק געבן אין דעם און דעם טאג די זעלבע צאָל ברונעמס וואסער, און אויב איך וועל דיר ניט אָפּגעבן צום טערמין דאָס וואסער, וועל איך דיר אָפּצאָלן צוועלף צענטער זילבער.

האָט דער פירשט אים געליען דאָס וואסער.

ווען ס'איז געקומען דער באשטימטער טאָג אויף אָפּגעבן דעם חוב, האָט דער פירשט, וויסנדיק, אז קיין רעגן איז די גאנצע צייט ניט געגאנגען און קיין וואסער איז ניטאָ, געשיקט גלייך פון פרימאָרגן זיינעם א מענטשן נאָך די צוועלף צענטער זילבער.

— ס'איז דאָך נאָך אין פרימאָגן, און עס קען נאָך רעגענען.

— האָט נקדימון געענטפערט דעם שליח.

מיטאָג-צייט האָט דער פירשט נאָכאמאָל געשיקט זיין שליח און געפאָדערט דאָס געלט — האָט נקדימון ווידער געענטפערט:

— ס'איז נאָך דאָ צייט.

פארנאַכט איז דער שליח ווידער געקומען מיט דער זעלבער פאָדערונג און נקדימון האָט אַלץ געענטפערט:

— דער טאָג איז נאָך ניט אריבער.

האָט דער שליח געלאכט און געזאָגט:

— אזא לאנגע צייט האָט ניט גערעגנט, און איצט, ווען דער הימל איז לויטער, וועט פלוצלונג רעגענען?

צו דער זעלבער צייט איז אבער נקדימון בן גוריון אריין אין בית המקדש, און מיט א צעבראָכענעם הארץ אָנגעהויבן תפלה טאָן צו גאָט, זאָגנדיק:

— רבונו של עולם! דו ווייסט, אז ניט צוליב מיין כבוד און ניט צוליב דעם כבוד פון מיינע עלטערן האָב איך עס געטאָן, נאָר צוליב דיין כבוד, כדי צו באזאָרגן די עולי רגל מיט וואסער צו טרינקען. גיב רעגן, איך זאל ניט דארפן אָפּגעבן מיין רייכ־קייט צו א גוי.

גלייך דארויף זיינען מיט אמאָל די הימלען געוואָרן פאר־וואָלקנט און ס'האָט אָנגעהויבן צו רעגענען ביז ס'זיינען איבער־פילט געוואָרן אלע ברונעמס.

ווען נקדימון איז ארויס פון בית המקדש, האָט ער זיך אָנגע־טראָפן מיט'ן פירשט, וועלכער איז אליין געגאנגען ביי אים מאָ־נען דאָס געלט.

— איצט — האָט אים נקדימון געזאָגט — דארפסטו מיר נאָך צוצאָלן, ווייל איך האָב דיר צוריקגעקערט מער וואסער, ווי דו האסט מיר געגעבן.

— ס'איז אבער שוין צו שפּעט, — האָט דער פירשט גע־זאָגט — לויט אונדזער אָפּמאך האָסטו מיר באדארפט אָפּגעבן דאָס וואסער ווען ס'איז נאָך טאָג, און איצט איז שוין נאכט, און דער טאָג איז אוועק.

איז נקדימון גלייך צוריק אריין אין בית המקדש און ווידער אָנגעהויבן בעטן בא גאָט:

— רבונו של עולם! לאָז וויסן דער וועלט, אז די אידן זיינען דיין ליבסטע פאָלק!

גלייך האָבן זיך די וואָלקנס צעשפרייט און די זון האָט זיך באַוויזן אין איר אונטערגייענדן שיין.

האָט דער פירשט צוגעגעבן, אז ער האָט פארלאָרן.

אין דער צייט פון די חשמונאים

א.

ינאי המלך*)

ינאי המלך איז איינמאָל אוועק אין דער מדינה כוחלית, וואס געפינט זיך אין מדבר, און דאָרט באזיגט זעכציק שטעט.

צוריקקומענדיק האָט ער זיך זייער געפרייט, און האָט גע־שיקט רופן אלע אידישע געלערטע און צו זיי געזאָגט:

— אונזערע עלטערן האבן פון נויט געגעסן געזאלצענע גרינסן, ווען זיי האבן געבויט דעם בית המדש. לאָמיר איצט אויך, פון פרייד, עסן געזאלצענס אלס אן אָנדענק צו זיי.

האָט מען דערלאנגט געזאלצנס אויף גאָלדענע טישן און אלע האָבן געגעסן.

צווישן די איינגעלאדענע געסט איז געווען אַ שלעכטער און א נידערטרעכטיקער מאן, מיט דעם נאָמען אלעזר דער זון פון פועירא, וועלכער האָט געטראָגן א האס אין הארצן צו די אי־דישע חכמים.

האָט דער אלעזר געזאָגט צו ינאי המלך:

— קעניג ינאי, די חכמים טראָגן א פיינטשאפט אין זייער הארץ צו דיר, און ווילן ניט ליידן וואס דו האלטסט די כהונה.

— טאָ וואס זאל איך טאָן? — האָט ינאי געפרעגט.

---

*) פון דער משפחה פון די חשמונאים. א מלך ביי אידן און א כהן. אויף זיין מוטער האָט מען געזאָגט, אז זי איז געוועזן געפאנגען, און דערפאר האָבן די אידישע חכמים אים געוואָלט פסל'ען פון דער כהונה.

— טו אָן די גאָלדענע בלעך אויפ׳ן שטערן, וועלן זיי זיך מוזן אויפשטעלן, און דאמיט אָפּן אנערקענען דיך פאר א כהן־גדול.

האָט ינאי אָנגעטאָן די בלעך און אלע חכמים האָבן זיך אויפגעשטעלט.

צווישן די געלערטע איז אבער געווען איין אלטער מאן, יהודה בן גדידיה, און ער האָט געזאָגט צו ינאי המלך:

— ינאי המלך! באנוגן זיך מיט דער קרוין פון א קעניג; די קרוין פון כהונה לאז איבער פאר אנדערע קינדער פון אהרן, ווייל, ווי מען זאָגט, איז דיין מוטער אמאָל געווען געפאנגען.

האָט מען נאָכגעזוכט די זאך און ניט געפונען קיין באווייז, אַז די געשיכטע איז אמת.

זיינען די אידישע געלערטע אַוועק מיט צאָרן.

האָט אלעזר בן פועירא ווידער געזאָגט צום קעניג:

— ינאי המלך! אז מען באליידיקט אן איינפאכן אידן, קומט אַ שווערע שטראָף, און דו ביסט דאָך א קעניג און א כהן־גדול, וועסטו עס זיי פארשווייגן?

— וואָס־זשע זאל איך טאָן?

— נאָך מיין מיינונג דארפסטו זיי אוים׳הרג׳נען.

— און וואס וועט זיין מיט דער תורה?

— זי וועט בלייבן גאנץ אין איר ווינקל, ווער עס וועט וועלן, וועט קומען און לערנען.

האָט ינאי געפאָלגט אלעזר׳ס שלעכטע עצה און דער אומגליק איז געקומען: עס זיינען אויסגע׳הרג׳עט געוואָרן אלע אידישע געלערטע, און די וועלט איז געווען וויסט פון תורה, ביז עס איז געקומען שמעון בן שטח, ינאי המלך׳ס שוואָגער, און אומגעקערט די תורה אויף איר אלטן פלאץ אין אידישן לעבן.

ב.

דער מלך פאר א משפט.

ווען שמעון בן שטח איז געווען נשיא, האָט איינמאָל דעם קעניג ינאי׳ס א קנעכט גע׳הרג׳עט א מענטשן. האָט שמעון בן שטח געשיקט א שליח צו ינאי המלך און אים אָנגעזאָגט:

— דיין קנעכט האָט געטויט א מענטשן.

האָט דער קעניג אָפּגעשיקט דעם מערדער צו די סנהדרין, זיי זאָלן אים משפט׳ן. האָט שמעון ווידער געשיקט צום קעניג:

— לויט׳ן דין פון דער תורה, מוזטו אליין, דער אייגנטי־מער פון פארברעכער, זיך אויך שטעלן צוזאמען מיט אים פאר׳ן געריכט.

איז דער מלך געקומען און זיך געזעצט אויף א שטול, וואס מען האָט פאר אים אָנגעגרייט.

ווען דער משפט האָט זיך אָנגעפאנגען, זאָגט שמעון בן שטח צום קעניג:

— ינאי המלך, שטעל זיך אויף און זאָלן די עדות זאָגן, וואס זיי וויסן — אזוי הייסט אונזער תורה.

האָט עס דעם קעניג פארדראָסן און ער האָט געזאָגט:

— איך וויל זיך ניט פארלאָזן אויף דעם, וואס דו זאָגסט. איך וויל הערן, וואס דיינע חברים זאָגן.

האָט זיך דער קעניג א קער געטאָן רעכטס — האָבן די חכמים אין דער רעכטער זייט אראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד; האָט ער זיך א קער געטאָן לינקס — האָבן די וואס אין לינקן זייט, אראָפּגעלאָזט די אויגן.

אויפגערעגט פון אזא משא־פנים צום קעניג, האָט שמעון בן שטח אויסגעשריען מיט כעס צו די חכמים:

— איר זאָגט ניט אָפּן אייערע געדאנקען, זאל קומען דער

גאָט, וואס ווייס אלע געדאנקען און זיך מיט אייך אָפּרעכענען.

איז געשען א וואונדער, און אלע דיינים ארום שמעון בן שטח זיינען פלוצלונג געשליידערט געוואָרן צו דער ערד און גע־פאלן אין אָנמאכט. איז דער קעניג געוואָרן דערציטערט, און שמעון בן שטח האָט ווידער אויסגערופן:

— שטעל זיך אויף, קעניג, און זאל מען קעגן דיר עדות זאָגן. נישט פאר אונז שטעלסטו זיך אויף, נאָר פאר דעם שעפער פון דער וועלט.

און ינאי האָט געפאָלגט און באלד אויפגעשטעלט זיך אויף די פיס.

א.

אַ הייליקע טאָט פון ר׳ שמעון בן שטח.

שמעון בן שטח, איידער ער איז געוואָרן נשיא, איז געווען אַן אָרימאַן. האָט ער איינמאָל געקויפט אַן אייזל פון אַן אַראַבער, מיט דעם צו פאַרדינען אויף פרנסה, און זיינע תלמידים האָבן אויפ׳ן האלדז פון אייזל געפונען אָנגעהאנגען א טייערן דימענט־שטיין. האָבן זיי אים אָנגעזאָגט די פריילאכע בשורה:

— רבי, גאָט האָט דיר צוגעשיקט א גליק, ביסט רייך גע־וואָרן!

אָבער שמעון בן שטח האָט צו זיי געזאָגט:

— ניין, קינדער, איך האב געקויפט אַן אייזל, ניט קיין די־מענט.

און האָט דעם דימענטשטיין גלייך אָפּגעשיקט צוריק צום אַראַבער.

האָט דער אַראַבער געדאנקט און אויסגערופן:

— געלויבט זאָל זיין דער אידישער גאָט, דער גאָט פון שמעון בן שטח.

הורדוס.

הורדוס איז געווען א קנעכט אין דער פאמיליע פון די חשמונאים. האָט ער געוואָרפן אן אויג אויף א יונגע פרינצעסן אין הויז.

איין טאָג האָט ער געהערט א בת-קול אויסרופן: „דער קנעכט, וואס וועט איצט בונטעווען, וועט באגליקן". האָט ער אויסגע׳הרג׳עט די גאנצע משפחה פון די חשמונאים און אי־בערגעלאָזט לעבן נאָר יענע יונגע פרוי, און אליין האָט ער זיך ערקלערט פאר א מלך איבער די אידן.

ווען דאָס מיידל האָט געזען, אז הורדוס וויל איר נעמען פאר א ווייב, איז זי ארויף אויף א דאך און אויסגערופן:

— ווער עס וועט קומען און זאָגן, אז ער שטאַמט פון די חשמונאים — איז ער א קנעכט; ווייל פון די חשמונאים איז פארבליבן נאָר א יונג מיידל, און זי איז אראָפּגעפאלן פון א דאַך און איז גע׳הרג׳עט געוואָרן.

און ביי די ווערטער האָט זי זיך אראָפּגעוואָרפן פון דאַך און געפאלן טויט.

האָט הורדוס געהאלטן איר קערפּער אין האָניג זיבן יאָר, כדי עס זאל אָנהאלטן די פרישקייט, און מען זאל מיינען, אז ער האָט איר גענומען פאר א פרוי.

די אידישע חכמים האָבן הורדוס׳ן ניט אנערקענט פאר א מלך, ווייל ער איז אן אדומי, ניט קיין איד, האָט ער זיי אלעמען געלאָזט אויס׳הרג׳נען, און געלאָזט לעבן נאָר איין חכם, בבא בן בוטא, כדי צו האבן מיט וועמען זיך צו בעראטן.

נאָכדעם האָט ער פאַר בבא בן בוטא געמאכט א קרוין פון איגל פעל, וואס האָט שטעכעדיקע האָר, ווי נאָדלען, און ווען ער האָט בבא'ן אָנגעטאָן די קרוין, האָבן אים די נאָדלען אויסגעשטאָכן די אויגן און געמאכט בלינד.

ווען בבא איז שוין געווען בלינד, איז הורדוס צו אים גע־קומען, און געזאָגט אין א פאַרשטעלטן קול:

— האָסטו געזען, וואס דער שלעכטער קנעכט הורדוס האָט געטאָן?

— טאָ וואס קען איך אים טאָן? — האָט בבא געפרעגט.

— שילט אים!

— עס שטייט געשריבן: „אפילו אין געדאנק זאָלסטו ניט שילטן קיין קעניג!“

— ער איז דאָך אבער קיין מלך ניט!

— „און אן עלטסטן פון פאָלק“ — שטייט געשריבן — „זאָלסטו ניט שילטן“.

— ער איז דאָך אבער ניט קיין איד, און פירט זיך ניט ווי א איד.

— איך האָב מורא, מען וועט אים דערציילן.

— קיינער איז דאָך אבער דאָ ניטאָ, מער ניט ווי מיר ביידע.

— „א פויגל פון הימל קען אָפּטראָגן דעם קול“. — האָט בבא געענטפערט.

— אָ, דאָס בין איך הורדוס! — האָט הורדוס געזאָגט — ווען איך וואלט געוואוסט, אז די חכמים זיינען אזוי פאָרזיכטיק, וואָלט איך זיי ניט גע'הרג'עט. איצט, מיט וואס זאל איך פאַריכטן מיין שולד?

— דער, וואס האָט אויסגעלאָשן די ליכט פון דער וועלט — האָט בבא געזאָגט — יענער דאַרף די ליכט אָנצינדן. גיי בוי אויף א נייעם בית המקדש, וואס וועט לייכטן פאַר אלע פעלקער.

— איך האָב מורא — האָט הורדוס געזאָגט — אז די רוי־

מישע מלוכה, אונטער וועלכער מיר זיינען אונטערגעוואָרפן, וועט מיר דאָס ניט ערלויבן.

— איך וועל דיר געבן אן עצה — האָט בבא געזאָגט — שיק א שליח קיין רוים, זאל ער גיין אהין א יאר, דאָרט זיין א יאָר, און צוריקגיין א יאָר, דערווייל וועסטו צעוואָרפען און אויפ־בויען.

האָט הורדוס אזוי געטאָן.

אין דריי יאָר ארום איז דער שליח געקומען און געבראכט פאָלגענדע תשובה פון דער רוימישער רעגירונג:

„אויב דו האסט ניט אומגעוואָרפן — ווארף ניט אום; אויב דו האָסט אומגעוואָרפן — בוי ניט; האָסטו צעוואָרפן און אויפגעבויט — שלעכטער קנעכט, פריער טוסטו, דערנאָך פרעגסטו, דו האלטסט זיך פאר א העלד און טראָגסט געווער — אָבער דיין יחוס־בריוו איז דאָ. דו ביסט ניט קיין מלך און אויך ניט קיין בן מלך — הורדוס איז א קנעכט וואס האָט זיך אליין באַפרייט."

דער בית המקדש איז שוין אבער געווען איבערגעבויט און מען האָט געזאָגט, אז ווער עס האָט ניט געזען דעם בנין פון הורדוס, האָט ניט געזען קיין שיינעם געביי אין זיין לעבן. ער איז געווען געבויט פון ווייסן און גרינעם מירמלשטיין און אנ־דערע זאָגן נאָך פון בלויען מירמלשטיין. איין רייע שטיינער איז געווען פון אינעווייניק און איין רייע — פון אויסנווייניק. האָט הורדוס די ווענט געוואָלט באדעקן מיט גאָלד, — האָבן אים די חכמים געזאָגט, ער זאל לאָזן אזוי ווי עס איז, ווייל עס זעט אויס ווי די כוואַליעס פון ים.

חוני המעגל

א.

חוני המעגל און דער רעגן.

איין יאָר, אין דער צייט פון צווייטן בית המקדש, איז אריבער כמעט דער גאנצער חודש אדר, די צייט פון פרי־יאָריקן רעגן אין ארץ ישראל, און קיין רעגן איז נישט געווען. זיינען אידן געקומען צו חוני המעגל און אים געבעטן:

— טו תפלה, וועט גיין רעגן.

האָט ער צו זיי געזאָגט:

— גוט, איר קענט שוין אריינברענגען די פסח'דיקע אויוונס פון די הויפן, זיי זאלן נישט צעווייקט ווערן פון רעגן.

און אליין האָט ער זיך אוועקגעשטעלט תפלה טאָן צו גאָט. ער האָט פיל געבעטן, אבער קיין רעגן איז נישט געקומען. וואס האָט חוני געטאָן? האָט ער אויסגעגראָבן א קיילעכדיקן קרייז, זיך אריינגעשטעלט אין מיטן און געזאָגט:

— רבונו של עולם! דיינע קינדער לייגן זייערע האָפענונגען אויף מיר, ווי איך וואלט ביי דיר געווען א היימישער מענטש. שווער איך ביי דיין גרויסן נאָמען, אז איך ריר זיך נישט פון דאנען ביז דו וועסט זיך אויף זיי דערבארמען.

האָט אָנגעהויבן טריפן א שיטערער רעגנדל. זאָגן צו אים זיינע תלמידים:

— רבי, עס זעט אויס, אז עס רעגנט נאָר, כדי דיך צו באַפרייען פון דער שבועה.

האָט חוני אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזאָגט:

— נישט אויף דעם האָב איך געבעטן, נאָר אויף א רעגן, וואָס זאָל אָנפילן אלע גריבער, גראָבנס און היילן.

האָט אָנגעהויבן צו גיסן א רעגן מיט א גרויסן האַסט. יע־דער טראָפּן האָט געקענט אָנפילן א פאַס. זאָגן צו אים ווידער זיינע תלמידים:

— רבי, ס׳שיינט, אז דער רעגן איז געקומען חרב צו מאַכן די וועלט.

האָט חוני ווידער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און גע־זאָגט:

— רבונו של עולם! נישט אויף דעם האָב איך געבעטן, נאָר אויף רעגן פון גוטוויליקן, ברכה און גליק.

האָט דער רעגן אָנגעהויבן גיין אין נאַטירלאכן וועג, און אָנ־געהאלטן אזוי לאנג, אז די איינוואוינער פון ירושלים האָבן גע־מוזט זיך אויפהויבן אויפ׳ן הר־הבית, (דער בארג מוריה, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען דער בית המקדש) ווייל די שטאָט איז געווען פארפלייצט. זיינען די אידן ווידער געקומען צו חוני און געזאָגט:

— רבי, ווי דו האסט געבעטן, אז דער רעגן זאָל קומען, אזוי זיי איצט מתפלל, דער רעגן זאָל אויפהערן.

האָט זיי חוני געזאָגט:

— איך האָב אפילו א קבלה, אז אויף צופיל גוטס טאָר מען זיך ניט באקלאָגן, פונדעסטוועגן ברייננגט אהער, אן אקס, א דאנק־אָפּפער.

האָט מען פאר אים געבראכט דעם אָקס. האָט חוני אָנגע־שפּארט אויף אים זיינע ביידע הענט און געזאָגט פאר גאָט:

— האַר פון דער וועלט! דיינע בני ישראל, וואָס דו האָסט ארויסגענומען פון מצרים קענען נישט פארטראָגן, ניט צופיל גליקן און ניט צופיל אומגליקן. ביסט אויף זיי פריער בייז גע־

וואָרן — האָבן זיי עס ניט געקענט ביישטיין; איצט האָסטו זיי אָנגעלאָדן מיט פיל גוטעס, קענען זיי עס ווידער ניט פארטראָגן. זאָל זיין דיין גוטער ווילן, אז דער רעגן זאל גלייך אויפהערן און די וועלט זאָל ווערן פרייער.

האָט באלד א בלאָז געטאָן א ווינט, האָבן זיך צעשפּרייט די וואָלקנס און די זון האָט ארויסגעשיינט. איז דאָס פאלק ארויס אין פעלד און אָנגעקליבן פרישע שוואמען.

האָט דער נשיא פון סנהדרין אין יענער צייט, שמעון בן שטח, געשיקט צו חוני אזוי צו זאָגן:

— ווען דו וואלסט ניט געווען חוני, וואלט איך דיך אריינ־געלייגט אין חרם, וואס קען איך אבער טאָן, אז גאָט האָט דיך ליב און גיט דיר נאָך, ווי א פאטער זיין ליב קינד, אלעס וואס דיר פארגלוסט זיך ביי אים צו בעטן.

ב.

דער זיבעציק־יאָריקער שלאָף.

איין טאָג איז חוני המעגל געגאנגען אין וועג. האָט ער געזען אַ מאן פלאנצט א באקסער־בוים. זאָגט חוני צום מאן:

— נאָך וויפיל יאָר פאנגט אָן אזא בוים צו געבן פרוכט?

— נאָך זיבעציק יאָר. — האָט דער פלאנצער געענטפערט.

— ביסטו ביי זיך זיכער — האָט חוני ווידער געפרעגט — אז דו וועסט לעבן פון איצט זיבעציק יאָר און וועסט עסן פון די פרוכט?

האָט דער מאן אים געענטפערט:

— איך האָב געפונען די וועלט פול מיט באקסער־ביימער; אזוי ווי מיינע עלטערן האבן געפלאנצט פאר מיר, אזוי וועל איך פלאנצן פאר מיינע קינדער.

נאָכדעם האָט זיך חוני געזעצט אין פעלד עסן. איז אויף אים אַנגעפאלן א דרעמל און ער איז איינגעשלאָפן. איז באלד ארום אים אויסגעוואקסן א פעלז, וואס האָט אים פארשטעלט פון אלע זייטן, און ער איז אזוי אָפּגעשלאָפן זיבעציק יאָר.

אז ער האָט זיך אויפגעוואכט, איז דער פעלז צורונען אין דער לופט, און ער האָט דערזען, ווי א מאן קלייבט באָקסערן פון יענעם בוים. פרעגט ביי אים חוני:

— ביסטו דאס דער מאן, וואס האָט געפלאנצט דעם בוים?

— ניין, מיין זיידע האָט עס געפלאנצט. — האָט יענער גע־ענטפערט.

— איך האָב געמוזט שלאָפן זיבעציק יאָר, — האָט חוני געטראכט און זיך געלאָזט אהיים.

געקומען אין שטאָט, האָט ער זי ניט דערקענט: נייע גאַסן, נייע מענטשן. הויבט ער אָן זיך נאָכפרעגן ביי מענטשן:

— וואו איז חוני המעגל׳ס זון?

— זיין זון — ענטפערט מען אים — איז שוין לאנג גע־שטאָרבן, זיין אייניקל איז דאָ פאראן.

— איך בין עס חוני המעגל! — האָט ער געזאָגט צו די מענטשן. האָט מען פון אים געלאכט און אים ניט געגלויבט. איז ער אוועק אין בית מדרש און געהערט ווי מען לערנט און דערביי דערמאָנט מען זיין נאָמען מיט די ווערטער: „אין די צייטן פון חוני המעגל, אלץ וואס מען פלעגט פרעגן, האָט חוני געוואוסט צו פארענטפערן“.

האָט חוני אויסגערופן:

— איך בין דאָך עס חוני!

האָט מען אים ניט געגלויבט און פון אים געלאכט.

האָט ער עס ניט געקענט אריבערטראָגן און אויסגעבעטן אויף זיך דעם טויט.

האָבן די חכמים אויף אים צוגעפּאסט דעם וועלטלאכן ווערטל:

„ענטוועדער א פריינט, אָדער א טויט היינט".

ג.

חוני המעגל'ס איייניקל אבא חלקיה.

אבא חלקיה איז געווען חוני המעגל'ס אן אייניקל. ווען נאָר עס האָט געפעלט רעגן, פלעגן די חכמים שיקן צו אים, ער זאל תפלה טאָן צו גאָט, און עס האָט שטענדיק געהאָלפן.

איינמאָל, אין א מאנגל פון רעגן, האָט מען געשיקט צו אים צוויי תלמידי חכמים, ער זאל בעטן אויף רעגן. זיינען זיי גע־קומען צו אים אהיים, און אים דאָרט ניט געטראָפן. זיינען זיי אַוועק אין פעלד און אים געפונען, ווי ער שטייט און גראָבט די ערד. האָבן זיי אים באגריסט — און ער האָט זיי ניט גע־ענטפערט. פארנאכט האָט ער אָנגעקליבן האָלץ, עס ארויפ־געלייגט אויף איין אקסל, דעם מאנטל אויף'ן אַנדערן אקסל, און אזוי זיך געלאָזט באָרוועס אהיים טראָגנדיק די שיך אין די הענט. זיינען די צוויי תלמידי חכמים אים נאָכגעגאנגען, און געזען פון אים משונה'דיקע זאכן:

אַז ער איז אין וועג געקומען צו א וואסער, האָט ער אָנגע־טאָן די שיך, צווישן דערנער און שטעכלען — האָט ער פאַר־הויבן די קליידער; געקומען נאָענט פון שטאָט, איז אים ארויס זיין ווייב אנטקעגן אַן אויסגעפּוצטע. אז ער האָט דערגרייכט זיין הויז, האָט ער פריער אריינגעלאָזט זיין פרוי אינעווייניג, נאָכדעם איז ער אליין אריין און צום לעצטן אריינגעלאָזט די

געסט. נאָכדעם האָט ער זיך געזעצט עסן — און די צוויי חכמים ניט איינגעלאַדן צום טיש. ביים עסן האָט ער אָפּגעבראָכן ברויט און געגעבן דעם עלטערן זון איין שטיק, און דעם קלענערן — צוויי.

נאָכ׳ן עסן האָט אבא חלקיה אָפּגערופן זיין ווייב אין א זייט און צו איר געזאָגט:

— איך פאַרשטיי, אז די חכמים זיינען געקומען צו מיר וועגן רעגן. לאָמיר ארויפגיין אויפ׳ן בוידעם און בעטן רחמים ביי גאָט, אפשר וועט ער זיך דערבארמען און געבן רעגן, און קיינער וועט ניט וויסן, אז דאס איז צוליב אונזער תפלה.

זיינען זיי ארויף אויפ׳ן בוידעם, האָט ער זיך געשטעלט אין איין ווינקל, און די פרוי אין אן אנדער ווינקל, און זיי האָבן געבעטן אויף רעגן. האָט זיך פון דער זייט, וואו די פרוי איז געשטאַנען, באוויזן צוערשט א וואָלקן און נאָכדעם איז דער גאַנצער הימל פארוואָלקנט געוואָרן.

זיינען זיי אַראָפּ פון בוידעם, און אבא חלקיה האָט געפרעגט די חכמים:

— רבותי, נאָך וואס זייט איר געקומען?

— די חכמים האָבן אונז געשיקט — האָבן די צוויי געסט געענטפערט — דו זאָלסט בעטן אויף רעגן.

— געלויבט איז גאָט, — האָט זיי אבא חלקיה געזאָגט — וואָס ער האָט געמאכט, איר זאָלט שוין ניט דארפן אָנקומען צו מיר.

האָבן אָבער די צוויי חכמים צו אים געזאָגט:

— מיר ווייסן גוט, אז דער רעגן איז געקומען צוליב דיין זכות. איצט בעטן מיר דיך נאָר, דו זאלסט אונז ערקלערן אייניגע זאכן אין דיין אויפפירונג, וואס זעט אונז אוים אומפאַרשטענדלאך.

— פאַרוואָס — האָבן זיי אָנגעהויבן אויסרעכענען כסדר — אַז מיר זיינען אָנגעקומען צו דיר אין פעלד, און דיך באַגריסט, האָסטו אונז ניט געענטפערט?

— ווייל איך האָב געאַרבעט ביי יענעם פון טאָג — האָט ער זיי געענטפערט — טאָר מען ניט פאַרלירן אומזיסט יענעמס צייט.

— פאַר וואָס האָסטו אַרויפגעלייגט באַזונדער, דאָס האָלץ אויף איין אַקסל, און דעם מאַנטל אויפ׳ן אַנדערן?

— ווייל דער בגד איז ניט מיינער, און מען האָט מיר אים געליען נאָר צו טראָגן, אָבער ניט אונטערצולייגן אונטער׳ן האָלץ.

— פאַרוואָס ביסטו דעם גאַנצן וועג געגאַנגען באָרוועס, און נאָר ביים וואַסער האָסטו אָנגעטאָן די שיך?

— ווייל אויפ׳ן וועג זעט מען דאָך, וואו מען גייט, אָבער אין וואַסער קען מען ניט זען, און מען קען זיך צעשלאָגן.

— פאַרוואָס, אַז דו האָסט דערגרייכט צו די דערנער, האָסטו אויפגעהויבן די קליידער?

— ווייל אַ וואונד אויפ׳ן לייב פאַרהיילט זיך, אָבער ניט אַ ריס אין די קליידער.

— וואָרום איז עפּעס אַרויס דיין פרוי אַנטקעגן דיר אָן אויסגעצירטע?

— כדי איך זאָל זיך ניט פאַרקוקן אויף אַן אַנדערער.

— וואָרום איז דיין פרוי אַריין פריער, דו נאָך איר און אונז האָסטו אַריינגעלאָזט צולעצט.

— ווייל איך האָב ניט געוואוסט, צי איר זייט אָרנטלאַך, און ניט געוואָלט איך טרויען מיט מיין פרוי.

— ווי קומט עס, דו זאָלסט אונז ניט איינלאַדן צום טיש עסן?

— ווייל דאס ברויט איז ניט געווען גענוג, און רופן ניט מיט אנ׳אמת האָב איך ניט געוואָלט.

— ווארום האָסטו דיין גרעסערן זון געגעבן איין שטיק ברויט, און דעם אינגערן — צוויי?

— ווייל דער עלטערער זיצט אין הויז, און יענער לערנט אין בית המדרש.

— פארוואס האָט זיך דער וואָלקן אויפגעהויבן פריער פון דיין פרוי׳ס זייט, און דערנאָך ערשט פון דיין ווינקל?

— ווייל די פרוי איז שטענדיק אין הויז, קומט אן אָרעמאן, זעטיקט זי זיין הונגער מיט פארטיקע ברויט; איך קען אבער נאָר געבן געלט, און דער אָרעמאן מוז נאָך ערגעץ גיין קויפן דעם ברויט פאר דאָס געלט — קומט איר מצוה שטענדיק פריער.

זיינען זיי אוועק און איבערדערציילט זיין גרויסקייט אין בית המדרש.

ד.

„חנן דער באַהאַלטענער“

„חנן דער באהאלטענער“ איז געווען דער זון פון חוני המעגלם טאָכטער. אין דער צייט פון מאנגל אין רעגן פלעגן די חכמים אָנשיקן אויף אים קליינע שול־קינדער, און זיי פלעגן אים אָנכאפן ביי די פאלעס און שרייען:

— טאַטע, טאַטע, גיב א רעגן!

גערירט פון די קינדערשע קולות, פלעגט ער זיך ווענדן צו גאָט:

— רבונו של עולם! גיב רעגן פון די קליינע קינדערם וועגן, וועלכע ווייסן נית דעם אונטערשייד צווישן א טאַטן וואס גיט רעגן און א טאַטן, וואס גיט נית קיין רעגן.

מען האָט אים גערופן חנן דער באהאלטענער, ווייל ער פלעגט צוליב זיין גרוים עניוות זיך אימער באהאלטן מיט זיינע גוטע מעשים פון לייטן.

———:———

הלל הזקן

א.

הלל׳ס ליבשאפט צו תורה.

הלל האָט געוואוינט אין בבל און האָט זייער ליב געהאט צו לערנען תורה.

האָט הלל געהערט, אז אין ירושלים זיינען דאָ צוויי גרויסע חכמים, שמעיה און אבטליון, און ער האָט געוואָלט לערנען פון זיי תורה. האָט ער גענומען זיין ווייב און קינדער און אויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל.

איז ער געקומען אין ירושלים און געוואָלט אריין אין בית־המדרש לערנען ביי די חכמים, אבער דער טיר־היטער האָט אים ניט אריינגעלאָזט אָן געלט, זאָגנדיק, אז אום צו לערנען אין בית המדרש דארף מען באצאָלן.

הלל איז אבער געווען אָרעם, און האָט גאָר ניט פארמעגט. איז ער אוועק אין וואלד, אָנגעהאקט האָלץ, עס געבראכט אין מארק און פארקויפט. העלפט געלט דערפון האָט ער געגעבן זיין פרוי צו קויפן שפייז און העלפט — דעם היטער פון בית־המדרש.

אזוי פלעגט הלל טאָן יעדן טאָג. דעם טאָג האָט ער געארבעט און פארנאכט פלעגט ער גיין אין בית המדרש לערנען, באצאָלנדיק העלפט פון זיין פארדינסט.

איינמאָל האָט הלל געבראכט האָלץ אין שטאָט און ניט געקענט פארקויפן. דער טאָג איז אריבער, און קיין געלט האָט ער

ניט געהאט, לערנען אבער האָט ער געוואָלט. וואס האָט ער געטאָן? איז ער ארויף אויפ׳ן דאך פון בית המדרש און דורך א פענסטערל זיך צוגעהערט צו די תורה־רייד פון די צוויי לערער.

דאָס איז געווען אין א קאלטן ווינטערדיקן טאָג. א שטארקער ווינט האָט געבלאָזן, און א שניי איז אראָפּ און צוגעדעקט הלל׳ן. ער איז אָבער געלעגן ניט גערירט פון אָרט און פארנומען די רייד פון די חכמים.

אזוי איז אריבער די נאכט. אויף מאָרגן פרי זיינען די חכמים געקומען אין בית המדרש, און שמעיה האָט געזאָגט צו אבטליון:

— אבטליון ברודער, אלע טאג איז שוין אין דער צייט ליכטיק און היינט איז פינסטער, וואס זאל עס באדייטן? איז היינט אַזאַ וואָלקנדיקער טאָג?

האָבן די צוויי לערער אויפגעהויבן זייערע אויגן און דערזען א געשטאַלט פון א מענטשן דורכ׳ן פענסטערל. זיינען זיי ארויף אויפ׳ן דאך און ארויסגעצויגן הלל׳ן פון שניי. הלל איז געווען קראנק און געציטערט פון קעלט. האָבן זיי אים אָנגעטאָן אנדערע קליידער און אים דערוואַרימט ביים פייער.

פון דאמאָלט אָן האָט מען הלל׳ן אריינגעלאָזט אין בית־המדרש אומזיסט. און הלל האָט געלערנט טאָג און נאכט ביז ער איז געוואָרן אליין א געלערטער און דער גרעסטער מאַן ביי אידן, און מען האָט אים גערופן „הלל הנשיא“.

ב.

הלל׳ס באשיידנהייט (ענוות).

הלל איז געווען זייער באשיידן און געלאסן און צו אלעמען געהאט געדולד.

איינמאָל האָבן צוויי מענטשן געמאכט א געוועט, אז ווער עס וועט ארייגברענגען הלל'ן אין כעס, זאל באקומען פיר הונ־דערט גילדן, און איינער האָט זיך אונטערגענומען הלל'ן צו דער־צערענען.

דאָס איז געווען פרייטיק פארנאכט און הלל האָט געוואשן זיין קאָפּ לכבוד שבת, ערשט ער הערט א מאן ביים טיר רופט מיט א גראָבן קול:

— ווער איז דאָ הלל? ווער איז דאָ הלל?

האָט הלל זיך איינגעהילט און ארויס צום מאן און געפרעגט:

— זון מיינער, וואס פארלאנגסטו?

— איך וויל דיך עפּעס פרעגן — האָט דער מאן געזאָגט — זאָג מיר, פארוואס זיינען די קעפּ ביי די בבל־מענטשן קיי־לעכדיק?

— זון מיינער, — ענטפערט אים הלל — ס'איז א וויכטיקע פראגע. דאס איז ווייל זיי האבן ניט קיין גענימע הייבאמען.

— איז דער מאן אוועק, זיך געזאמט א ווײַלע און געקומען צוריק.

— וואו איז דאָ הלל? וואו איז דאָ הלל? — האָט ער ווידער גערופן ביים טיר.

— וואָס פארלאנגסטו, מיין זון? — איז הלל ווידער ארויס אנטקעגן.

— זאָג מיר, — האָט דער מאן געפרעגט — פארוואס האָבן די מענטשן פון תרמוד שוואכע אויגן?

— א וויכטיקע פראגע האָסטו געפרעגט, מיין זון, — האָט אים הלל ליבלאך געענטפערט — דאָס איז, ווייל זיי וואוינען אין א זאמדיקן און שטויביקן אָרט.

איז דער מאן אוועק און געקומען אין א ווײַלע ארום ווידער צוריק און נאָכאמאָל אויסגערופן ביים טיר:

— הלל, הלל, וואו איז ער דאָ?

— וואָס פארלאנגסטו, מיין זון? — איז הלל ווידער ארויס און געפרעגט.

— איך האָב ווידער עפּעס צו פרעגן.

— פרעג, מיין זון, פרעג.

— פארוואס האָבן די אפריקאנער מענטשן ברייטע פיס?

— א וויכטיקע פראגע האָסטו געפרעגט, מיין זון, — האָט הלל געזאָגט — דאָס איז ווייל זיי וואוינען צווישן זומפּן.

— איך האָב דיך נאָך זאכן צו פרעגן — האָט דער מאן געזאָגט — איך האָב אבער מורא, דו וועסט ווערן אין כעס.

— אָ, ניין, מיין זון, — האָט הלל זיך אוועקגעזעצט און געזאָגט — דו קענסט פרעגן וואס דו ווילסט, און איך וועל דיר גערן ענטפערן.

— ביסטו עס דער דאָזיקער הלל, וואס מען רופט אים דער אידישער נשיא?

— יא.

— אויב אזוי, — האָט יענער געזאָגט — זאָלן אזעלכע ווי דו שיטער אויפגיין ביי אידן.

— פארוואס, זון מיינער?

— ווייל דורך דיר האב איך אָנגעוואוירן גאנצע פיר הונדערט גילדן.

— וועסטו שוין זיין פאָרזיכטיקער — האָט הלל געזאָגט — עס לוינט בעסער דו זאלסט פארלירן פיר הונדערט גילדן איידער הלל זאָל פארלירן זיין געדולד.

ג.

די גאנצע תורה אויף איין פוס.

אזוי ווי הלל איז געווען ליבלאך און געדולדיק, אזוי איז שמאי געווען שטריינג און האסטיק.

איינמאָל איז געקומען אַ גוי פאר שמאי און צו אים געזאָגט:

— רבי, איך וויל זיך מגייר זיין, אויב נאָר דו וועסט מיך אויסלערנען די גאנצע תורה, אין דער צייט וואס איך וועל שטיין אויף איין פוס.

האָט אים שמאי אָפּגעשטויסן מיט דעם מאסשטאב, וואס ער האָט געהאלטן אין האנט.

איז דער גוי אוועק צו הלל'ן און געזאָגט דאָסזעלבע:

— רבי, זיי מיך מגייר, און לערן מיך אוים די תורה אויף איין פוס.

— גוט, — זאָגט הלל — „וואָס דו האסט פיינט מען זאָל דיר טאָן, זאָלסטו ניט טאָן צו דיין פריינט" — דאָס איז די גאנצע תורה. די איבעריקע זאכן זיינען נאָר דערקלערונגען צו דעם. גיי און לערן.

רבי יוחנן בן זכאי

א.

זיינע רייד פאַר'ן טויט.

רבי יוחנן בן זכאי האָט געלעבט הונדערט און צוואנציק יאָר. פערציק יאָר האָט ער זיך פארנומען מיט מסחר, פערציק יאָר האָט ער אליין געלערנט און פערציק יאָר האָט ער געלערנט אַנדערע.

ער האָט ניט איבערגעלאָזט קיין זאך אין תורה און חכמה, וואָס ער האָט ניט געוואוסט ביז'ן גרונט. ער האָט געקענט אלע שפראכן פון מענטשן און חיות און אלע וועלט-משלים פון דעם גרעסטן ביז'ן קלענסטן.

אַז ער איז קראנק געוואָרן און געהאלטן ביים שטארבן, זיינען אים געקומען זיינע תלמידים מבקר חולה זיין. אַז ער האָט זיי דערזען, האט ער אָנגעהויבן וויינען, האבן די תלמידים אים געפרעגט:

— רבי, אידישער זייל, וואס וויינסטו?

האָט ער זיי געענטפערט:

— שטעלט אייך פאָר, אז ווען מען וואָלט מיך פירן פאר א קעניג, א בשר ודם, וואס היינט איז ער דאָ און מאָרגן אין קבר, וואָס ער קען ניט באשטראפן אויף אייביק, און מען קען אים אויך איבערבעטן מיט געלט, וואלט איך זיך געשראָקן און געוויינט, איצט אז מען פירט מיך פאר דעם קעניג פון אלע קעניגע, גאָט ברוך הוא, וואס לעבט אייביק און קען באשטראָפן אויף אייביק און מען קען אים ניט איבערבעטן מיט געלט, און דערצו

זיינען דאָ צוויי וועגן — איינער צום גן־עדן, דער אנדערער — צום גיהנום, און איך ווייס ניט, אין וועלכע וועט מען מיך פירן — טאָ ווי זאל איך ניט וויינען?

זאָגן זיי צו אים:

— רבי, בענטש אונז!

— איך ווינטש אייך — האָט ער צו זיי געזאָגט — אז איר זאָלט מורא האבן פאר גאָט, ווי פאר א מענטשן.

— רבי, און נישט מער? — האָבן די תלמידים זיך געוואונדערט.

— הלואי אזוי — האָט ער געענטפערט — א באוויז איז, ווען א מענטש טוט אן עבירה, ציטערט ער נאָר, מענטשן זאָלן ניט באמערקן.

אַז רבי יוחנן בן זכאי איז נפטר געוואָרן, איז פארגאנגען די שיין פון חכמה.

ב.

וועלכע רייד טרייסטן?

ווען עס איז געשטארבן דער זון פון רבי יוחנן בן זכאי, זיינען געקומען זיינע תלמידים אים טרייסטן.

צוערשט איז ארייננעגאנגען רבי אליעזר בן הורקנוס. ער האָט זיך אוועקגעזעצט און געפרעגט:

— רבי! ווילסטו איך זאל פאר דיר זאָגן א טרייסט־וואָרט?

— זאָג! — האָט ר' יוחנן געענטפערט.

— האָט ר' אליעזר אזוי אָנגעהויבן:

— אדם הראשון האָט געהאט א זון און ער איז געשטאָרבן, און דאָך האָט ער זיך געטרייסט און ווייטער אָנגעפירט זיין פא־

מיליען לעבן מיט חוה'ן, זיין ווייב. אזוי דארפסטו אויך זיך טרייסטן.

האָט ר' יוחנן אים געענטפערט:

— זיינען ניט גענוג מיינע אייגענע צרות, אז דו זאלסט מיך נאָך דארפן דערמאנען די צרות פון אדם הראשון?

נאָכדעם איז אריינגעקומען רבי יהושע און אָנגעהויבן טרייסטן ר' יוחנן, און אזוי געזאָגט:

— איוב האָט געהאט זין און טעכטער און זיי זיינען אלע אויסגעשטארבן אין איין טאָג — דאָך האָט ער זיך געטרייסט, דארפסטו געווים זיך טרייסטן.

— אָ, שווייג! — האָט ר' יוחנן צו אים געזאָגט — ניט גענוג מיינע אייגענע צרות, אז דו זאלסט מיך נאָך דערמאנען איוב'ס צרות?

שפּעטער איז אריינגעקומען רבי יוסי און אָנגעהויבן צו ריידן טרייסט־רייד, זאָגנדיק:

— אהרן האָט געהאט צוויי דערוואַקסענע זין און ביידע זיינען געשטאָרבן אין איין טאָג, פונדעסטוועגן שטייט אין דער תורה „וידום אהרן", ער איז אנטשוויגן געוואָרן און אויפגעהערט צו טרויערן, אזוי דארפסטו אויך אויפהערן קלאָגן און זיך לאָזן טרייסטן.

— וואָס דארפסטו מיך נאָך דערמאנען אהרנ'ס ליידן, — האָט ר' יוחנן אים געענטפערט — ניט גענוג זיינען מיינע איי־גענע צרות?

נאָך אים איז אריין רבי שמעון און אזוי אָנגעהויבן זיינע טרייסט־רייד:

— דוד המלך האָט געהאט א זון (אבשלום) און אים פאר־לאָרן, דאָך האָט ער זיך געלאָזט טרייסטן מיט בת שבע זיין פרוי

און זי האָט אים געבוירן אַ זון שלמה, אַזוי דאַרפסטו זיך אויך לאָזן טרייסטן.

— אָ! — האָט ר׳ יוחנן אויסגערופן — דערמאָן מיך ניט דוד׳ס צרות, גענוג זיינען פאַר מיר מיינע אייגענע.

צולעצט איז אַריינגעקומען רבי אלעזר בן עזריה. ווי רבי יוחנן האָט אים דערזען, האָט ער באַפוילן זיינע דינער, מען זאָל דיזן תּלמיד אָפּגעבן גרויס כבוד, ווייל ער איז אַ גרויסער מאַן.

ר׳ אלעזר האָט זיך אוועקגעזעצט און אָנגעהויבן צו ריידן.

— רבי, — האָט ער געזאָגט — ערלויב מיר דיך צו טרייסטן און דערציילן אַ משל וואָס פּאַסט גוט צו דיין לאַגע.

אַ מלך האָט אַמאָל געגעבן צו אַ מענטשן פון זיין פאָלק אַ ווערטפולע זאַך צו באַהאַלטן. האָט דער מענטש זייער שטאַרק געהיט די זאַך און שטענדיק געוויינט און געקלאָגט: „ווען וועט שוין דער קעניג ביי מיר אָפּנעמען דעם פּקדון, און מיך באַפרייען פון דער גרויסער פאַראַנטוואָרטלאַכקייט צו היטן זיינע אַ זאַך?“

אַזוי, רבי, איז אויך מיט דיר. דו האַסט געהאַט אַ זון אַ גע־ראָטענעם, אַ גרויסער לערנער, און ער איז אַוועק פון דער וועלט אַ גאַנצער, ריין פון זינד. דאַרפסטו זיך טרייסטן, וואָס דו האַסט צו גאָט ברוך הוא אָפּגעגעבן צוריק זיין פּקדון, וואָס ער האָט דיר אָנפאַרטרויט.

— זיי געבענטשט, אלעזר מיין זון! — האָט רבי יוחנן אויסגערופן — דו האָסט מיך געטרייסט, האָסט מיך געטרייסט.

רבי חנינא בן דוסא

א.

דער נס מיט די חלות.

רבי חנינא בן דוסא איז געווען א גרויסער צדיק, איז אבער אויך געווען זייער אָרים, און האָט געלעבט מיט זיין פאמיליע אויף א מעסטל באקסער א גאנצע וואָך. אַלע טאָג פלעגט זיך הערן א בת קול פון הימל:

— די גאנצע וועלט ווערט געשפּייזט צוליב חנינא מיין זון, און חנינא מיין זון באנוגענט זיך מיט א טאָפּ באָקסערן פון ערב שבת צו ערב שבת.

רבי חנינא איז מיט זיין צושטאַנד געווען צופרידן און זיך פאר קיינעם ניט באקלאָגט. אבער זיין פרוי האָט זיך געשעמט מיט איר אָרעמקייט און געזוכט צו באהאלטן דעם דלות פון די שכנים.

יעדן ערב שבת, ווען די ארומיקע שכנים האבן געהאלטן אין קאָכן און באקן לכבוד שבת, פלעגט זי איינהייצן איר ליידיקן אויוון, כדי עס זאל גיין א רויך און די שכנים זאלן מיינען, אז זי קאָכט אויך אויף שבת.

איז דאָרט געווען א שכנה, א שלעכטע פרוי, און זי איז גע־וואָרן זייער נייגעריק.

— איך וויים, — האָט זי געזאָגט צו די איבעריקע שכנות — אז ר׳ חנינא׳ס פרוי האָט ניט וואס צו קאכן, טאָ צו וואס הייצט זי דעם אויוון?

איז די שלעכטע פרוי געגאנגען און אָנגעקלאפּט אין ר׳ חנינא בן דוסא׳ס טיר. אז ר׳ חנינא׳ס פרוי האָט געהערט אז די שכנה קומט אריין, האָט זי זיך פארשעמט און אוועקגעלאָפן צו באהאלטן זיך אין אן אנדער צימער.

איז געשען א נס, און ווי די שכנה איז אריין, האָט זי דערזען דעם אויוון פול מיט חלות און די מולטער פול מיט טייג. און זי האָט גענומען שרייען צו ר׳ חנינא׳ס פרוי:

— גיכער ברייננ א לאפּעטע, דיינע חלות ווערן צוגעברענט.

האָט איר ר׳ חנינא׳ס פרוי פון צווייטן צימער געענטפערט:

— דאָס בין איך דאָך טאקע געגאנגען ברייננען די לאפּעטע.

ב.

דאָס גאָלד פון עולם הבא.

איינמאָל האָט דאָס ווייב געזאָגט צו רבי חנינא:

— זאָג מיר, ביז וואנען וועט עס אזוי אָנגיין און מיר וועלן אזוי ליידן נויט?

— וואָס קענען מיר טאָן? — האָט ער איר געפרעגט.

— בעט ביי גאָט, ער זאל אונז געבן עטוואס פון די גוטס, וואָס איז אָנגעגרייט פאר צדיקים אויף יענער וועלט.

האָט ער אזוי געבעטן, און פון הימל האָט זיך באַוויזן אזוי ווי א האנט, וועלכע האָט אים א וואָרף געטאָן א פוס פון א גאָלדענעם טיש. האבן זיי זיך געפרייט, וואס זיי וועלן איצט מיט דעם גאָלד פארלייכטערן דעם נויט אין הויז.

ביינאכט אָבער האָט ער געזען אין חלום, ווי אלע צדיקים זיצן אין גן עדן יעדער ביי א גאָלדענעם טיש אויף דריי פיס, נאָר ער מיט זיין פרוי — ביי א טיש מיט צוויי פיס. ווי ער האָט ער־

וואכט, האָט ער דערציילט דעם חלום זיין פרוי און איר גע־פרעגט:

— איז עס ביי דיר רעכט, אז אלע צדיקים זאלן עסן אויף טישן מיט דריי פיס, און מיר — אויף א טיש, פון וועלכן מען האָט צוגענומען א פוס?

— ביסט גערעכט, — האָט דאָס ווייב געזאָגט — בעט גאָט, מען זאָל פון אונז די פוס צוריק צונעמען.

האָט ער מתפלל געווען און עס האט זיך ווידער באַוויזן די האנט און צוגענומען דאָס גאָלדענע פוס צוריק

ג.

אז גאָט וויל קען עסיק ברענען.

איינמאָל, ערב שבת פארנאכט, זעט ר׳ חנינא בן דוסא ווי זיין טאָכטער זיצט אן אומעטיקע. האָט ער איר געפרעגט:

— טאָכטער מיינע, וואָס ביסטו אזוי פארטרויערט?

— ס׳האָט זיך מיר פארביטן די כלים, — האָט זי געענטפערט — און אנשטאט בוימייל האָב איך אָנגעצונדן מיט עסיק דעם לאָמפּ אויף שבת.

— וואָס ערגערט דאָס דיך אזוי? — האָט ר׳ חנינא איר גע־זאָגט — דער וואָס האָט געמאכט בוימייל ברענען, וועט מאכן דעם עסיק ברענען.

און אזוי איז געווען. דאָס עסיק האָט געברענט א גאנצן מעת לעת און מען האָט נאָך פון דעם אָנגעצונדן פייער צו הבדלה.

ד.

ציגן וואָס קומען פון הינער.

רבי חנינא בן דוסא האָט געהאַט ציגן. זיינען מענטשן געקומען צו אים זיך באקלאָגן, אז זיינע ציגן גייען אין שאָדן.

— אויב זיי מאכן ווירקלאך אָן שאָדן — האָט ר׳ חנינא געזאָגט — זאָלן בערן זיי אויפעסן, און אויב ניט — זאָל יעדע ציג ברייגגען אין אָוונט א בער אויף די הערנער.

אין אָוונט זיינען געקומען די ציגן פון פעלד, און יעדע האָט געטראָגן א בער אויף די הערנער.

און רבי חנינא בן דוסא, אזא אָרימאַן, ווי קומען צו אים ציגן?

איז דערביי אזא מעשה:

איינמאָל איז א רייזנדער פארבייגעגאנגען דאָס הויז פון רבי חנינא און דאָרט אריין אָפּרוען זיך. שפּעטער איז ער אוועק און פארגעסן אין הויז עטלאכע הינער. האָט זיי ר׳ חנינא׳ס ווייב געפונען, און רבי חנינא האָט איר אָנגעזאָגט, זי זאָל ניט פארנוצן די אייער, ס׳איז פרעמדעס.

האָבן די הינער אָנגעלייגט א סך אייער און אויסגעפּירט פון זיי פיל הינדעלאך. איז אין שטוב געוואָרן אייגג פון זיי און זיי זיינען געקראָכן אלעמען איבער די קעפּ. האָט זיי רבי חנינא פארקויפט, און פאר דעם געלט געקויפט ציגן.

דאָס זיינען עס געווען די ציגן, וואס האָבן געבראכט די בערן אויף די הערנער.

אין א צייט ארום איז דער אייגנטימער פון די הינער מיט זיינעם א חבר ווידער פארבייגעגאנגען ר׳ חנינא׳ס הויז. הערט ר׳ חנינא ווי ער ווייזט אָן צו זיין חבר:

— זעסטו, אָט דאָ אין דעם הויז האב איך פאַרגעסן מיינע הינער.

איז חנינא צוגעגאנגען און אים געפרעגט, צי קען ער געבן א סימן פון יענע הינער. האָט אים יענער געזאָגט א סימן.

— אויב אזוי, — האָט ר׳ חנינא געזאָגט — געהערן אלע ציגן צו דיר. זיי זיינען עם גענומען פון יענע הינער.

און יענער האָט זיי צוגענומען.

ח.

שטארקער פון שלאנג.

אין א געווויסן אָרט איז געווען א שלאנג, וואס האָט גע־שעדיקט מענטשן. האָט מען עס דערציילט צו רבי חנינא בן דוסא. האָט ער געזאָגט:

— קומט און צייגט מיר דעם אָרט, וואו די שלאנג געפינט זיך.

האָט מען אים געוויזן. איז ער ארויפגעטראָטן אויף דער נאָרע פון שלאנג מיט זיין פוס. האָט זיך באַוויזן די שלאנג. אָבער ווי זי האָט נאָר א ביס געטאָן ר׳ חנינא׳ן איז זי געבליבן טויט אויפ׳ן אָרט.

האָט ר׳ חנינא גענומען די שלאנג אויף זיין אקסל און איר אַוועקגעטראָגן אין בית המדרש:

— זעט, קינדער, — האָט ער געזאָגט צו זיינע תלמידים — נישט די שלאנג ברענגט טויט, נאָר די זינד.

פון דאמאָלט אָן איז ארוים דער שפריכוואָרט:

„ווייו איז דעם, וואס באגעגנט א שלאנג; און ווייו איז דער שלאנג, וואס באָגעגנט ר׳ חנינא בן דוסא׳ן".

ו.

ר׳ חנינא און דער לייב.

ר׳ חנינא האָט איינמאָל דערזען א לייב, האָט ער צו אים געזאָגט:

— ווי איז דיר, שוואכער קעניג, האב איך דיר דען שוין איינמאָל ניט באַשוואוירן, אז דו זאלסט זיך ניט דערוועגן באַ־ווייזן אין ארץ ישראל?

איז דער לייב גלייך אנטלאָפן. איז אים נאָכגעלאָפן רבי חנינא און געזאָגט:

— ענטשולדיק מיר, לייב, וואס איך האָב דיך אָנגערופן „שוואכער קעניג", ווען דיין באַשעפער אליין רופט דיך „גבור".

ז.

ווען א תפלה ווערט אָנגענומען פון גאָט.

רבי חנינא בן דוסא פלעגט תפלה טאָן פאר קראנקע און פאָראויסזאָגן: דער ווערט בלייבן לעבן און דער וועט שטארבן. האָט מען אים געפרעגט, פון וואנען ווייסטו עס, האָט ער גע־ענטפערט:

— איך האָב א סימן, גייט ביי מיר די תפלה אַרוים גלאַט פון מויל — איז זי אָנגענומען, און יענער וועט בלייבן לעבן; אויב נישט — איז דאס געבעט אָפּגעוואָרפן, און יענער וועט שטארבן.

איינמאָל איז קראנק געוואָרן רבן גמליאל׳ס זון. האָט ער גע־שיקט צוויי פון זיינע תלמידים צו ר׳ חנינא בן דוסא, ער זאל בעטן רחמים פאר דעם קראנקן.

ווי ר׳ חנינא האָט זיי דערזען, איז ער ארויף אויפ׳ן אויבער־

שטיבל און תפלה געטאָן פאר'ן קראנקן. אז ער איז אראָפּ, האָט ער געזאָגט צו די תלמידי חכמים:

— גייט אהיים. די היץ האָט דעם חולה אָפּגעלאָזט.

— פון וואנען ווייסטו, ביסט דען א נביא? — האָבן זיי אים געפרעגט.

— איך בין נישט קיין נביא און נישט קיין זון פון א נביא — האָט ר' חנינא זיי געענטפערט — נאָר איך ווייס, אז ווען מיין תפלה גייט ארוים גלאט פון מיין מויל, איז זי אָנגענומען.

האָבן די תלמידי חכמים פארצייכנט די שעה. שפעטער, ווען זיי זיינען געקומען צוריק אהיים, האָט רבן גמליאל, צו זיי געזאָגט.

— איך שווער אייך, ניט פריער און ניט שפעטער, נאָר פונקט אין יענער מינוט האָט אָפּגעלאָזט דעם חולה די היץ, און ער האָט ביי אונז געבעטן א טרונק וואסער.

ח.

דער אייזל פון אַ צדיק.

איינמאָל האָבן גנבים ארויסגע'גנב'עט ביי ר' חנינא בן דוסא זיין אייזל און אים אוועקגעפירט צו זיך. האָבן זיי אים צוגעבונדן אין הויף און אוועקגעשטעלט פאר אים היי, גערשטן און וואַסער. אָבער דער אייזל האָט ניט געגעסן און ניט געטרונקען. האָבן זיי אים אָפּגעבונדן, געעפנט די טיר און ארויסגעלאָזט. האָט דער אייזל זיך געלאָזט פּאמעלאך אין וועג, אזוי דערגרייכט ר' חנינא'ס הויז, און דאָרט אָנגעהויבן צו הירזשען.

האָט ר' חנינא דערהערט דעם קול און האָט אויסגערופן צו זיין זון:

— זון מיינער, גיכער לאָז אריין אונזער אייזל און גיב אים עסן, ווייל ער וועט גיכער אויסגיין פון הונגער, און וועט ניט אָנרירן פרעמדעס עסן.

האָט זיין זון אריינגענומען דעם אייזל, געשטעלט היי און גערשטן מיט וואסער און ער האָט געגעסן און געטרונקען.

איז ארוים דאמאָלט דער שפריכוואָרט: „ווי די צדיקים, אזוי זייערע בהמות".

ט.

א גוטע זאך קען ניט ברייגען קיין שלעכטס.

אין ירושלים איז געווען א מאן, נחוניא, וואס זיין באשעפ־טיגונג איז געווען צו גראָבן וואסער גרובן אין דער הייליקער שטאָט, אום די עולי־רגל, וועלכע קומען אין ירושלים אויף יום־טוב, זאלן האבן וואס צו טרינקען.

איינמאָל, ווען זיין טאָכטער האָט אים געהאָלפן ביי דער אַר־בעט, איז זי אריינגעפאלן אין איינע פון די גריבער און קיינער האָט זי ניט געקענט ארויסנעמען.

איז מען געקומען צו לויפן צו ר' חנינא בן דוסא און אים דערציילט פון גרויסן אומגליק.

— זי וועט זיין גאנץ! — האָט ר' חנינא געענטפערט.

באַלד איז מען ווידער געקומען צו ר' חנינא.

— זי וועט גאנץ זיין! — האָט ער זיי א צווייטן מאָל גע־ענטפערט.

ווען מען איז געקומען צום דריטן מאָל, האָט ר' חנינא גע־זאָגט:

— גייט אהיים, זי איז שוין ארוים.

און אזוי איז טאקע געווען. נחוניא׳ס טאָכטער איז געקומען א לעבעדיקע אהיים. און ווען איר פאטער האָט איר געפרעגט, ווי אזוי זי איז געראַטעוועט געוואָרן, האָט זי דערציילט:

— אַן אלטער מאַן, וואס האָט אויסגעזען ווי אברהם אבינו האָט מיך ארויסגענומען.

נאָכדעם האָט מען געפרעגט רבי חנינא בן דוסא, ווי אזוי האָט ער געטראָפן, האָט ר׳ חנינא געענטפערט:

— איך בין ניט קיין נביא, און ניט קיין זון פון א נביא, איך בין אבער געווען זיכער, אז אָן דער גוטער זאַך, מיט וואס דער צדיק באשעפטיקט זיך, וועלן זיינע קינדער ניט געשטרויכלט ווערן.

חורבן ירושלים

א.

וואָס עס האָט געבראַכט צום חורבן.

אין יענער צייט, פאַר'ן חורבן, האָט זיך אין ירושלים גע־טראָפן אַזאַ געשיכטע:

איינער א יונג, אן ארבעטער ביי א טישלער, האָט געוואָרפן אן אויג אויף דער פרוי פון זיין בעל־הבית. איינמאָל האָט דער טישלער געדאַרפט האָבן געלט, זאָגט זיין ארבעטער צו אים:

— איך קען דיר לייען. שיק צו דיין פרוי צו מיר אהיים, און איך וועל איר געבן דאָס געלט.

ניט האָבנדיק קיין חשד, האָט דער בעל־הבית געשיקט זיין פרוי צום יונג. האָט איר דער יונג געהאַלטן ביי זיך דריי טעג. אויף דעם פערטן טאָג איז דער מאַן געגאַנגען איהר זוכן און בא־געגנט זיין ארבעטער אויפ'ן וועג.

— מיין פרוי, — האָט דער מאַן געפרעגט — וואָס איך האָב דיר געשיקט, וואו איז זי?

— איך האָב איר געגעבן דאָס געלט — האָט דער יונג גע־ענטפערט — און גלייך אָפּגעשיקט אהיים. איך האב אבער גע־הערט, אז יונגען זיינען איר באַפאַלן אויפ'ן וועג און געטאָן איר שלעכטס.

— וואָס זאָל איך איצט טאָן? — פרעגט דער מאַן.

— מיין עצה איז, דו זאָלסט איר געבן גט.

— זי האָט אבער א גרויסע כתובה, און איך האב ניט קיין געלט. — האָט דער מאַן געזאָגט.

— איך וועל דיר לייען דאָס געלט. — האָט געזאָגט דער יונג.

האָט דער טישלער ביי אים גענומען דאָס געלט און גע׳גט זיין ווייב. איז געגאנגען דער יונג באלד נאָכדעם, און איר גע־נומען פאר זיך פאר א פרוי.

ווען עס איז געקומען די צייט צו באצאָלן דעם חוב, האָט דער טישלער ניט געהאט מיט וואס, האָט דער יונג צו אים גע־זאָגט:

— שטעל זיך ביי מיר פאר א באדינער און צאָל מיר אָפּ דעם חוב מיט ארבעט.

פלעגט דער יונג מיט זיין נייער פרוי זיצן ביים טיש, עסן און טרינקען און זיך וואוילטאָן, און זיין געוועזענער בעל־הבית איז געשטאַנען פאר זיי אלס באדינער און דערלאנגט זיי די גע־טראנקען, און טראָפּנס טרערן פון זיינע אויגן פלעגן פאַלן אין די בעכערס אריין.

איז דאמאָלט די גזירה פון חורבן גע׳חתמ׳עט געוואָרן.

ב.

קמצא ובר קמצא.

אַ רייכער מאן אין ירושלים האָט אמאָל געמאכט א מאָל־צייט און איינגעלאדן זיינע בעסטע פריינט. דיזער מאן האָט געהאט א פריינט מיט׳ן נאָמען קמצא און א פיינט — מיט׳ן נאָ־מען בר־קמצא. האָט דער רייכער געהייסן איינלאדן צו דער סעודה זיין פריינט קמצא, איז אוועק דער באדינער און דורך א טעות איינגעלאדן בר־קמצא. ביי דער סעודה האָט דער בעל־שמחה צווישן זיינע געסט דערזען זיצן זיין פיינט בר־קמצא. איז ער צו אים צוגעגאנגען און געזאָגט:

— דו ביסט דאָך מיין שונא — טאָ ווי קומסטו צו מיין טיש ? גיי גלייך ארוים פון דאנען !

— אז איך בין שוין געקומען — האָט בר־קמצא געזאָגט — בעט איך דיך, פארשעם מיך ניט פאר אלע געסט, און לאָז מיך זיצן.

— ניין, דו מוזט פארלאָזן דעם טיש. — האָט דער בעל־הבית געזאָגט.

— וועל איך דיר באצאָלן פאר מיין עסן. — האָט בר־קמצא געבעטן — אבי לאָז מיך זיצן.

— ניין, דו מוזט גיין !

— איך וועל דיר באצאָלן פאר דער גאנצער סעודה פאר אלע געסט, נאָר פארשעם מיך ניט. — האָט בר־קמצא ווידער געבעטן.

— ניין און ניין, — איז דער בעל־הבית געווען איינגעשפארט און אים איינפאך אויפגעהויבן מיט כח פון זיין אָרט און ארויסגעוואָרפן פון הויז.

אַ פארשעמטער, א באליידיקטער איז בר־קמצא געבליבן שטיין אין גאס, און געטראכט מיט כעס : אזוי פיל אידישע חכמים זיינען געזעסן ביים טיש און געזען ווי ער האָט מיר אָנגעטאָן אזאַ בזיון און זיי האבן אים ניט געווערט, ניט אָנגענומען זיך פאר מיר מיט א וואָרט. ווייזט עס, אז זיי זיינען געווען צופרידן פון דעם. וועל איך נעמען נקמה, און ברייננגען א מסירה פאר דער רוימישער מלוכה.

איז ער גלייך אוועק צום רוימישן קיסר און געזאָגט :

— אידן האָבן געמאכט א בונט קעגן דיר.

— האָסטו באווייזן ? — האָט דער קיסר געפרעגט.

— זאָל דער קיסר שיקן דורך מיר א קרבן אין בית המקדש און זען, אויב די אידן וועלן אים מקריב זיין.

האָט דער קיסר געשיקט דורך אים א קאַלב. דאָס קאַלב

איז געווען גאנץ און געזונט, אבער אויפ'ן וועג האָט בר־קמצא בכיון איינגעשניטן דעם קאלב די ליפּ און אזוי געמאכט אין דעם אַ מום (א פעלער, וואס פארווערט לויט'ן אידישן דין צו ברייני־גען די בהמה פאר א קרבן אויפ'ן מזבח) און עס אזוי מיט דעם פעלער געבראכט קיין ירושלים צום בית המקדש. איז געוואָרן ביי די חכמים א פראגע, וואס זאל מען טאָן? און אייניקע חכמים האָבן געהייסן צוליב'ן שלום מיט'ן קיסר מקריב זיין דאָס קאלב אויפ'ן מזבח אפילו מיט'ן מום, אבער איינער א חכם, ר' זכריה בן אבקילס, האָט עס נישט דערלאָזט, כדי מען זאל נישט זאָגן, אז מען ברייננט אויף אויפ'ן מזבח בהמות מיט א מום.

איז בר קמצא אוועק און געבראכט דאס קאלב צוריק צום קיסר אין רוים.

אַז דער קיסר האָט געזען, אז די אידן האָבן ניט אויפגע־בראכט זיין קרבן, איז ער געוואָרן אין כעס, און ארוים מיט פיל חיל איינצונעמען ירושלים און באשטראָפן די אידן.

ג.

די מלחמה און דער הונגער.

דריי יאָר נאָכאנאנד האָט דער פעלד־מארשאל אספּסינוס באלאגערט די שטאָט ירושלים. קיינעם נישט ארייננעלאָזט און נישט ארויסגעלאָזט. האבן זיך דאמאָלט געפונען אין שטאָט דריי רייכע לייט, און זיי האבן זיך אונטערגענומען אויסצוהאלטן די באַלאַגערטע שטאָט מיט די נויטיקסטע באדערפענישן: איינער מיט ווייץ און גערשטן, איינער מיט וויין, זאלץ און בוימייל, און איינער מיט האָלץ. אַז זיי האבן געעפנט זייערע אָנגעפילטע שפייכלערס, איז דאָרט געווען גענוג שפייז און האָלץ אויסצו־האלטן די גאנצע שטאָט פאר איין און צוואנציק יאָר.

אָבער א קריגערייִ איז דאָמאָלט אויסגעבראָכן צווישן די אידן אין ירושלים, און זיי האָבן זיך צעטיילט אין צוויי פּאַר־טייען. איינע איז געווען פאר שלום מיט די רוימער, מען זאָל אַרויסגיין און זיך אונטערגעבן צו זיי, און די אַנדערע פאר מלחמה, מען זאָל קעמפן מיט די רוימער און זיי באַזיגן. האָט די מלחמה־פּאַרטיי פאַרברענט אַלע שפּייכלערס פון ווייץ און גערשטן, און א הונגער האָט געהערשט אין שטאָט.

צו יענער צייט איז אין ירושלים געווען א רייכע פרוי, מרתא בת בייתוס, האָט זי אַרויסגעשיקט א דינער אין מארק קויפן פאר איר זעמל־מעל, ביז ער איז געקומען אין מאַרק, איז די זעמל־מעל געוואָרן אויספארקויפט. איז ער צוריקגעקומען און געזאָגט, אַז זעמל־מעל איז שוין ניטאָ, נאָר ווייס ברויט קען מען קריגן. האָט זי אים געשיקט נאָך ווייס ברויט, אָבער ער איז באַלד געקומען צוריק מיט דער תשובה, אַז קיין ווייס ברויט קריגט מען שוין ניט, נאָר שווארצע ברויט איז נאָך פאַראַן. האָט זי אים געהייסן ברענגען די שווארצע ברויט. אָבער ביז ער איז געקומען אין מאַרק, איז שוין די שווארצע ברויט אויך ניט געווען, האָט זי אים געהייסן ברענגען כאָטש גערשטן, אָבער ער איז ווידער געקומען מיט ליידיקן, ווייל קיין גערשטן איז שוין אויך ניט געווען צו באַקומען.

האָט זי אויסגעטאָן אירע מיט גאָלד באַדעקטע שיך און איז אַליין אַרויס אין גאַס זוכן עפּעס צו דערהאַלטן די נשמה, האָט זי געפונען א טרוקענעם פייג, וואָס רבי צדוק האָט אויסגעזויגן און אַוועקגעוואָרפן. פאַר גרויס הונגער האָט זי עס אויפגעגעסן, אָבער איז דערנאָך פון גרויס עקל געשטאָרבן.

פאַר׳ן טויט האָט זי גענומען איר גאַנצע גאָלד און זילבער און געוואָרפן אין גאַס, זאָגנדיק:

— וואָס נוצן דיזע זאכן, ווען מען קען פאר זיי גאָרנישט באקומען?

מיט רבי צדוק'ס פייג איז געווען אזאַ געשיכטע:

דער תנא רבי צדוק האָט פארבראכט פערציק יאָר אין טרויער און תעניתים, אלץ געבעטן גאָט, ער זאל ניט חרוב מאכן ירושלים. פון די תעניתים איז רבי צדוק געוואָרן אזוי אויסגע־דאָרט און איינגעטריקנט, אז ווען ער האָט עפּעס געשלונגען, האָט מען ארויסגעזען דורכ'ן האלדז. נאָך יעדן תענית פלעגט ער אין אָוונט נעמען אין מויל געפרעסטע פייגן, אויסזויגן דעם זאפט און אוועקווארפן. איינע פון די אויסגעזויגענע פייגן האָט עס מרתא בת ביתוס געפונען און אויפגעגעסן.

ד.

דער אויפטו פון רבי יוחנן בן זכאי.

צו יענער צייט איז אין ירושלים געווען דער תנא רבי יוחנן בן זכאי. איז ער געגאנגען אין גאס און געזען, ווי מען קאָכט שטרוי און מען טרינקט די וואסער, האָט ער זיך געטראכט: איז עס דען מעגלאך, אז מענטשן, וואס ערנערן זיך מיט וואסער פון געקאָכטע שטרוי, זאָלן קענען אקעגנשטיין די מחנות פון אספּסינוס? איז עס דען ניט א פארלאָרענער קאמף?

האָט רבי יוחנן געשיקט א שליח אין געהיים צו זיין שוועס־טערס זון אבא סיקרא, דעם אָנפירער פון דער מלחמה־פּאַרטיי אין ירושלים, און געבעטן ער זאל קומען צו אים. אז אבא סיקרא איז געקומען, האָט ר' יוחנן אים געפרעגט:

— ביז ווי לאנג וועלן דיינע מענטשן אונז ניט לאזן מאכן שלום מיט די רוימער, און מיר וועלן ניט דארפן אומקומען פון הונגער?

האָט אבא סיקרא געענטפערט:

— וואָס קען איך העלפן? ווען איך וועל דאָס זאָגן צו מיינע מענטשן, וועלן זיי מיר גלייך הרג'ענען.

— געפין אָבער א מיטל, איך זאל קענען ארויסגיין פון ירושלים און איבעררײדן מיט'ן שונא, וועל איך אפשר אויס־ווירקן א הילף פאר די אידן — האָט רבי יוחנן געבעטן.

— איך האָב א פּלאַן — האָט אבא סיקרא געזאָגט — לאָז אַרויס א קלאנג, אז דו ביסט קראנק, וועלן אלע דיך קומען גע־וואָר ווערן. דאמאָלט לייג ארויף אויף דיין בעט א זאך מיט א שלעכטן ריח, וועט מען זאָגן, אז רבי יוחנן איז געשטאָרבן; דאן זאָלן קומען דיינע תלמידים און טראָגן דיין ארון, וועלן מיר אים דורכלאָזן אויסערן שטאָט.

האָט רבי יוחנן אזוי געטאָן. זיינען געקומען זיינע תלמידים און געטראָגן דעם ארון, רבי אליעזר צוקאָפּנס און רבי יהושע — צופוסנס. פארנאכט, ביים זון־אונטערגאנג, איז מען צוגעקומען מיט'ן אָרון צו די טויערן פון ירושלים. זיינען דאָרט געשטאַנען באוואפנטע חילות פון דער מלחמה פארטיי, און געפרעגט די תלמידים, וועמען פירן זיי דאָ.

— אַ מת, — האָבן זיי געענטפערט — אונזער רבי ר' יוחנן איז נפטר געוואָרן, און א מת טאָר ניט נעכטיקן אין ירושלים.

האָט איינער פון די היטער אויפגעהויבן זיין שפּיז א שטאָך צו טאָן דעם מת, האָט אים אבא סיקרא אָפּגעהאַלטן:

— וואָס וועט מען זאָגן — האָט ער געשריען אויף יענעם — „דעם רבי'ן האָבן זיי געשטאָכן".

האָט מען געעפנט די טויערן און דורכגעלאָזט דעם אדון.

אַזוי איז רבי יוחנן געקומען אין דער רוימישער מחנה און זיך געשטעלט פאר אספּסינוס'ן:

— פרידן צו דיר, קעניג, פרידן צו דיר, קעניג, — האָט אים רבי יוחנן באַגריסט.

— דו פאַרדינסט צוויי מאָל דעם טויט — האָט אספּסינוס צו אים געזאָגט — איינמאָל דערפאַר, וואָס דו רופסט מיך מיט'ן נאָמען קעניג, ווען איך בין ניט קיין קעניג, און, צווייטנס, אויב דו האַלטסט מיך יאָ פאַר אַ מלך, פאַרוואָס ביסטו צו מיר ניט געקומען ביז איצט?

— איך האָב דיך גערופן „קעניג", ווייל איך ווייס, אַז דו ביסט יאָ אַ קעניג, און דאָס, וואָס איך בין ביז איצט ניט געקומען, איז ווייל מען האָט מיך ניט געלאָזן.

אין דעם איז אָנגעקומען אַ שליח פון רוים און געבראַכט אספּסינוס'ן דעם אָנזאָג, אַז דער קיסר איז געשטאָרבן, און די גרויסע לייט פון רוים האָבן אים, אספּסינוס'ן, אויסגעקליבן פאַר אַ קעניג.

— איצט זע איך — האָט אספּסינוס געזאָגט צו רבי יוחנן, — אַז דיינע רייד זיינען מקוים געוואָרן, וועל איך דיר פאַר דעם אָפּצאָלן מיט גוטס. איך גיי אָבער גלייך אוועק פון דאַנען און אַן אַנדערער וועט קומען אויף מיין אָרט. זאָג מיר, דעריבער, דיין באַגער און עס וועט גלייך דערפילט ווערן.

האָט רבי יוחנן געוואָלט ביי אים בעטן, ער זאָל אָפּלאָזן ירושלים, און אוועקנעמען פון דאָרט זיין חיל, ער האָט אָבער מורא געהאַט, טאָמער וועט ער דאָס ביי אים ניט פועל'ן און וועט גאָרנישט האָבן. האָט ער ביי אים אויסגעווירקט דריי זאַכן: ער זאָל ניט אָנרירן די שטאָט יבנה און אירע אידישע חכמים, ער זאָל לאָזן לעבן די משפחה פון דעם נשיא רבן גמליאל, און ער זאָל געבן דאָקטוירים אויסצוהיילן רבי צדוק'ן, וועלכער איז זייער קראַנק געווען פון די תעניתים.

ה.

טיטוס הרשע.

נאָכדעם ווי אספּסינוס האָט זיך צוריקגעקערט נאָך רוים, האָט ער געשיקט זיין זון טיטוס הרשע. טיטוס האָט זיך אריינגעריסן אין ירושלים, וויסט געמאכט די שטאָט, און נאָכדעם אריין אין בית המקדש אין דער באַגלייטונג פון אן אויסגעלאַסענער פרוי און מיט גרויס פרעכהייט גענומען באַליידיקן די הייליקייטן. שכור פון נקמה און רציחה האָט ער ארויסגעצויגן זיין שווערד און מיט איר דורכגעשטאָכן דעם פּרוכת. האָט געטראָפן א נס, און פון פּרוכת האָט אָנגעהויבן שטראָמען בלוט. האָט טיטוס געמיינט, אז ער האָט דאָ אומגעבראכט דעם אידישן גאָט, און ער האָט שוין ניט פאר ווּעמען מורא צו האָבן, האָט ער באלד אראָפּגעריסן דעם פּרוכת, אריינגעלייגט אין דעם אלע טייערסטע כלים פון בית המקדש און עס צוגענומען אויף א שיף, אום עס צופירן אין רוים און זיך דאָרט קענען באַרימען מיט זיין גבורה און העלדנטאַטן.

אויפ'ן וועג האָט אויסגעבראכן א שטורם און די שיף האָט געהאלטן ביים זינקען. האָט טיטוס געזאָגט:

— עס שיינט, אז דער אידישער גאָט איז מעכטיק נאָר אין וואסער. פּרעה'ן האָט ער געזונקען אין ים, סיסרא איז דערטרונקן געוואָרן אין נחל קישון, אויך מיר וויל ער בייקומען אין ים. זאל ער אבער פּאַרפירן מיט מיר א מלחמה אויף דער יבשה.

איז ארויס א בת-קול און צו אים געזאָגט:

— דו רשע בן רשע, דער אייניקל פון עשו הרשע! איך האָב א קליינע באַשעפעניש אויף מיין וועלט, מוק איז איר נאָמען. גיי ארויף אויף דער יבשה, און דיזע פליגעלע וועט מיט דיר מלחמה האלטן.

און באלד ווי טיטוס איז ארויף אויף דער יבשה, איז דער מוק אריין צו אים אין קאָפּ, דורכ׳ן נאָז, און זיבן יאָר נאָכאַנאַנד דאָרט געפּיקט און ניט אויפגעהערט.

איינמאָל איז טיטוס פארבייגעגאנגען די טיר פון א שמיד. האָט זיך געהערט דאס קלאַפּן פון האמער, און דער מוק איז שטיל געוואָרן. „אויב אזוי" האָט טיטוס געטראכט, „איז דאָך דאָ א מיטל ווי איינצושטילן דעם מוק". פלעגט ער יעדן טאָג רופן א שמיד צו זיך אין פּאלאַץ, און דער שמיד פלעגט פאר אים קלאַפּן מיט׳ן האמער. אויב דער שמיד איז געווען א גוי, האָט אים טיטוס געגעבן פיר גילדן, אויב א איד — פלעגט ער אים גאָרניט באצאָלן און אים זאָגן: — „עס איז גענוג פאר דיר, אז דו זעסט א נקמה אויף דיין שונא".

דער מיטל האָט געווירקט בלויז דרייסיק טעג. נאָכדעם האָט זיך דער מוק צוגעוואוינט צו דעם קלאַפּן און ווייטער גענאָגט טיטוס׳ן דעם מח ווי פריער.

איידער טיטוס איז געשטארבן, האָט ער אָנגעזאָגט, אז נאָך זיין טויט זאָל מען זיין קערפּער פארברענען און די אַש צע־שפּרייטן אויף זיבן ימים, כדי דער אידישער גאָט זאָל אים ניט קענען געפינען אים צו משפט׳ן פאר זיינע פארברעכנס.

ו.

דער חורבן פון טור מלכא.

אין דער פּראָווינץ טור מלכא איז געווען איינגעפירט א מנהג, אז ווען חתן כלה זיינען געגאנגען צו דער חופה, פלעגט מען פאר זיי טראָגן א האָן מיט א הון, אלס א צייכן פון א ברכה, זיי זאָלן זיך פרוכפּערן און מערן אזוי ווי די הינער.

איינמאָל, ווען מען האָט געפירט א חתן כלה צו דער חופה, איז אָנגעקומען א לעגיאָן רוימישע סאָלדאטן און זיי האָבן אוועק־גענומען די הון מיט׳ן האָן. זיינען די אידן געוואָרן אויפגערעגט, האָבן באפאלן דעם לעגיאָן און אים געשלאָגן. זיינען די סאָלדאטן געקומען פאר׳ן קיסר און געזאָגט, אז די אידן האבן געמאכט א בונט קעגן דער רוימישער מלוכה. איז דער קיסר גלייך אָנגעקומען און באפאלן די אידן פון טור מלכא.

צווישן די אידן אין טור מלכא האָט זיך געפונען איינער א גרויסער גבור, וואס האָט געצייגט גרויסע העלדנטאטן און אָנ־געוואָרפן א שרעק אויף די רוימישע סאָלדאטן. האָט דער רוי־מישער קיסר אראָפּגענומען פון קאָפּ די קרוין, אוועקגעלייגט איר אויף דער ערד און געזאָגט: „אלמעכטיקער אידישער גאָט! גיב מיר און מיין קעניגרייך ניט איבער אין די הענט פון איין מענטשן“ און גראד׳ע האָט דער אידישער העלד דאמאָלט גע־רעדט זינדיקע ווערטער אנטקעגן גאָט, זאָגנדיק: „גאָט, דו זאָגסט דאָך, אז דו האָסט אונז פארלאָזט, טאָ טרעט איצט אויך ניט אַרוים אין אונזערע רייען צו טאָן אונז שלעכטס, וועלן מיר שוין אליין בייקומען דעם שונא“. איז געקומען א גיפטיקע שלאנג, געגעבן א ביס דעם העלד און ער איז געשטאָרבן.

אז דער קיסר האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ער גע־דאנקט גאָט און געזאָגט:

— דערפאר וואס מיר איז געשען א נס, וועל איך דעם מאָל די אידן לאָזן צורו.

און ער איז אוועק מיט זיינע חיילות.

ווען די אידן האָבן געזען, אז די רוימער זיינען אוועק, האָבן זיי געמאכט א גרויסע שמחה. האָבן געגעסן, געטרונקען, גע־טאַנצט און אָנגעצונדן ליכט. די באלייכטונג איז געווען אזוי גרויס, אז פאר א מייל האָט מען געקענט זען דעם זיגל פון א

רינג. האָט עס געזען פון ווייט דער קיסר און געזאָגט: „אידן פרייען זיך וואס איך בין אוועק און מיינען, אז זיי האבן מיך באזיגט“. האָט ער זיך גלייך אומגעקערט מיט זיין ארמיי, אריינ־געריסן זיך אין טור מלכא און געמאכט א שרעקלאכע הריגה אויף די אידן.

האָט מען דערציילט, אז דריי הונדערט טויזנט סאָלדאטן מיט בלויזע שווערדן זיינען אריינגעקומען אין טור מלכא און דריי טעג און דריי נעכט האָבן זיי גע'הרג'עט די שטאָט־מענטשן אָן אויפ־הער. און בעת די רוימער האָבן גע'הרג'עט אין איין געגנט, האָט מען אין דער אנדער זייט שטאָט פון דעם ניט געוואוסט, און די אידן דאָרט האָבן נאָך געהאלטן אין פרייען זיך און טאַנצן.

ז.

דער העלדישער קאמף און דער פאל פון ביתר.

לאנגע יאָרן נאָכ'ן חורבן בית המקדש, האָט די שטאָט ביתר אָנגעהאלטן איר קאמף קעגן די רוימער. די רוימער האָבן ארומ־גערינגלט די שטאָט מיט אכציק טויזנט טרומפּעטן בלאָזער, און יעדער פון די טרומפּעטן בלאָזער האָט אונטער זיך געהאט איינינע פאלקן סאָלדאטן, וועלכע פלעגן זיך צוזאמענקומען אויף זיין בלאָזן, און דאָך האבן די רוימער די שטאָט ניט געקענט איינ־נעמען.

אינעווייניק, אין ביתר, איז געווען א אידישער העלד מיט'ן נאָמען בן־כוזבא, אָדער, ווי אנדערע האָבן אים גערופן „בר־כוכבא“, און דיזער העלד האָט פארטיידיקט די שטאָט מיט צוויי הונדערט טויזענט פינגערלאָזע אידישע סאָלדאטן. וואס עפּעס פינגערלאָזע? ווייל יעדער אידישער העלד וואס האָט זיך גע־

וואָלט אָנשליסן צו בן־כוזבא׳ס ארמיי, האָט געמוזט דורכמאכן א שווערע פּראָבע, נעמלאך: ער פלעגט אליין מוזן מיט זיינע ציין זיך אָפּבייסן די פינגער פוי זיינע הענט, אום צו צייגן זיין העלדנמוט.

האָבן די אידישע חכמים געשיקט שלוחים צו בן־כוזבא און אים געפרעגט:

— ביז וואנען וועסטו נאָך אָנגיין מיט דיין ארבעט צו מאכן אידן פאר קאליקעס?

— האָט בן־כוזבא צוריק געפרעגט:

— טאָ ווי אזוי זאל איך זיי אויספּרובירן?

האָבן די חכמים געענטפערט:

— דו טו אזוי: דער וואס קען ניט ארויסרייסן א בוים פון לבנון בעת ער לויפט פארביי דעם בוים, רייטנדיק אויף א פערד, דעם זאָלסטו אין דיין ארמיי ניט אָננעמען.

בן־כוזבא האָט נאָכדעם איינגעפירט די נייע פּראָבע. האָט ער געהאט יענע צוויי הונדערט טויזנט און אויך צוויי הונדערט פון די וואס זיינען דורכגעגאנגען די נייע פּראָבע.

יעדן מאָל ווען די אידישע קעמפער פלעגן ארויסגיין אין אַ שלאכט, פלעגן זיי זאגן די תפילה:

— רבונו של עולם! אזוי ווי דו האסט אונז פארלאָזן און דו גייסט מער ניט מיט אונזער ארמיי, בעטן מיר דיך, שטיץ אונז ניט, אבער שטראָפן זאָלסטו אונז אויך ניט. לאָז אלעם צום צו־פאַל.

דריי און א האלב יאָר האָט אדריינוס באלאגערט ביתר. אין ביתר איז אויך געווען דער תנא און גרויסער צדיק ר׳ אלעזר המודעי. די גאנצע צייט איז ר׳ אלעזר המודעי געזעסן, אָנגע־טאָן אין א זאק און מיט אש אויף זיין קאָפּ, אלס צייכן פון טרוי־ער, און האָט יעדן טאָג געבעטן גאָט, זאָגנדיק:

— האַר פון אלע וועלטן! אָ, האַר פון אלע וועלטן! משפט אונז ניט היינט! משפט אונז ניט היינט!

זעענדיק אז ער קען די שטאָט ניט איינגעמען, האָט שוין אדריינוס געוואָלט אוועקגיין. איז צו אים געקומען א כותי*) און האָט געזאָגט:

— גיי ניט אוועק, איך וועל זען אז די אידן זאָלן זיך דיר אונטערגעבן.

דער כותי איז אריין אין ביתר, בגנבה, דורך א קאַנאַל. גייענדיק איבער'ן שטאָט, האָט ער געפונען ר' אלעזר המודעי שטיין און בעטן גאָט. האָט דער כותי זיך געמאכט ווי ער רוימט אים אַריין עפּעס אין אויער. די שטאָט-מענטשן האָבן דאָס געזען, איז ביי זיי אויסגעקומען, אז ר' אלעזר סוד'עט זיך מיט דעם פרעמדן, און ווארשיינלאך איז דער פרעמדער גאָר א שפּיאָן! האָבן זיי גענומען דעם כותי און האבן אים געבראכט צו בן-כוזבא און געזאָגט:

— מיר האָבן געזען דיזן אלטן גוי שמועסן מיט דיין גוטן פריינט ר' אלעזר.

— וואָס פאר א סודות האָסטו מיט אים גערעדט? — האָט בן-כוזבא געפרעגט דעם כותי.

האָט דער כותי געענטפערט:

— אויב איך וועל דיר אויסזאָגן, וועט מיין מלך מיך טויטן, און אויב איך וועל דיר ניט אויסזאָגן, וועסטו מיך טויטן, איז שוין בעסער, אז מיין מלך זאָל מיך טויטן און ניט דו, און דערפאר וועל איך דיר אויסזאָגן, אז ר' אלעזר האָט מיר פארשפראָכן, אז ער וועט דורכפירן דאָס די שטאָט זאל זיך אונטערגעבן צו אדריינוס.

*) פון די שומרנים, פאראידישטע גוים, וועלכע זיינען געווען שו:אים די אידן.

בן־כוזבא איז נאָכדעם אוועק צו ר׳ אלעזר המודעי און האָט אים געפרעגט:

— וואָס האָט דיר דער כותי געזאָגט?

— גאָרנישט. — האָט ר׳ אלעזר געענטפערט.

— און וואָס האָסטו אים געזאָגט?

— אויך גאָרנישט.

בן־כוזבא האָט אים געגעבן א שטויס מיט׳ן פוס און ר׳ אלעזר איז גלייך געפאלן טויט. באלד האָט מען געהערט א בת קול אויסרופן:

— דו האָסט געטויטעט ר׳ אלעזר המודעי, וועלכער איז געווען פון די אידן דער שטאַרקער אָרם און זייער רעכטע אויג. דערפאר זאָל דיין ארם געלעמט ווערן און דיין רעכטע אויג זאל בלינד ווערן!

אין יענעם טאָג איז ביתר באזיגט געוואָרן און בן־כוזבא איז גע׳הרג׳עט געוואָרן.

ווען מען האָט געבראכט בן־כוזבא׳ס טויטן קאָפּ צו אדריינוס האָט ער געפרעגט:

— ווער האָט אים גע׳הרג׳עט?

האָט א כותי געזאָגט:

— איך האָב אים גע׳הרג׳עט.

אדריינוס האָט דעם כותי ניט געוואָלט גלויבן, האָט ער גע־זאָגט:

— זאָל מען מיר ברייגגען זיין קערפער.

ווען מען האָט געבראכט בן־כוזבא׳ס קערפער, האָט אדריינוס געזען, אז א שלאנג איז ארום אים ארומגעוויקלט, דאן האָט אדריינוס געזאָגט:

— ווען ניט זיין גאָט וואָלט אים גע׳הרג׳עט, ווער וואָלט עס געווען שטארק גענוג אים צו דער׳הרג׳ענען?

ח.

דער חורבן פון ביתר.

אין דער שטאָט ביתר איז געווען א מנהג, אז ווען ס'איז געבאָרן געוואָרן ביי עלטערן א אינגל, פלעגן זיי פאר אים פלאנצן א צעדערבוים, ווען א מיידל — א סאָסנע בוים. נאָכדעם, אז דער אינגל און דאס מיידל פלעגן אויסוואקסן און חתונה האָבן, פלעגט מען זייערע בוימער אויסהאקן און מאכן פון די האָלץ שטאַנגען צו א חופה.

נאָכדעם ווי ארץ ישראל איז שוין געווען אונטערגעוואָרפן אונטער רוים, איז דעם קיסר'ס טאָכטער דורכגעפאָרן ביתר, און גראדע, ווען זי איז אהין אָנגעקומען, האָט זיך צעבראָכן די אָקס אין איר רייטוואָגן. האָבן אירע באדינער אויסגעהאקט א צעדער־בוים און פאררירכט מיט אים דעם וואָגן. זיינען די אידן געוואָרן אין כעס און באפאלן און געשלאָגן די באדינער. זיינען זיי מיט דער טאָכטער אוועק צום קיסר און געזאָגט, אז אידן האָבן גע־מאַכט אן אויפשטאַנד. האָט דער קיסר גענומען זיין חיל און באפאלן די אידן. און אזוי גרוים איז געווען די הריגה, דאָס די בלוט פון מענער און פרויען און קינדער איז געפלאָסן אין גרויסע שטראָמען איבער פעלדער און גערטנער און איז ארייננעפאלן אין ים אריין, וועלכער איז געווען א מייל ווייט פון דאָרט, און זיבן יאָר האָבן דערנאָך די רוימער נישט געמיסטיקט די וויינ־גערטנער פון ביתר. אזוי פעט זיינען זיי געווען פון אידישע בלוט.

ט.

קיסר אדריינוס און זיינע גרויסע רשעות.

איינמאָל איז א איד פארבייגעגאנגען דעם רוימישן קיסר אדריינוס און אים באגריסט.

איז אדריינוס געוואָרן אויפגעבראכט און אויסגעשריען:

— א איד זאל האָבן די העזה פארבייגיין דעם קעניג און אים באגריסן? — האקט אים אָפּ דעם קאָפּ!

שפעטער מיט א צייט האָט זיך געמאכט, אז א צווייטער איד איז פארבייגעגאנגען אדריינוס'ן, און וויסנדיק דעם פסק פון ערשטן אידן, האָט ער שוין דעם קעניג ניט באגריסט.

אָבער אדריינוס האָט אים אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— ווער ביסטו?

— א איד.

— א איד, — האָט אדריינוס אויסגעשריען — דערוועגט זיך דאָס פארבייגיין דעם קעניג און אים ניט באגריסן? — טויט אים!

זיינען זיינע שרים געבליבן שטיין אין גרוים וואונדער און צו אים געזאָגט:

— מיר פארשטייען דיך ניט, גרויסער קעניג, און דיינע מעשים וואס דו טוסט: פאר באגריסן דיך — טויט-שטראָף, פאר ניט באגריסן — אויך טויט-שטראָף?

— און איר ווילט מיך לערנען — האָט זיך דער קעניג צע-לאכט — ווי אומצוברייגנען מיינע שונאים?

און ביטער האָבן די אידן געקלאָגט פון זיינע אויסגעטראכטע רשעות.

י.

די טראגעדיע פון ברודער און שוועסטער.

דעם כהן-גדול ישמעאל בן אלישע'ס צוויי יונגע קינדער, א זון מיט א טאָכטער, זיינען אריינגעפאלן אין געפענגעניש צו צוויי רוימער.

האָט זיך געטראָפן, אז די בעלי־בתים פון די צוויי קינדער זיינען צוזאמענגעקומען אין איין אָרט. דערציילט איינער: „איך האָב אזא שיינעם קנעכט, וואס זיין גלייכן איז נישטאָ אויף דער וועלט“. און דער צווייטער דערציילט: „איך האָב א דינסט, וואָס אין דער גאנצער וועלט איז נישטאָ אזא שיינהייט“. זאָגן זיי: „לאָמיר זיי חתונה מאכן איינעם צו דער אנדערע, און זיך צעטיילן מיט זייערע שיינע קינדער“.

האָט מען דאָס פּאָרל צענויפגעפירט ביינאכט אין א פינס־טערן צימער. זיינען זיי געזעסן אין צוויי באזונדערע ווינקלען די גאנצע נאכט און געוויינט. דער זון האָט געטראכט: „איך א כהן, א זון פון כהנים גדולים, זאָל חתונה האבן מיט א דינסט?“ און די טאָכטער האָט געקלאָגט: „איך, א כהנת, א טאָכטער פון כהנים גדולים, זאָל חתונה האבן מיט א קנעכט?“

ערשט ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, האבן זיי זיך דער־קענט. זיינען זיי צוגעפאלן איינער צום אנדערן אויפ׳ן האלז און פארגאנגען אין געוויין, ביז זייערע נשמות זיינען זיי אויסגע־גאנגען.

יא.

די טאָכטער פון נקדימון בן־גוריון.

נקדימון בן־גוריון, וואס איז געווען פון די רייכסטע לייט אין ירושלים, איז אויך געווען א גרויסער בעל־צדקה. אלע טאָג, ווען ער פלעגט גיין אין בית־המדרש, פלעגן זיינע באדינער אוים־שפרייטן אונטער אים דעם וועג מיט זיידענע טעפּיכער און ארימע־לייט זיינען געגאנגען נאָך אים, צענויפגעוויקלט דאָס זיידנס און צוגענומען פאר זיך. נאָך זיין טויט, האָבן דיינים באשטימט פאר זיין טאָכטער פיר הונדערט גילדן א טאָג נאָר

אויף בשמים אליין, און די טאָכטער איז מיט דעם נישט געווען צופרידן, און געזאָגט צו די דיינים: „אַזוי פיל זאָלט איר באַשטימען פאַר אייערע טעכטער". האָבן די דיינים געענטפערט: „הלואי, אמן."

און נאָכ'ן חורבן, איז איינמאָל רבי יוחנן בן זכאי געפאָרן פון ירושלים, רייטנדיק אויף אן אייזל, באַגלייט פון זיינע תלמידים. האָט ער געטראָפן אין וועג א יונגע פרוי, וועלכע האָט געקליבן גערשטן־קערנער אין דעם אָפּפאַל, אונטער די פיס פון די אראבישע פי. ווי די יונגע פרוי האָט אים דערזען, האָט זי זיך איינגעהילט אין אירע צולאָזענע האָר, פאַרשטעלט אים דעם וועג און געזאָגט:

— רבי, שפּייז מיר!

— וועמענס טאָכטער ביסטו? — האָט איר רבי יוחנן געפרעגט.

— איך בין די טאָכטער פון נקדימון בן גוריון. — האָט זי געענטפערט.

— טאָכטער מיינע! — האָט רבי יוחנן אויסגעשריען מיט וואונדער — וואו איז אהינגעקומען דיין פאָטערס גרויסער פאַרמעגן?

— רבי, — האָט זי געזאָגט — זאָגט מען דען נים א ווערטל אין ירושלים, אז „געלט קען מען נישט איינזאלצן".

— און דיין שווערס געלט, וואו איז?

— נאָכגעגאנגען דעם פאָטערס. געדיינקסטו, רבי, — האָט זי ווייטער גערעדט, — ווי דו האסט זיך גע'חתמ'עט אויף מיין כתובה?

האָט זיך רבי יוחנן געווענדעט צו זיינע תלמידים און געזאָגט:

— יא, איך געדיינק. א מיליאָן גאָלדענע רענדלאך איז איר

געווען אָפּגעשריבן אין דער כתובה פון פאטערס צד, אויסער דעם שווערס.

און רבי יוחנן האָט געוויינט און געזאָגט:

— וואויל איז צו די אידישע קינדער, ווען זיי טוען גאָטס ווילן, דאמאָלט קען זיי קיין פאָלק ניט באהערשן, ווען אבער זיי טוען ניט גאָטס ווילן, — גיט ער זיי איבער אין די הענט פון א נידעריקע אומה, און נאָך מער, אין דער מאכט פון זייערע בהמות.

ווען מען האָט די געשיכטע דערציילט אין בית המדרש, און מען האָט די רבנן געפרעגט, פארוואס האָט עס טאקע נקדימון בן גוריון פארדינט דעם שטראָף, ער איז דאָך געווען א בעל־צדקה? האבן זיי דערקלערט, ווייל די צדקה מיט די אונטער־געבעטע טעפּיכער, האָט ער געטאָן פון זיין אייגענע הנאה וועגן און דאס איז ניט געווען קיין ריינע צדקה.

יב.

טרייסט-רייד.

פיר גרויסע תנאים, רבן גמליאל, רבי אלעזר בן עזריה, רבי יהושע און רבי עקיבא, זיינען איינמאָל געגאנגען אויפ׳ן וועג קיין רוים. נאָך ווייט פון שטאָט אויף א שטרעקע פון הונדערט און צוואנציק מייל האָט זיך שוין צו זיי געטראָגן דער אָפּקלאנג פון קאָכיקן גאסן־רויש פון רוים. האָבן די ערשטע דריי תנאים אָנגעהויבן צו וויינען און רבי עקיבא האָט געלאכט.

האָבן זיי געפרעגט רבי עקיבא׳ן:

— צוליב וואס לאכסטו?

— און איר, צוליב וואס וויינט איר? — האָט רבי עקיבא זיי צוריק געפרעגט.

— ווי זאָלן מיר ניט וויינען? — האָבן זיי געענטפערט —

אַז מיר זעען אַט די געצנדינער, וואָס בוקן זיך צו אָפּגעטער און רויכערן פאַר זיי ווייִרוך, זיצן רואיק און שטיל און מיר — אונזער בית המקדש, דער פוס-בייִנקל פון אונזער גאָט, איז פאַרברענט אין פייער?

— דערפאַר טאַקע — האָט זיי רבי עקיבא געענטפערט — לאַך איך דאָך, אויב זיי, די זינדיקע צו גאָט, לעבן אַזוי גוט, ווי וועט שוין זיין צו די וואָס טוען זיין ווילן?

אַ צווייטן מאָל זיינען זיי אַלע פיר געגאַנגען קיין ירושלים. ווען זיי זיינען אָנגעקומען צום באַרג צופים, פון וואַנען מען זעט די גאַנצע שטאָט, האָבן זיי קריעה געריסן. ווען זיי זיינען אָנ-געקומען נענטער צום הר-הבית, האָבן זיי געזען אַ פוקס לויפט אַרויס פון דעם אָרט, וואו עס איז געווען דער קדש הקדשים, האָבן יעטע תנאים אָנגעהויבן צו וויינען און רבי עקיבא האָט געלאַכט.

— וואָס לאַכסטו? — האָבן זיי אים געפרעגט.

— און איר, וואָס וויינט איר?

— אויף דעם הייליקסטן אָרט, וואו קיין מענטש אויסער דער כהן-גדול האָט ניט געטאָרט אַריינטרעטן, שפּאַצירן איצט אַרום פוקסן, — און מיר זאָלן נישט וויינען?

— אָט דערפאַר לאַך איך טאַקע — האָט רבי עקיבא גע-ענטפערט — צוויי נבואות זיינען געזאָגט געוואָרן אויף ירושלים. איינע פון שטראָף, אַז ירושלים וועט צעאַקערט ווערן און דער הר הבית וועט ווערן אַ ווילדערניש. די אַנדערע פון טרייסט, אַז אידן וועלן ווידער זיצן אין ירושלים און זיך עלטערן אין פרייד.

איידער די ערשטע נבואה איז מקוים געוואָרן, האָב איך אַלץ מורא געהאַט, טאָמער וועט די צווייטע אויך ניט מקוים ווערן, איצט אַז די ערשטע נבואה פון ווילדערניס איז דערפילט

געוואָרן, מעג מען זיין זיכער, אז אויך די צווייטע נבואה פון אויפלעבונג, וועט אויך דערפילט ווערן.

האָבן זיינע חברים געזאָגט צו רבי עקיבא:

— עקיבא, דו האסט אונז געטרייסט! עקיבא, דו האָסט אונז געטרייסט.

יג.

צופיל טרויערן איז אויך ניט גוט.

ווען דער בית המקדש איז חרב געוואָרן צום צווייטן מאָל, האָבן זיך געפונען בײַ די אידן פיל מענטשן, פרושים, וואס האָבן אויף זיך גענומען ניט צו עסן קיין פלייש און ניט צו טרינקען קיין וויין.

איז צו זיי געקומען ר׳ יהושע און געזאָגט:

— וואָרום עסט איר ניט קיין פלייש און טרינקט ניט קיין וויין?

— ווי קענען מיר עסן פלייש — האָבן יענע געענטפערט — ווען פון פלייש פלעגט מען ברייננען קרבנות צו גאָט, און ווי קענען מיר טרינקען וויין, ווען מיט וויין פלעגט מען באַגיסן דעם מזבח, און איצט האבן מיר אלעם פארלאָרן?

— אויב אזוי, — האָט ר׳ יהושע זיי געענטפערט — דארפן מיר דאָך קיין ברויט אויך ניט עסן, ווייל זייט דער בית המקדש איז חרב געוואָרן, קענען מיר ניט ברייננען קרבנות פון מעל.

— ביסט גערעכט, מען קען אויסקומען מיט פרוכט אנשטאָט ברויט.

— פרוכטן אבער דארפן מיר לויט אייערע רייד אויך ניט עסן — האָט זיי ר׳ יהושע געזאָגט — ווייל די ערשטע פרוכט

פון גאָרטן פלעגט מען ברייננגען קיין ירושלים, לויט דעם דין פון בכורים, און איצט איז קיין בכורים ניטאָ.

— דארף מען טאקע זוכן אויסצוקומען מיט אזוינע פרוכטן, פון וועלכע מען האָט קיין בכורים ניט געדארפט ברייננגען. — האָבן זיי געענטפערט.

— אָבער אויב אזוי, — האָט ר׳ יהושע ווייטער זיי געזאָגט — דארפן מיר קיין וואסער אויך ניט טרינקען, ווייל מיט וואסער פלעגט מען אויך באגיסן דעם מזבח (נסוך המים).

האָבן די פרושים געשוויגן, און ניט געוואוסט וואס צו ענט־פערן, און רבי יהושע האָט צו זיי געזאָגט:

— מיינע קינדער, הערט וואס איך וועל אייך זאָגן, אמת אינגאנצן ניט צו טרויען איז אוממעגלאך, ווען ס׳איז אויף אונז געפאלן אזא ביטערע גזרה, אבער צופיל טרויערן קען מען אויך ניט. מען דארף נאָר אויסדריקן אונזער צער אין אזא וועג, וואס די מערהייט פון פאלק זאל עס קענען דורכפירן.

———:———

רבן גמליאל הנשיא

א.

דער בעל הבית אליין באדינט געסט.

רבן גמליאל האָט חתונה געמאכט זיין זון. זיינען ביי דער חתונה-מאָלצייט געזעסן די תנאים ר׳ אליעזר, ר׳ יהושע און רבי צדוק. איז רבן גמליאל אליין געשטאנען איבער זיי, זיי באדינט און צוגעטראָגן וויין. האָט זיך רבי אליעזר אָפּגעזאָגט צו טרינקען די וויין, אבער ר׳ יהושע און ר׳ צדוק האָבן יא גענומען דעם וויין און געטרונקען.

האָט געזאָגט צו זיי רבי אליעזר.

— וואָס איז עס מיט אייך, חברים, מיר זאָלן זיצן און רבן גמליאל, אונזער רבי, זאל שטיין און אונז באדינען?

האָט ר׳ יהושע געענטפערט:

— מיר געפינען, אז א גרעסערער פון אים האָט באדינט געסט: אברהם אבינו, דער גרעסטער פון דור, און ער אליין האָט באדינט געסט, ווי די תורה דערציילט אונז די געשיכטע.

און רבי צדוק האָט געזאָגט:

— ביז ווי לאנג וועט איר אוועקלייגן גאָטס כבוד און טראַכטן וועגן כבוד פון לייטן? גאָט אליין לאזט בלאָזן ווינטן, גיט רעגן און מאכט וואקסן די ערד, און גרייט אָן א טיש פאר יעדן איינעם, — מעג דאָך אויך רבן גמליאל אונז דערלאנגן וויין!

ב.

קללות וואָס מיינען ברכות.

רבן גמליאל האָט אויך חתונה געמאכט זיין טאכטער. איידער זי האָט פארלאָזן איר פאטערס הויז, האָט זי געבעטן, דער פאָטער זאָל איר בענטשן.

— עס זאל זיין גאָטס ווילן — האָט רבן גמליאל איר געזאָגט — אז דו זאלסט קיינמאָל צוריק ניט קומען.

אין א צייט ארום, האָט די טאָכטער געהאט א אינגל און זי האָט ווידער געבעטן ביים פאטער א ברכה.

— גאָט זאל געבן — האָט רבן גמליאל איר געבענשט — אז קיין „אוי" זאל קיינמאָל זיך נישט אויסלאָזן פון דיין מויל.

האָט זי זיך ניט געקענט איינהאלטן און געזאָגט:

— טאטע, צוויי שמחות זיינען ביי מיר געווען און ביידע מאָל האָסטו מיך געשאָלטן. וואס זאל עס באדייטן?

— ניין, טאָכטער, — האָט ער איר געענטפערט — דאָס זיינען ניט געווען קיין קללות, נאָר ברכות: איך האב דיר געווונשן, דו זאלסט קיינמאָל צוריק צו מיר ניט קומען — איז דאָס געמיינט, דו זאלסט לעבן גליקלאך מיט דיין מאן, וועסטו אליין ניט וועלן צוריק קומען. און וועגן דעם, אז דער „אוי" זאל שטענדיק זיין ביי דיר אין מויל, איז עס דער מין „אוי": „אוי, דאָס קינד האָט נאָך ניט געגעסן, אוי, דאס קינד האָט נאָך ניט געטרונקען, אוי, דאס קינד איז נאָך ניט אוועק אין שולע"...

ג.

די קלוגע פרינצעסן.

אַ קיסר האָט אמאָל געזאָגט צו רבן גמליאל:

— אייער גאָט איז אַ גנב: אָט האָט ער אויף אדם הראשון אַרויפגעוואָרפן אַ שלאָף און בײַ אים אַרויסגענומען אַ ריפּ.

דער קיסר האָט אבער געהאט אַ טאָכטער, וועלכע איז געווען זייער קלוג, און די טאָכטער האָט געזאָגט צו רבן גמליאל:

— לאָז מ י ר געבן מיין פאטער אַן ענטפער.

און די פּרינצעסן האָט געזאָגט צום מלך:

— באַפעל מען זאל היטן גוט מיין צימער, ווייל באַנאכט זיינען צו מיר אריין גנבים און האבן צוגענומען אַ זילבערנעם קריגל און איבערגעלאָזט אַ גאָלדענעם.

— איז דאס זאָרגסטו? — האָט דער קיסר געלאכט — אַזעלכע גנבים מעגן צו אונז קומען יעדן טאָג.

— נו, — האָט די טאָכטער אויסגערופן מיט נצחון, — איז ביי אדם הראשון דען ניט די זעלבע געשיכטע? ער האָט פאר־לאָרן אַ ריפּ, און דערפאר באקומען אַ טרייע פרוי, וואס איז אים געווען אַזוי ווי אַ דינסט.

— אָבער — האָט דער קיסר געפרעגט — אויב אַזוי, האָט דאָך גאָט אים ניט געדארפט איינשלעפערן, און געקענט עס טאָן פאר זיינע אויגן?

האָט די פּרינצעסן אויף דעם ניט געענטפערט, נאָר געהייסן ברענגען אַ שטיק רויע פלייש.

האָט מען דאָס פלייש פאר איר געבראכט, און די פּרינצעסן האָט עס אריינגעטאָן אונטער הייסע אַש צום בראָטן, אין געגנ־

ווארט פון קיסר, און אז ס'איז פארטיק געוואָרן, האָט זי צו אים געזאָגט:

— איצט, פאָטער, עס דעם בראטן!

— ס'עקלט מיך פון דעם, — האָט דער קיסר געענטפערט — דאָס שטיק פלייש איז פאר מיינע אויגן איינגעריכט געוואָרן אין אַש, טאָ ווי קען איך עס עסן?

— זעסטו, — האָט די פרינצעסין געזאָגט — ווען אדם הראשון וואָלט צוגעזען, ווי מען שניידט אים אוים א ריפּ, און ווי פון דעם ריפּ ווערט באשאפן א פרוי פאר אים, וואָלט זי באַ אים אויך פאר'מאוס'ט געוואָרן.

רבי אליעזר בן הורקנוס

א.

דער גרויסער ווילן צו תורה.

ר׳ אליעזר בן הורקנוס האָט ביז צוויי-און-צוואנציק יאָר גאָר נישט געלערנט קיין תורה. זיין פאָטער, הורקנוס, איז געווען א רייכער גוט-באזיצער, און אויף זיינע פעלדער האָבן געאַרבעט פיל ארבעטער און זיינע זין, אליעזר מיט די איבעריקע ברידער, האָבן אויך געאַרבעט אין פעלד.

איינמאָל איז הורקנוס דורכגעגאנגען אין פעלד און באַמערקט, ווי זיין זון אליעזר שטייט אָנגעשפּארט אויפ׳ן אקער-אייזן און וויינט. איז ער צו אים צוגעגאנגען און געפרעגט:

— זאָג מיר, זון מיינער, וואס וויינסטו? אפשר איז דאס שטיק פעלד צו הארט פאר דיר צו אקערן, טאָ גיי איבער אויף ווייכערע ערד.

— ניין, ניט דאס, פאטער.

— וואָס דען וויינסטו?

— איך וויל לערנען תורה! — האָט אליעזר ארויסגערעדט אין געוויין.

— איצט? — איז דער פאָטער געוואָרן פארוואונדערט — ווען דו ביסט שוין אלט צוויי און צוואנציק יאָר, וועסטו ערשט אָנהויבן לערנען? אָ, נעם בעסער און האָב חתונה, וועסטו שוין דיינע קינדער פירן אין שול צו לערנען תורה.

אָבער אין א קורצע צייט ארום איז אליעזר געקומען צום פאָטער און געזאָגט:

— טאַטע, מאָרגן גיי איך מער נישט אין פעלד ארבעטן. איך וועל זיך לאָזן קיין ירושלים, און דאָרט לערנען תורה פון רבי יוחנן בן זכאי.

— וואָס ? — האָט דער פאטער אויסגעשריען — דו ווילסט גאָר אוועקגיין ? מאָרגן גאנץ פרי, איידער דו וועסט עטוואס פאר־זוכן עסן, מוזטו מיר פריער אויסאקערן א שטיק פעלד, וועסטו אָן אלעם פארגעסן.

אויף מאָרגן פרי איז אליעזר אנטלאָפן און זיך געלאָזט אויפ׳ן וועג קיין ירושלים צו רבי יוחנן בן זכאי.

געקומען קיין ירושלים, איז ער אריין אין רבי יוחנן בן זכאי׳ם שול, זיך געזעצט אין א ווינקל און געוויינט.

האָט עס באמערקט רבי יוחנן און אים געפרעגט, וואס ער וויינט.

— איך וויל לערנען תורה. — האָט ער געענטפערט.

— האָסטו שוין עפּעס אמאָל געלערנט ?

— ניין, גאָר ניט.

האָט רבי יוחנן מיט אים אָנגעהויבן צו לערנען קריאת שמע, דאווענען, בענטשן און צוויי דינים יעדן טאָג. און שבת פלעגט ער עם גוט איבער׳חזר׳ן, ביז ער האָט עס געדיינקט. אכט טעג נאָכאנאַנד האָט אזוי רבי אליעזר פארבראכט אין לערנען, און די גאנצע צייט גאָר ניט פארזוכט קיין עסן, ביז רבי יוחנן האָט דער־שפּירט א ריח פון זיין מויל.

— אליעזר, מיין זון, — האָט ר׳ יוחנן אים געפרעגט — האָסטו היינט עפּעס געגעסן ?

האָט ר׳ אליעזר געשוויגן.

— היינט עסטו ביי מיר, — האָט ר׳ יוחנן ווידער געזאָגט.

— אָ, ניין, — האָט ר׳ אליעזר געענטפערט. — איך האָב שוין געגעסן אין מיין גאסט-הויז.

האָט ר׳ יוחנן דערציילט זיין פארדאכט פאר עטלאכע פון זיינע תלמידים, און זיי געהייסן אויספאָרשן.

האָבן די תלמידים אויפגעזוכט ר׳ אליעזר׳ם גאסטהויז, וועל־כע איז געווען אין א קליינע הייזל אין עק פון שטאָט און אויס־געפרעגט דעם אייגנטימער, אן אָרימע פרוי, צי זעט זי ר׳ אליעזר׳ן עסנדיק.

האָט די פרוי געזאָגט:

— ניין, ער עסט קיינמאָל ניט, עפּעס האָט ער א מין זאק, וואָס ער גראבט אריין דעם קאָפּ אין דעם און זויגט פון אים אזוי ווי פון א לאָגל וויין.

האָבן זיי געהייסן ברייננען דעם זאק, און מען האָט אים גע־עפנט און אים געפונען פול מיט ערד.

זיינען געקומען די תלמידים און עס דערציילט דעם רבי׳ן.

האָט רבי יוחנן אויסגעשריען:

— אָרימער אליעזר! אזוי נעבאך וואלגערסטו זיך צווישן אונז! נאָר וויסן זאָלסטו: אזוי ווי עס הערט זיך איצט א ריח פון דיין מויל צוליב הונגער, אזוי וועט פון דיין מויל זיך טראָגן א ריח פון תורה, און זיך צעשפּרייטן פון איין עק וועלט ביז׳ן אַנ־דערן.

און פון דאמאָלט אָן האָט רבי יוחנן אים באשטעלט שפּייז און ער האָט זיך ערהאַלט.

ב.

זיין גרויסקייט און זיין פאָטערס נחת.

דריי יאָר זיינען אזוי פאַראיבער, און אליעזר האָט פלייסיק געלערנט תורה פון רבי יוחנן, און די גאנצע צייט נישט גע־וויזן זיך אהיים פאר׳ן פאטער.

איינמאָל האָבן אליעזר׳ם ברידער געזאָגט צו הורקנוס, זייער פאָטער:

— זע, וואס דיין זון אליעזר האָט דיר אָפּגעטאָן. דיך איבער־געלאָזט אויף דער עלטער, און אליין אוועק אין ירושלים. ער פאַרדינט, דו זאלסט אים אָפּזאָגן פון ירושה.

האָט הורקנוס זיך צוגעהערט צו זייערע רייד און איז אוועק קיין ירושלים מיט דעם געדאנק, אויסצושליסן אליעזר׳ן פון ירושה.

האָט אבער געטראָפן, אז פונקט אין יענעם טאָג, ווען הורקנוס איז אָנגעקומען אין ירושלים, איז געווען א גרויסער מאָלצייט ביי רבי יוחנן בן זכאי. צו דער סעודה זיינען געקומען די פארנעמסטע לייט פון דער מדינה: בן־ציצית הכסת, נקדימון בן גוריון און בן כלבא־שבוע. האָט מען אָנגעזאָגט רבי יוחנן, אז דער גוט־באזיצער הורקנוס איז אָנגעקומען. האָט ער געהייסן מאכן פאר אים א פלאץ אויבן־אָן, צווישן די פארנעמסטע לייט. איז הורקנוס אזוי געזעסן צווישן זיי און מיט גרויס דרך־ארץ זיך צוגעהערט צו אלעמענס רייד.

אינמיטן דער סעודה האָט ר׳ יוחנן אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויף ר׳ אליעזר׳ן און געזאָגט צו אים:

— הויב אָן, און זאָג עפעס פאר׳ן עולם.

— רבי, — האָט ר׳ אליעזר געוואָלט זיך אָפּזאָגן — וואס קען איך זאָגן פאר דיר? קען דען א ברונעם ארויסגעבן וואסער מער ווי מען גיסט אין אים אריין, און קען איך דען זאָגן מער תורה, ווי איך האב ביי דיר געלערנט?

— ניין, מיין זון, — האָט ר׳ יוחנן אים געענטפערט — נישט קיין ברונעם ביסטו, נאָר א קוואל, א לעבעדיקער קוואל, וואָס פליסט און גיסט פרישע וואסער פון זיך אליין, און דו פארמעגסט אייגענע תורה.

און אז ר׳ יוחנן און די תלמידים זיינען צו אים צוגע־שטאַנען, האָט ער געעפנט דעם מויל און אָנגעפאנגען.

און אין דער לופט האבן זיך אָנגעהויבן צו טראָגן ווערטער, וואָס זינט די וועלט שטייט האָט נאָך קיין אויער אזוינס ניט גע־הערט. ר׳ אליעזר׳ס פנים האָט געשיינט ווי די זון. שטראַלן, ווי פון משה רבינו׳ס געזיכט, האָבן פארבלענדעט די אויגן, און די צוהערער האָבן ניט געוואוסט, צי עס איז טאָג אָדער נאכט.

ווען ער האָט געענדיקט, האָט זיך רבי יוחנן אויפגעשטעלט, געגעבן אים א קוש אויפ׳ן קאָפּ און געזאָגט:

— וואויל איז אייך אבות, אברהם, יצחק, ויעקב, וואס אזא קינד איז פון אייך ארוים.

אז הורקנוס האָט דערזען, ווי גרויס זיין זון אליעזר איז, איז ער ארויף אויף א באנק און אויסגערופן פאר אלע אויפגעקליבענע מענטשן פון ירושלים.

— רבותי! אליעזר איז מיין זון! וואויל איז מיר, וואס אזא קינד איז פון מיר ארוים. זייט וויסן, רבותי, אז איך בין געקומען אהער, קיין ירושלים, מיט דער דעה אָפּצוזאָגן מיין זון אליעזר פון מיינע גיטער, איצט אבער לאָז איך איבער אלע מיינע גיטער נאָר פאר מיין זון אליעזר אליין, און די איבעריקע ברידער האָבן ניט קיין שום חלק.

און טאַטע און זון זיינען ארויפגעפאלן איינער אויף דעם אַנ־דערנס האלדז און זיך געקושט.

ג.

צו וואָס ר׳ אליעזר איז געגליכן.

ר׳ אליעזר׳ס בית המדרש איז געוועזן געמאכט האלב־קיילעכ־דיק, און אינמיטן איז געוועזן א שטיין, אויף וועלכן נאָר ר׳ אליעזר פלעגט זיצן.

איינמאָל איז אין בית המדרש אריין ר׳ יהושע, האָט ער אָנגעפאנגען קושן דעם שטיין און דערביי גערעדט:

— דער שטיין איז גלייך צום בארג סיני און דער וואס זיצט אויף דעם — צום ארון מיט די הייליקע לוחות.

ד.

די מחלוקת צווישן די חכמים.

איינמאָל איז אויסגעבראכן אין בית המדרש א גרויסע מחלוקת (מיינונגס-פארשידנהייט) צווישן ר׳ אליעזר׳ן און די חכמים וועגן א געוויסן דין פון טומאה וטהרה (ריינקייט און אומריינקייט). ר׳ אליעזר האָט געבראכט פיל באווייזן צו זיינע רייד, אבער די חכמים האבן זיי ניט אָנגענומען. איז ר׳ אליעזר געוואָרן אין כעס און האָט געזאָגט:

— אויב דער דין איז ווי איך — זאָל עס דער באָקסער-בוים באווייזן!

האָט זיך דער באָקסערבוים אויסגעריסן פון אָרט אויף הונדערט איילן ווייט. האָבן אים די חכמים גענטפערט:

— פון א באָקסער-בוים נעמט מען נישט קיין באווייז.

האָט ר׳ אליעזר ווידער געזאָגט:

— זאָל דער קוואל וואסער באווייזן, אז דער דין איז ווי איך!

האָט גלייך דאָס וואסער אין קוואל אָנגעהויבן שטראָמען אויף צוריק.

האָבן די חכמים געזאָגט:

— מען נעמט ניט קיין באווייז פון א קוואל וואסער!

האָט ער ווידער אויסגעשריען:

— זאָלן די ווענט פון בית המדרש באווייזן, אז דער דין איז ווי איך!

האָבן די ווענט פון בית המדרש זיך אָנגעהויבן בויגן אויף איינצופאלן. האָט ר׳ יהושע אָנגעשריען אויף די ווענט:

— ווי קומט איר אהער, ווען תלמידי חכמים שפּארן זיך איינע מיט די אנדערע, וועגן א דין?

זיינען די ווענט צוליב ר׳ יהושע׳ס כבוד געבליבן אזוי ווי זיי זיינען געווען איינגעבויגן, נישט איינגעפאלן און נישט אויסגע־גלייכט.

האָט ר׳ אליעזר צולעצט אויסגעשריען:

— אויב דער דין איז ווי איך — זאָל מען עס פון הימל באַ־ווייזן!

האָט זיך באלד געלאָזט הערן א בת קול פון הימל:

— וואָס שפּארט איר זיך מיט ר׳ אליעזר׳ן, ווען אומעטום איז דער דין ווי ער זאָגט!

האָט זיך אויפגעשטעלט ר׳ יהושע אויף זיינע פיס און גע־זאָגט:

— מיר הערן ניט קיין בת־קול! די תורה איז ניט אויפ׳ן הימל. דו, רבונו של עולם, האָסט אליין געשריבן „אחרי רבים להטות" — מען דארף פאָלגן אַ מערהייט!

דערנאָך האָט מען דערציילט, אז איינער פון די חכמים, ר׳ נתן, האָט געטראָפן אליהו הנביא, און ביי אים געפרעגט, וואס האָט גאָט געטאָן אין יענער שעה, ווען ר׳ יהושע האָט געענט־פערט קעגן בת־קול. האָט אים אליהו געזאָגט, אז גאָט האָט גע־לאכט און געזאָגט:

— מיינע קינדער האבן מיך באזיגט, האָבן מיך איבערגע־שטארקט!

———:———

רבי יהושע בן חנניה

א.

גוטער ווײן אין א מאוסער כלי.

ר׳ יהושע בן חנניה האָט געהאט א העסלאכן אויסזען. איינ־מאָל האָט דעם קיסר׳ס טאָכטער צו אים געזאָגט:

— אזוי פיל חכמה ווי אין דיר, אין אזא העסלאכע כלי, ווי שיקט זיך עס?

האָט איר ר׳ יהושע געענטפערט:

— זאָג מיר, פרינצעסן, אין וואס האלט דיין פאָטער זיין ווײן?

— אין ליימענע טעפּ. — האָט זי געענטפערט.

— ווי קומט עס? — האָט ר׳ יהושע איר געפרעגט — אלע האלטן ווײן אין ליימענע טעפּ, און דיין פאטער, א מלך, אויך ווי אלע?

— טאָ אין וואָס זאָל ער האלטן?

— אין גאָלדענע און זילבערנע כלים.

— וועט דאָך דאָס ווײן זויער ווערן? — האָט זי אים צוריק געפרעגט.

— זעסטו, — האָט ר׳ יהושע איר געזאָגט — אָט איז גע־מאָלט, אז שיינע כלים פירן איבער דעם ווײן; אזוי איז אויך מיט חכמה: וואס די כלי איז מאוס׳ער, אלץ בעסער האלט זיך דאָרט די חכמה.

ב.

דער קליינער געפאנגענער.

ווען רבי יהושע בן חנניה איז איינמאָל אָנגעקומען קיין רוים, האָט מען אים דערציילט, אז אין געפענגעניש דאָרט געפינט זיך א קליין אינגל, זייער א שיינער, מיט ליכטיקע אויגן און גע־קרייזלטע לאָקן. איז רבי יהושע אוועק צום געפענגעניש, האָט זיך געשטעלט ביים טיר און גענומען זאָגן דעם פסוק: (ישעיה מ"ב).

„ווער האָט די אידן איבערגעגעבן אין די הענט פון די רויבער?"

האָט דער אינגל געענדיקט די ווייטערדיקע ווערטער:

— דאָס האָט גאָט געטאָן דערפאר, וואס מיר האבן קעגן אים געזינדיקט, און ניט געוואָלט גיין אין זיינע וועגן.

איז ר' יהושע געוואָרן שטארק גערירט, און ער האָט אויס־גערופן:

— איך בין זיכער, אז דער אינגל וועט זיין א לערער פון זיין פאָלק. איך שווער, אז איך ריר זיך ניט פון דאנען, ביז איך וועל אים אויסלייזן. איך וועל פאר אים געבן פיל געלט מען וועט בעטן.

און אזוי האָט ער געטאָן: ער איז ניט אוועק, ביז ער האָט דאָס קינד אויסגעלייזט פאר א גרויסע סומע געלט. און עס האָט ניט גענומען א לאנגע צייט, און דער אינגעלע איז טאקע גע־וואָרן א גרויסער לערער ביי אידן. און ווער איז דאָס געווען? — רבי ישמעאל בן אלישע.

ג.

דריי חכמות האָבן אים באזיגט.

האָט ר׳ יהושע בן חנניה געזאָגט:

— קיינמאָל אין מיין לעבן האָט מיך קיינער באזיגט, אויסער א פרוי, א אינגעלע און א מיידעלע.

די פרוי:

איך בין איינמאָל איינגעשטאַנען אין א גאסט־הויז. האָט די ווירטן געקאָכט פאר מיר א געשמאק געקעכטס פון בעבלאך. האָב איך אויפגעגעסן איין מאָלצייט און האב גאָרנישט איבערגעלאָזט. א צווייטן מאָל — און גאָרנישט איבערגעלאָזט. צום דריטן מאָלצייט האָט זי דעם געקעכטס שטארק איבערגעזאלצן. ווי נאָר איך האב פארזוכט, האָב איך דעם טעלער אָפגערוקט פון זיך, און ניט געגעסן. האָט די פרוי מיך געפרעגט, ווארום איך עס ניט, האב איך איר געענטפערט, אז איך בין ניט הונגעריק, ווייל איך האָב בייטאָג שוין אָפגעגעסן צו זאַט. האָט די פרוי געזאָגט:

— אויב ניט הונגעריק, האָסטו דאך די ברויט אויך ניט באַדאַרפט עסן? אפשר, רבי, האָסטו פארגעסן איבערצולאָזן די ערשטע צוויי מאל אביסל „שירים“, אין טעלער, ווי די חכמים האָבן געהייסן, האָסטו עס איצט איבערגעלאָזט פאר אלע דריי מאָל?

דאָס מיידעלע:

— מיר איז איינמאָל אונטערוועגס אויסגעקומען צו גיין אויף א וועג, וואס האָט דורכגעשניטן דורך א פארזייט פעלד, האָט מיך דערזען דאָרט א מיידעלע און געפרעגט:

— רבי, איז דאָס דען קיין פעלד ניט, וואס דו טרעטסט דאָ?

— איז דאָס דען נישט קיין אויסגעטראָטענער וועג? — האָב איך איר געענטפערט מיט א פראגע.

— יא, אזעלכע רויבער ווי דו, האָבן דאָס אויסגעטראָטן. — האָט מיר דאָס מיידעלע געענטפערט.

דער אינגל:

איינמאָל בין איך געגאנגען אין וועג, האָב איך געפונען א אינגל זיצנדיק אויף א שייד-וועג. פרעג איך אים: „מיט וועלכן וועג גייט מען אין שטאָט?" האָט דער אינגל מיר אזוי געענטפערט: „דיזער וועג איז א לאנגער און א קורצער, און דער אַנדערער איז א קורצער און א לאנגער". בין איך געגאנגען מיט דעם קורצן און לאנגן. געקומען נאָענט פון שטאָט, האָב איך געפונען דעם וועג פארשטעלט מיט גערטנער פון גרינסן און פרוכטן, אזוי אז איך האָב ניט געקענט דורכגיין און געמוזט זיך אומקערן צוריק.

אַז איך בין געקומען צוריק צום שייד-וועג, האָב איך געפרעגט דעם אינגל:

— האָסטו מיר ניט געזאָגט, אז דער וועג איז קורץ?

— האָב איך דען דיר אויך ניט געזאָגט, אז דיזער קורצער וועג איז א לאנגער? — האָט דער אינגל געענטפערט.

האָב איך אים א קוש געטאָן אין קאָפּ און געזאָגט:

— וואויל איז אייך, אידן, דאס איר זייט אלע חכמים, פון גרוים ביז קליין.

ד.

אַכטן און היטן.

איינמאָל איז א פרעמדער מאן געקומען צו רבי יהושע'ן אי־בערנעכטיקן. האָט ר' יהושע דעם גאסט געגעבן עסן און טרינקען און נאָכדעם אים ארויפגעפירט אויפ'ן דאַך־שטיבל, דאָרט אים אָנגעוויזן א נאכט־געלעגער, און ביים אראָפּגיין צוריק, האָט ער צוגענומען דעם לייטער. וואס האָט דער גאסט געטאָן? האלבע נאכט איז ער אויפגעשטאַנען, האָט גענומען אלע ווערטפולע זאַכן, וואס ער האָט געפונען דאָרט, און זיי איינגעפּאקט אין זיין מאנטל. אבער ווען ער האָט זיך מיט זיי געלאָזט אראָפּגיין, איז ער אראָפּגעפאלן פון דאך און צעבראָכן דעם רוקן. גאנץ פרי איז ר' יהושע ארויסגעגאנגען און אים געפונען ליגן א צעשלאָגענעם אויף דר'ערד.

— דו פוסטער יונג! — האָט ר' יהושע אויף אים געשריען — אזוי, הייסט דאָס, טוען מענטשן ווי דו!

— רבי, — האָט דער גנב געזאָגט — איך האָב דאָך ניט גע־קענט וויסן, אז דו האסט צוגענומען דעם לייטער.

— נאָר איינער, — האָט ר' יהושע געזאָגט — איך האָב אויף דיר געהאלטן אַן אויג נאָך פון נעכטן.

פון דאמאָלט איז עס ארוים דער כלל:

„אַכטע א פרעמדן ווי דעם בעסטן
און היט אים ווי דעם ערגסטן“.

ח.

א מענטש אויף דער עלטער.

דער קיסר האָט באמערקט, אז אויף דער עלטער האָט ר׳ יהושע אויפגעהערט צו באזוכן דאס פאָלקס-הויז בי־אבידן, וואו ער פלעגט זיך באטייליקן אין וויסנשאַפטלאכע שמועסן, און ער האָט אים געפרעגט, וואס איז די אורזאכע.

האָט רבי יהושע אים געענטפערט:

— דער בארג — פול מיט שניי; ארום אים — שטיקער אייז; זיינע הינט בילן ניט און זיינע מילן מאָלן ניט.*)

*) דער מיין: דער קאָפּ פול מיט ווייסע האָר, ארום אים — גרויע באָרד און וואָנסן; דער קול איז שוואך און די ציין קייען נישט).

נחום איש גם זו

א.

זיין אייגענער פסק דין.

נחום איש גם זו איז געווען בלינד אויףביידע אויגן. עס האָבן אים געפעלט ביידע הענט און ביידע פיס, און זיין גאנצער קערפּער איז געווען באדעקט מיט קרעץ. ער איז געלעגן אין אן אלט, צעפוילט הויז, און די פיס פון זיין בעט זיינען געשטאַנען אין בעקנס וואסער, כדי קיין מילבן זאָלן ניט קריכן אויף זיין לייב.

איינמאָל האבן זיינע תלמידים געוואָלט אים אריבערטראָגן אין אן אנדער הויז, האבן זיי צוערשט געוואָלט ארויסטראָגן דאָס בעטל מיט׳ן קראנקן רבי׳ן און דערנאָך די כלי בית. האָט נחום צו זיי געזאָגט:

— קינדער, טראָגט ארוים צוערשט די כלי בית און נאָכדעם מיין בעט, ווייל איך בין זיכער, אז אזוי לאנג ווי איך בין אין הויז וועט דאָס הויז ניט איינפאלן.

— רבי, — האָבן די תלמידים צו אים געזאָגט — מיר זעען דאָך, אז דו ביסט א גרויסער צדיק, ווי קומט עס וואס דו ביסט אזוי געשטראָפט?

האָט נחום זיי געענטפערט:

— קינדער מיינע! איך אליין בין שולדיק אין מיינע צרות: איינמאָל בין איך געפאָרן צו מיין שווער צו גאַסט, האָב איך מיט זיך געפירט דריי אָנגעלאָדענע אייזלען: איינער מיט עסנווארג, דעם צווייטן מיט משקה, און דעם דריטן מיט זיסע פרוכט. האָט

מיך אויפ'ן וועג אָפּגעשטעלט אַן אָרימאַן און געבעטן, איך זאָל אים עפּעס געבן דערקוויקן זיין נשמה. האָב איך אים געהייסן וואַרטן, ביז איך וועל אויספּאַקן פון מיין אייזל, אָבער איידער איך האָב צייט געהאַט אראָפּצונעמען פון מיין אייזל, איז ביי דעם אָרימאַן די נשמה אויסגעגאַנגען. בין איך באַלד צוגעפאַלן צו אים און אָנגעהויבן שרייען און וויינען: „מיינע אויגן, וואָס האָבן זיך ניט דערבאַרעמט אויף דיינע אויגן, זאָלן בלינד ווערן; מיינע הענט, וואָס האָבן זיך נישט דערבאַרעמט אויף דיינע, זאָלן אָפּגעשניטן ווערן; מיינע פיס, וואָס האָבן זיך נישט דערבאַרעמט אויף דיינע, זאָלן אָפּגעהאַקט ווערן, און איך האָב זיך אַלץ ניט געשטילט, ביז איך האָב אויסגעשריען: „מיין גאַנץ לייב זאָל באַדעקט ווערן מיט קרעץ".

— ווי איז אונז — האָבן די תלמידים אויסגעשריען — וואָס מיר זעען דיך אין אַזאַ לאַגע.

— ווי וואָלט מיר געווען, ווען איר וואָלט מיך ניט געזען אין אַזאַ לאַגע, — האָט ער זיי געענטפערט.

ב.

„דאָס איז אויך צום גוטן" — (גם זו לטובה).

נחום איש גם זו האָט זיין צונאָמען באַקומען דערפאַר, ווייל אויף אַלעס וואָס פלעגט אים טרעפן, אפילו אויף אַן אומגליק, פלעגט ער אַלץ זאָגן: „גם זו לטובה" — דאָס איז אויך צו גוטן.

איינמאָל האָבן די אידן געוואָלט שיקן אַ מתנה צום רוי־מישן קיסר. און אַז מען האָט גענומען אויסקלייבן, ווער עס זאָל זיין דער שליח, איז געבליבן אַז נחום איש גם זו זאָל גיין, ווייל מיט אים טרעפן זיך אָפט נסים. האָט מען דורך אים געשיקט אַ פולע קעסטעלע מיט טייערע שטיינער און פּערל. אויפ'ן וועג

איז אים אויסגעקומען צו נעכטיקן אין א גאסט־הויז. ביינאכט, אַז ער איז איינגעשלאָפן, האָבן די הויז־לייט שטילערהייט גע־עפנט דאָס קעסטעלע, ארויסגענומען אלע טייערע שטיינער און פּערל און עס אָנגעפּילט מיט ערד. אויף מאָרגן פרי — אז נחום האָט דערזען, וואס מען האָט אים אָפּגעטאָן, האָט ער געזאָגט „גם זו לטובה״, גענומען דאָס קעסטעלע מיט די ערד און אוועק זיין וועג.

ער האָט דאָס קעסטעלע געבראַכט צום קיסר אלס א מתנה פון די אידן. אז דער קיסר האָט דערזען, וואס דאָרט געפינט זיך, איז ער געוואָרן שרעקלאך אין צאָרן און אויסגעשריען, אז די אידן מאכן פון אים שפּאָט, און מען זאָל הרג'נען דעם שליח. נחום איש גם זו איז אבער געבליבן רואיק און געזאָגט „גם זו לטובה״.

דערווייל האָט אליהו הנביא זיך פארשטעלט פאר איינעם פון די מיניסטאָרן און געזאָגט צום קיסר:

— אפשר איז די ערד, וואס די אידן האבן דיר געשיקט, פון אברהם זייער פאטער, מיט וועלכער ער האָט זיך באנוצט אין זיינע מלחמות און געוויזן וואונדערלאכע גבורות. ווי נאָר ער פלעגט דעם מין ערד ווארפן אויף א פיינט, פלעגט זיך עס באלד פארוואנדלען אין שווערדן און פיילן.

צו יענער צייט האָט דער קיסר געפירט א קריג מיט א מדינה, וועלכע ער האָט בשום אופן ניט געקענט בייקומען, האָט ער נחום'ן פארהאלטן ביי זיך און געשיקט די ערד אויספּרובירן מען זאָל עס ווארפן אויפ'ן שונא. האָט מען אזוי געטאָן. איז געשען א נס, און די ערד איז פארוואנדלט געוואָרן אין פיילן און יענע מדינה איז איינגענומען געוואָרן.

ווען עס איז אָנגעקומען די גוטע בשורה, האָט דער קעניג אַריינגעפירט נחום'ן אין זיין שאצקאמער, אָנגעפילט זיין קעס־

טעלע מיט דימענטן און בריליאנטן און אים אוועקגעשיקט אהיים מיט גרוים פאראד.

צוריקוועגס האָט נחום איש גם זו ווידער אָפּגעשטעלט זיך נעכטיקן אין יענעם גאסט־הויז. פרעגן אים די הויז־לייט, וואס אַזוינס האָט ער עס געבראכט צום קעניג, וואס מען האָט אים אָנגעטאָן אזוי פיל כבוד? האָט ער זיי געענטפערט:

— וואָס איך האב גענומען פון דאנען, האָב איך געבראכט אהין.

דערהערט דאָס, האבן זיי צעגראָבן די גאנצע ערד פון אונ־טער דעם הויז און אוועקגעפירט צום קיסר און געזאָגט:

— יענע ערד, וואס דער איד האָט דיר געבראכט, איז גע־ווען פון אונזערע. דאָ האבן מיר געבראכט נאָך.

האָט מען געפּרובירט די ערד, אבער עס האָט זיך ארוים־געוויזן, אז עס העלפט ניט און עס איז איינפאכע ערד, האָט מען זיי גלייך פאר'משפּט צום טויט.

רבי טרפון

א.

ער האָט גלייך מוחל געווען.

רבי טרפון איז געווען זייער רייך, געהאט פיל אייגענע גאָרטנס, וועלכע ער פלעגט זייער זעלטן באזוכן, און דעריבער האָבן פיל פון זיינע וועכטער אים נישט געקענט פערזענלאך.

איינמאָל איז ער אריין אין זיינעם א גאָרטן און גענומען פארזוכן פון די געפּרעסטע פייגן. איז אָנגעקומען דער וועכטער, און דערזעענדיק א פרעמדן מענטשן שטיין און עסן, האָט ער אויסגעשריען:

— אָ, דאָס איז עס דער מאן וואס גנב'עט די טרויבן א גאנץ יאָר! — און ער האָט אים אָנגעהויבן שלאָגן מיט א שטעקן, אים אריינגעוואָרפן אין א זאק, און געטראָגן צום טייך דערטרינקען.

דערזען, אז זיין לעבן איז אין סכנה, האָט ר' טרפון אָנגעהויבן שרייען פון זאק אַרויס:

— איך באשווער דיך, גיי זאָג ביי ר' טרפון אין הויז, מען זאָל פאר אים אָנגרייטן תכריכים.

אַז דער וועכטער האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך א וואָרף געטאָן פאר אים אויף דר'ערד, אָנגעהויבן רייסן זיינע האָר פון קאָפּ, און שרייען:

— רבי, זיי מיר מוחל! זיי מיר מוחל!

— זיי רואיק, — האָט אים ר' טרפון געענטפערט — איך פארזיכער דיר, אז אויף יעדן קלאפּ מיט'ן שטעקן, וואָס דו האָסט מיר געגעבן, האָב איך דיר באלד מוחל געווען.

ב.

ווי איינצוקויפן אייביקע שטעט.

ר׳ טרפון איז געווען זייער רייך, אבער לויט זיין רייכקייט האָט ער ניט געגעבן גענוג צדקה פאַר אָרימע לייט. איינמאָל האָט אים געטראָפן ר׳ עקיבא, און געפרעגט:

— רבי, ווילסטו אפשר איך זאָל פאַר דיר קויפן א שטאָט אָדער צוויי?

— יא, — האָט געענטפערט רבי טרפון, און אויפ׳ן אָרט אים דערויף געגעבן פיר טויזנט גאָלדענע רענדלאַך.

איז רבי עקיבא אַוועק און צעטיילט דאָס געלט צווישן אָרימע תלמידי חכמים.

אין א צייט ארום האָט אים באגעגנט ר׳ טרפון.

— וואו זיינען די שטעט, וואס דו האסט געזאָלט פאַר מיר קויפן? — האָט ער געפרעגט רבי עקיבא׳ן.

האָט אים רבי עקיבא אָנגענומען ביי דער האנט און ארייגעפירט אין בית המדרש. דאָרט האָט ער צוגערופן א תלמיד און אים געהייסן לייענען פאַר אים דעם ספר תהלים. אז ער האָט דערגרייכט צום פסוק: „אויסטיילונג, געגעבן צו אָרימע לייט — בלייבט די גערעכטיקייט אויף אייביקע צייט“. זאָגט ער צו רבי טרפון: „דאָס איז די שטאָט, וואס איך האָב פאַר דיר געקויפט“.

האָט ר׳ טרפון געקושט רבי עקיבא און געזאָגט:

— מיין רבי, מיין האַר! מיין רבי אין תורה, מיין האַר אין מענטשלאכקייט!

און ער האָט נאָך פיל געלט געגעבן רבי עקיבא׳ן אויף צעטיילן צווישן אָרימעלייט.

ג.

וואָס מיינט כבוד אם.

רבי טרפון׳ס שוואכע מוטער איז איינמאָל, שבת בייטאָג, ארויסגעגאנגען שפאצירן ארום איר הויף, האָט זיך אָפּגעריסן ביי איר דער שוך און איז אראָפּגעפאלן פון פוס. איז ר׳ טרפון געגאנגען, האָט אונטערגעלייגט ביידע הענט אונטער אירע פיס־טריט, און אזוי, טרעטנדיק איבער זיינע הענט, איז זי געקומען צו זיך אין הויז צום בעט.

אין א צייט ארום, אז ר׳ טרפון איז קראנק געוואָרן, און זיינע חברים, די תנאים, זיינען געקומען אים באזוכן, איז זיין מוטער צוגעגאנגען צו זיי און געזאָגט:

— בעט גאָט פאר מיין זון, זיין כבוד אם האָט גאָר ניט קיין גלייכן.

— וואָס אַזוינס טוט ער פאר דיר? — האָבן זיי איר געפרעגט.

האָט זי זיי דערציילט די פאסירונג מיט׳ן שוך. האָבן איר די חכמים געזאָגט:

— אפילו ווען ער זאָל טויזנט מאָל אזוי טאָן, וועט עס נאָך ניט קומען צו העלפט פון דעם כבוד אם וואס די תורה הייסט.

———:———

רבי עקיבא

א.

ער און זיין פרוי רחל.

רבי עקיבא איז אין זיין יוגנט געווען אן איינפאכער פאס־טוך, וואס האָט געפירט די שאָף ביי כלבא שבוע, איינער פון די רייכסטע לייט אין ירושלים. דער כלבא שבוע האָט געהאט אן איינציקע טאָכטער מיט'ן נאָמען רחל. האָט רחל באמערקט, ווי דער פאסטוך עקיבא איז אָרנטלאך, איידל און באשיידן און האָט אים ליב באקומען. האָט זי איינמאָל אים געפרעגט:

— ווען איך זאָל איינשטימען דיך הייראטן, וואָלסטו זיך אוועקגעלאָזט ערגעץ אין א בית־המדרש לערנען אויף א צייט, און ווערן א געלערנטער מענטש?

— יא, — האָט ער איר געענטפערט.

זיינען זיי אוועק און האבן זיך פארלאָבט אין געהיים.

אז דער רייכער כלבא האָט דערהערט, אז זיין טאכטער איז פארלאָבט צום אָרימען פאסטוך, האָט ער איר ארויסגעטריבן פון הויז, און געטאָן א נדר, אז זי זאל קיינמאָל ניט טאָרן געניסן פון זיין פארמעגן.

האָט די טאָכטער פארלאָזט איר רייכן פאָטערס פאלאץ, און איז אוועק און חתונה געהאט מיט עקיבאן. זיי האבן געדונגען א קליין שטיבעלע הינטער'ן שטאָט און געלעבט דאָרט אין אָרימ־קייט און דחקות און געשלאָפן אויף שטרוי.

ר׳ עקיבא האָט איצט פיל געלערנט. געלעבט האָבן זיי פון האָלץ, וואס ער פלעגט פארקויפן אין מארק. אבער מאן און ווייב האָבן נישט געזאָרגט.

ב.

ר׳ עקיבא לאָזט זיך אין דער פרעמד לערנען תורה.

איינמאָל איז ר׳ עקיבא געזעסן מיט זיין פרוי, און ער האָט ארויסגעצויגן די שטרויעלאך, וועלכע האָבן זיך איינגעפלאָנ־טערט אין אירע האָר פון דעם שטרויענעם געלעגער. דערביי האָט ער צו איר גערעדט צערטלאכע רייד און געזאָגט:

— זאָרג ניט, מיין פרוי, מיר וועלן נאָך אמאָל זיין רייך און איך וועל דיר קויפן א קרוין, מיט „ירושלים“ אויסגעשטיקט אין גאָלד.

פלוצלונג האָט אימיצער אָנגעקלאפט אין טיר. זיי האבן גע־עפנט די טיר און דערזען פאר זיך אַן אָרימאן, וועלכער האָט שטיל געבעטן:

— גוטע מענטשן, גיט מיר אביסל שטרוי. מיין ווייב איז קראנק, און זי האָט ניט אויף וואס צו ליגן.

האָט ר׳ עקיבא אָפּגעגעבן דעם אָרימאן דאָס שטרוי פון זיין געלעגער, און געזאָגט צו רחל׳ן:

— זעסטו, מיר זיינען נאָך גליקלאך, וואס מיר האָבן שטרוי, פאראן נאָך אָרימערע, וואס האבן דאָס אויך ניט.

— צי דען באקלאָג איך זיך? — האָט רחל געענטפערט. — איך בין וויליק צו ליידן נאָך מער, און דו זאָלסט פאָרן אין די גרויסע ישיבות לערנען תורה.

איז עקיבא גלייך אוועק אין בית המדרש פון ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע און זיך דאָרט געזעצט לערנען.

און דער אָרימאַן, וואס איז געקומען נאָך די שטרוי, איז עס געווען אליהו הנביא, וועלכער האָט זיך אזוי פאַרשטעלט, אום זיי צו טרייסטן.

ג.

לערנט נאָך צוועלף יאָר.

צוועלף יאָר האָט אזוי רבי עקיבא פארבראכט אין דער פרעמד. ער איז אויסגעוואקסן גרויס אין תורה און חכמה, און פאַרמאָגט צוועלף טויזנט תלמידים.

דאמאָלט האָט ער באשלאָסן זיך אומצוקערן אהיים, צו זיין פרוי.

אַז ער איז אָנגעקומען צו זיין הויז, איז ער א ווײַלע געבליבן שטיין ביי דער טיר, און געוואָלט אָנקלאפּן, אויף אריינצוגיין. ערשט ער הערט, ווי אינעווייניק קומט פאָר א שמועס, און איינער רעדט צו זיין ווייב:

— רעכט האָט געטאָן דיין פאָטער. דער פאסטוך איז ניט דיין גלייכן; אָט האָט ער דיך שוין איבערגעלאָזט אזוי פיל יאָרן א לעבעדיקע אלמנה, און קומט ניט צוריק!

— ווען ער זאָל מיך פאָלגן — האָט זיך געהערט רחל׳ס קול ענטפערנדיק דעם מענטשן — וואלט ער געזעסן אין בית המדרש און געלערנט נאָך צוועלף יאָר.

ווי רבי עקיבא האָט דאס דערהערט, איז ער ניט אריין אין הויז, און האָט זיך גלייך אומגעקערט אויף צוריק און געזאָגט צו זיך: „אזוי ווי זי האָט מיר די ערלויבנים געגעבן, וועל איך טאקע גיין צוריק און לערנען נאָך צוועלף יאָר.“

ד.

רבי עקיבא קומט אַהיים.

ווען די אנדערע צוועלף יאָר זיינען אריבער, האָט רבי עקיבא שוין פארמאָגט פיר און צוואנציק טויזנט תלמידים, און זיין נאָמען האָט געקלונגען איבער דער גאנצער וועלט אלס דער גרעסטער געלערטער ביי אידן. דאמאָלט האָט ער זיך אומגעקערט צו זיין פרוי.

דערהערט, אז דער גרעסטער געלערטער ביי אידן קומט אין שטאָט, זיינען אלע איינוואוינער אים ארויס אנטקעגן מקבל פנים זיין. איז אויך אים ארויס באַגעגענען זיין פרוי רחל. האָבן איר די שכנות געזאָגט, זי זאל לייען גאנצע קליידער און זיך אָנטאָן אנשטענדיק, ווי עס פאסט זיך צו באווייזן פאר אזא חכם. האָט זי זיי געענטפערט:

— מיין מאן, דער צדיק, וועט פילן מיין הארץ, און וועט מיך שעצן אָן שיינע קליידער.

זי איז געגאנגען און זיך דורכגעשטופט א וועג ביז ר׳ עקיבא, און איז געפאלן צו דער ערד און געקושט זיינע פיס. האָבן זיינע תלמידים געוואָלט איר אָפּשטויסן, אבער רבי עקיבא האָט זיי אָפּגעהאלטן און געזאָגט:

— לאָזט איר! אלעס וואס איך און איר פארמאָגט — איז עס אירס.

דערווייל האָט אויך רחל׳ס פאָטער, דער רייכער כלבא שבוע געהערט, אז אין שטאָט קומט דער גרויסער חכם רבי עקיבא, און ער האָט ניט געוואוסט, אז דאָס איז זיין איידעם. האָט ער זיך געטראכט, איך וויל גיין צום תנא און אים בעטן ער זאל מיר באַפרייען פון נדר, איך זאל קענען ארויסהעלפן מיין טאָכטער אין איר נויט.

איז ער געקומען פאר רבי עקיבא, און ער האָט זיין געוועזענעם פאסטוך ניט דערקענט. האָט כלבא שבוע דערציילט אים די גאנצע געשיכטע און געבעטן אז רבי עקיבא זאל אים באַפרייען פון נדר.

האָט רבי עקיבא געזאָגט:

— ווען דו וואלסט וויסן, אז דיין טאָכטערס מאן וועט ווערן אַ גרויסער געלערנטער, וואלסטו גענומען אויף זיך אזא נדר?

— געוויס ניט, — האָט כלבא שבוע געענטפערט — ווען אפילו ער זאל קענען איין פרק, איין דין.

— זאָלסטו וויסן, — האָט רבי עקיבא געזאָגט — אז דיין טאָכטערס מאן — דאָס בין איך!

איז כלבא שבוע געפאלן מיט'ן פנים צו דער ערד, געקושט רבי עקיבא'ס פיס און אים אוועקגעשיינקט א האלבן פארמעגן.

ח.

פון וואָס רבי עקיבא איז רייך געוואָרן.

פון זעקס זאכן איז רבי עקיבא רייך געוואָרן.

די ערשטע זאך איז געווען, וואס זיין שווער, כלבא שבוע, האָט אים אוועקגעשיינקט העלפט פון זיין פארמעגן.

אַ צווייטער און דריטער גליק האָט אים געטראָפן ביים ברעג ים. איינמאָל האָט ער געפונען א קלאָץ פון א שיף, וואָס איז געווען אויסגעשניצט אין דער פאָרמע פון א שעפס, (דאָס האָט פאַרצייטן געדינט פאר א סגולה, אז די שיף זאָל גיין שנעל.) אינעווייניק, אין דער הילצערנער שעפס, האָט ער געפונען אן אוצר פון גאָלד און זילבער; דעם אנדער מאָל האָט ער געהאַט געגעבן א מאטראָז פיר גילדן, ער זאל פאר אים עפעס ברייננגען.

האָט דער מאטראָז געפונען א קעסטל פון א געזונקענע שיף, עס צוגעטראָגן צו רבי עקיבא און געזאָגט:

— אָט אויף דעם קען זיך דער האַר צוזעצן, ביז איך וועל ברייגען די זאך, וואס ער בעט מיך.

און דער מאטראָז איז אוועק און צוריק ניט געקומען.

האָט רבי עקיבא געעפנט דעם קעסטל און געפונען, אז זי איז פול מיט גאָלדענע מטבעות.

דער פערטער גליק איז געווען א וואונדערלאכער נס.

איינמאָל האָבן ר׳ עקיבא און זיינע תלמידים געדארפט האָבן געלט, איז ער געקומען צו א רייכע דאמע און געבעטן, זי זאל אים לייען דאָס געלט. האָט די דאמע געזאָגט:

— איך וועל דיר דאָס געלט לייען, אבער דו, רבי עקיבא, זאָלסט זיין דער בעל חוב, און גאט און דער ים זאלן מיר ערב זיין פאר׳ן חוב, אז איך וועל באקומען דעם חוב אין דער צייט.

האָט ער אזוי געמאכט דעם אָפּמאך. ווען די צייט פון צאָלן איז געקומען, איז גראדע רבי עקיבא קראנק געוואָרן. איז די דאמע געגאנגען צום ברעג ים און האָט געזאָגט אזוי:

— רבונו של עולם! דו ווייסט דאך, אז רבי עקיבא איז קראנק און קען דעם חוב ניט באצאָלן. ביסטו דאָך אן ערב, טאָ באצאָל מיר דו!

גראדע צו דער זעלבער צייט איז דעם קיסר׳ס טאָכטער משוגע געוואָרן. האָט זי געכאפט א קאסטן פול מיט טייערע דימענטען און גאָלדענע רענדלאך און דאס אריינגעוואָרפן אין ים, און דער ים האָט דעם קאסטן געבראכט צו דעם אָרט ביים ברעג, וואו די דאמע איז געזעסן און געווארט אויפ׳ן חוב, און זי האָט עס אויפגעהויבן און גענומען אהיים.

שפעטער, אז רבי עקיבא איז געזונט געוואָרן, איז ער אוועק

צו דער דאמע מיט געלט און געוואָלט באצאָלן דעם חוב, האָט די דאמע געזאָגט:

— דער ערב האָט שוין מיר באצאָלט נאָך מער וויפיל דו ביסט געווען שולדיק. אָט דאָ נאַ דיר צוריק דעם רעשט, וואס ער האָט מיך איבערגעצאָלט.

און פון דעם איבערגאב האָט רבי עקיבא באקומען אַ גרויסן פארמעגן.

מיט דעם פינפטן גליק איז געווען אַזאַ געשיכטע:

רבי עקיבא פלעגט אָפט דעבאטירן מיט טורנוסרופוס, דעם רוימישן שר, אין געגענוואַרט פון רוימישן קיסר. רבי עקיבא פלעגט שטענדיק זיגן אין די וכוחים און דאס האָט דעם שר שטארק געקריינקט. דער זעלבער טורנוסרופוס האָט געהאט אַ פרוי אַ גרויסע שיינהייט, און זי האָט איינמאָל געזאָגט צו איר מאן:

— איך האָב אַן עצה, מיין מאן, ווי דו וועסט בייקומען רבי עקיבא'ן. דער אידישער גאָט האָט פיינט אויסגעלאסנהייט, גיב מיר אַן ערלויבעניש, און איך וועל גיין צו רבי עקיבא און מאכן ער זאָל זיך פארליבן אין מיר.

טורנוסרופוס האָט דער פרוי געגעבן די ערלויבניש. האָט זי אָנגעקליידעט די שענסטע קליידער, זיך פארפוצט און איז אוועק צו רבי עקיבא און אָנגעהויבן צו ריידן מיט אים ליבע רייד. רבי עקיבא האָט אויף איר אַ קוק געטאָן און האָט צוערשט אַ שפּיי געטאָן, דערנאָך האָט ער זיך צעלאכט און געוויינט.

— ערקלער מיר, — האָט די פרוי אַן איבערראשטע געפרעגט — וואס באדייטן די דריי זאַכן, וואס דו האָסט געטאָן?

— צוויי זאכן וויל איך דיר איצט דערקלערן — האָט רבי עקיבא געענטפערט — די דריטע זאַך מוז איך פאַרלויפיק פארשווייגן. געשפּיגן האָב איך, ווייל בעת איך האב אַ קוק געטאָן

אויף דיר, האב איך זיך דערמאָנט, פון וואנען דו שטאמסט אָפּ. געוויינט האָב איך, ווייל אזא שיינהייט ווי דו וועט אמאָל מוזן פוילן אין דער ערד.

די שטאָלצע פרוי, וואס איז געווען געוואוינט צו באזיגן די גרעסטע מענער אין רוים, איז געווען גערירט פון רבי עקיבא׳ס שטאַרקן גייסט. געפילן פון תשובה האָבן געוועקט איר געוויסן, און זי האָט געפרעגט רבי עקיבא׳ן:

— אפשר איז פאר מיר פאראַן א וועג, ווי איך זאָל טאָן תשובה און ווערן א גוטע פרוי?

— יאָ, עס איז דאָ. — האָט רבי עקיבא געענטפערט.

די פרוי איז אוועק און זיך מגייר געווען. א צייט שפעטער, נאָך רחל׳ס טויט, האָט רבי עקיבא איר גענומען פאר א ווייב און זי האָט אים אריינגעבראכט אַ גרויסן פאַרמעגן.

דאמאָלט האָט ער איר ערקלערט זיין געלעכטער, ווען ער האָט איר געזען צום ערשטן מאָל און געוואוסט ברוח הקודש, אַז זי וועט אמאָל זיין זיין פרוי.

דער זעקסטער גליק איז געווען א ירושה.

עס איז געווען א גרויסער רוימישער מאגנאט, מיט דעם נאָמען קטיעה בר שלום, וועלכער איז געווען א גרויסער אידן־פריינט. איינמאָל, ווען דער רוימישער קיסר האָט אַרויסגעגעבן אַ גזירה קעגן די אידן, האָט קטיעה בר שלום זיך איינגעשטעלט פאַר די אידן און גערעדט מיט שפּאָט קעגן קיסר פאר זיינע רשעות. האָט דאָס דעם קיסר פארדראָסן און ער האָט דעם אידן־פריינט פאר׳משפט צום טויט.

פאר׳ן טויט האָט קטיעה זיך מגייר געווען און דעם גאנצן פאַרמעגן איבערגעלאָזט פאר רבי עקיבא.

ו.

צדקה רעטעט פון טויט.

רבי עקיבא האָט געהאַט א טאָכטער. האָבן אים געזאָגט די שטערנזעער:

— דעם טאָג, וואס דו וועסט איר פירן צו דער חופה, וועט איר א בים טאָן א שלאַנג און זי וועט שטאַרבן.

האָט ר׳ עקיבא זיך שטארק געזאָרגט וועגן דעם.

אַז ס׳איז געקומען די נאכט פון דער חופה, איז די כלה אַ ווײַלע ארוים אין גאָרטן, זיך אָפּרוען און אָפּקילן אין די פרישע נאַכט-לופט.

זי האָט געטראָגן אויף זיך א האַלדזבאַנד מיט א גאָלדענע שטעכנאָדל, און ווען זי האָט זיך צוגעזעצט, האָט זי אַראָפּגענו־מען פון זיך דעם האַלדזבאַנד און די שטעכנאָדל אַרײַנגעשטאָכן אין וואַנט פון באַנק, אויף וועלכן זי איז געזעסן.

שפּעטער איז זי ארײַן צוריק אין הויז און די שטעכנאָדל פאַרגעסן.

דערנאָך איז פאַרגעקומען די חופה און קיין בייז איז דער כלה ניט געשען.

אויף מאָרגן פרי, ווען זי איז געקומען נעמען דאָס פאַרגע־סענע שטעכנאָדל, האָט זי דערזען ווי א טויטע שלאַנג הייַנגט אַרונטער און דאָס נאָדל שטעקט דער שלאַנג אין אויג.

האָט איר ר׳ עקיבא געפרעגט:

— טאָכטער מײַנע, וואָס פאַר א גוטע זאַך האָסטו געטאָן, וואָס דיר איז געשען אזא נס?

האָט די טאָכטער דערציילט:

— נעכטן פאַרנאַכט איז געקומען אַן אָרימאַן און האָט זיך געשטעלט ביים טיר בעטן, זײַנען אלע געווען פאַרנומען מיט די

צוגרייטונגען צו דער חתונה און קיינער האָט זיך ניט צוגעהערט צו זיין געבעט. האָב איך גענומען מיין חלק פון דעם מאָלצייט און אים אַוועקגעגעבן.

ר׳ עקיבא האָט די געשיכטע דערציילט פאַר די געסט און געזאָגט:

— מיין טאָכטער האָט געטאָן א גרויסע מצוה. ריכטיק זייַנען די ווערטער פון שלמה המלך: „צדקה רעטעט פון טויט“.

ז.

ר׳ עקיבא און טורנוסרופוס.

דער רוימישער האַר טורוסנופוס האָט אמאָל געפרעגט רבי עקיבא׳ן:

— פאַר וואָס האָט אונז אייער גאָט פיינט, ווי ער אליין זאָגט אין דער תורה: „עשו׳ן האָב איך פיינט“?

— מאָרגן וועל איך דיר ענטפערן. — האָט רבי עקיבא געזאָגט.

אויף מאָרגן, אז ר׳ עקיבא איז צו אים געקומען, האָט אים טורונסרופוס שפּאָטיש געפרעגט:

— נו, וואס האָט זיך דיר גע׳חלומ׳ט די נאכט, און וואס האָסטו געזען?

— ביינאכט — האָט רבי עקיבא געזאָגט — האָב איך געזען אין חלום צוויי הינטלאך, איינם הייסט רופוס, דאָס צווייטע — רופינא.

— רופוס און רופינא! — האָט דער האַר אויסגעשריען מיט גרוים כעס — דאָס זיינען דאָך די נעמען פון מיר און מיין פרוי. האָסטו די פרעכהייט אָנצורופן דיינע הינט מיט אונזער נאָמען?

— איצט זאָג אליין — האָט ר׳ עקיבא זיך אָפּגערופן צו אים — אייגנטלאך איז דאָך א קנאַפּער אונטערשייד צווישן דיר און הונט: דו עסט און טרינקסט, און די הינט עסן און טרינקען; דו ברייננסט קינדער אויף דער וועלט, און זיי אויך דאָס זעלבע, דו וועסט שטאַרבן און זיי אויך, דאָך ביסטו געוואָרן אין כעס, ווען איך האָב די הינט אָנגערופן מיט דעם נאָמען; היינט, אז איר נעמט א שטיק האָלץ און רופט עס אָן מיט דעם נאָמען פון גאָט, פון דעם גרויסן גאָט, וואס האָט באשאפן דעם הימל און ערד און מאכט טויט און לעבעדיק — ווי זשע זאָל ער אייך ניט פיינט האָבן?

ח.

„אלעס וואָס איז געשען איז צום גוטן".

רבי עקיבא האָט פון נחום איש גם זו געלערנט דעם גלויבן, אַז אלעס וואס גאָט טוט איז צום גוטן.

איינמאָל איז ר׳ עקיבא געגאַנגען אין וועג, האָט ער געהאט מיט זיך אַן אייזל, א האָן און א ליכט. דער אייזל איז געווען צום רייטן, דער האָן — אויף צו וועקן אים פאַרטאָג, און דאָס ליכט — צו באלייכטן אין דער פינסטער.

איז ער אָנגעקומען אין א שטעטל און געבעטן, מען זאל אים אריינגעמען איבערנעכטיקן. אבער קיינער האָט אים ניט אריינ־געלאָזט. האָט רבי עקיבא דאָס אָנגענומען רואיק און געזאָגט: „דאָס איז צום גוטן". און איז אוועק און גענעכטיקט אין פעלד.

ביינאַכט איז געקומען א לייב און אויפגעגעסן זיין אייזל, נאָכדעם איז געקומען א ווילדע קאַץ און צעריסן דעם האָן. שפּע־טער האָט א בלאָז געטאָן א שטאַרקער ווינט און אויסגעלאָשן

דאָס ליכט. האָט ר׳ עקיבא אויף אלעם געזאָגט: „דאָס איז צום גוטן.

אויף מאָרגן האָט ר׳ עקיבא זיך דערוואוסט, אז דורך דעם פעלד, וואו ער האָט גענעכטיקט, זיינען ביינאכט אָנגעקומען א באנדע רויבער. זיי זיינען באפאלן די שטאָט און פילע איינוואוינער אוועקגעפירט געפאנגען.

דאן האָט ר׳ עקיבא געזאָגט צו די מענטשן:

— זעט איר איצט, אז גאָט טוט אלעם צום גוטן, ווען איך זאָלט גענעכטיקט אין שטאָט, וואָלטן די רויבער מיך געפאנגען, ווען דאָס ליכט וואָלט געלויכטן, אָדער דער האָן וואָלט געקרייט, אָדער דער אייזל וואָלט געהירזשעט, וואָלט מען מיך אין פעלד אויך אויסגעפונען.

ט.

ר׳ עקיבא׳ס מסירת נפש פאר תורה.

ווען רוים האָט ארויסגעגעבן א גזירה, אז אידן זאָלן נישט לערנען די תורה, האָט ר׳ עקיבא איינגעשטעלט זיין לעבן אין געפאַר, און איז געגאנגען פון שטאָט צו שטאָט און געגרינדעט שולן, אין וועלכע ער פלעגט דרשה׳נען און לערנען מיט עולם.

איינמאָל האָט אים געטראָפן פפוס בן יהודה, א אידישער חכם, און האָט אים געפרעגט:

— עקיבא, האָסטו גאָרנט קיין מורא פאר דער גזירה?

— אָ, דו פפוס, — האָט ר׳ עקיבא אים געענטפערט — וואס מען האלט דיך פאר א חכם, ביסטו גאָר א נאַר. איך וועל דיר דערציילן א משל, וואס איז ענלאך צו דיזער זאך: א פוקס איז אַמאָל געגאנגען אויפ׳ן ברעג טייך. האָט ער געזען פיש, וועלכע

זיינען געשוואומען אין וואסער, הין און צוריק. זאָגט דער פוקס צו זיי:

— פיש, פאר וועמען אנטלויפט איר דאָס?

— מיר אנטלויפן — האָבן די פיש געענטפערט — פאר די פילע נעצן, וועלכע מען שפרייט אוים אונז צו פאנגען.

— אויב איר ווילט — זאָגט דער פוקס צו די פיש — טאָ קומט ארויף צו מיר אויף דער טריקעניש, און מיר וועלן לעבן בשלום צוזאמען, אזוי ווי מיינע און אייערע עלטערן האָבן געלעבט.

— אָ, דו פוקס, — האָבן די פיש געענטפערט — דו האלטסט זיך פאר א חכם, אָבער אונז וועסטו ניט פארנאַרן. באַרעכן זיך אליין, ווען דאָ אין וואסער, אין אָרט פון אונזער לעבן, זיינען מיר אין שטענדיקער שרעק, הײנט ווי וועט שוין זיין, אז מיר וועלן ארויסגיין אין טריקעניש, אין אָרט פון אונזער טויט?

דאָס זעלבע איז אויך מיט אונז: אויב איצט, אז מיר לערנען נאָך ווי עס איז תורה, וואס איז אונזער לעבן און אייביקייט, זיינען מיר אין אזא שרעק, טאָ ווי וועט שוין זיין, אז מיר וועלן זיך פון דער תורה אינגאנצן אָפּרייסן?

אין א קורצע צייט ארום האָט מען ר' עקיבא'ן געכאפּט און אריינגעזעצט אין תפיסה, אין דער זעלבער צייט האָט מען אויך פארשפּאַרט אין דער זעלבער תפיסה פּפוס פון יהודה פאר עפּעס א פארברעכן.

— פּפוס, — האָט ר' עקיבא אים דערזען און געפרעגט — ווי קומסטו אהער?

— וואויל איז דיר, רבי עקיבא — האָט פּפוס געענטפערט — וואָס דיר איז באשערט אָפּצוקומען צוליב תורה, וויי איז אבער צו מיר, וואס איך דארף ליידן פאר נאַרישע און פוסטע זאכן.

י.

ר׳ עקיבא׳ס טויט.

ווען מען האָט ר׳ עקיבא׳ן ארויסגעפירט צום טויט-שטראָף איז גראד געווען די צייט פון קריאת שמע. האָט מען געריסן זיין לייב מיט אייזערנע קאמען, אבער ער איז געווען אלץ פארטיפט אין קריאת שמע, און ניט איבער-געריסן דאָס לייענען. ער האָט די יסורים פארטראָגן מיט שטאָלץ און מוט, און אָנגענומען פאר ליב, און צו זיינע תלמידים, וואס זיינען געשטאַנען דערביי, האָט ער געזאָגט:

— מיין גאנצן לעבן האָב איך זיך ארומגעטראָגן מיט׳ן גע-דאנק צו שטארבן פאר מיין ליבע צו גאָט, און יעצט איז געקו-מען די געלעגנהייט, ווען מיר איז באשערט מיין פארלאנג דורכ-צופירן.

האָט ער אזוי געזאָגט „שמע ישראל״, און געצויגן דעם אחד, ביז זיין נשמה איז אויסגעגאנגען מיט דיזן וואָרט.

און א בת קול איז ארויס פון הימל און געזאָגט:

— וואויל איז דיר, רבי עקיבא, וואס דיין נשמה איז ארויס מיט דעם וואָרט „אחד״, פאר דיר איז איצט אָנגעגרייט דאָס איי-ביקע לעבן אויף דער אמת׳ער וועלט.

רבי מאיר

א.

קינדער איז איבריק צו פאַרזאָרגן.

רבי מאיר איז געווען א סופר, א גרויסער קינסטלער אין זיין פאַך. פון דיזער מלאכה פלעגט ער אויסאַרבעטן דריי טאלער א וואָך. פלעגט ער איינעם אויסגעבן אויף עסן און טרינקען, איי־נעם — אויף קליידן זיך, און איינעם — אָפּגעבן צו אָרימע תלמידי חכמים.

האָבן אים זיינע תלמידים געפרעגט:

— רבי, און פאר דיינע אייגענע קינדער דאַרפסטו גאָר ניט פאַרזאָרגן?

— ס'איז איבריק — האָט ר' מאיר זיי געענטפערט — וועלן זיי זיין ערלאך און פרום — וועלן זיי אלעס האָבן, ווי עס זאגט דוד המלך אין תהלים: „יונג בין איך געווען, אלט בין איך גע־וואָרן, און קיינמאָל ניט געזען א צדיק פאַרלאָזט און זיינע קינ־דער זאָלן בעטלען ברויט"; ווען אבער זיי וועלן ניט זיין גוט — טאָ צו וואס זאל איך פאַרזאָרגן גאָטס שונאים?

ב.

פאַר דעם כבוד פון תורה.

ווען ר' שמעון בן גמליאל איז געווען נשיא, איז ר' מאיר געווען דער „חכם" און ר' נתן — דער „אב בית דין"*). איז געווען

*) דריי העכסטע טיטלען, איינע נאָך די אנדערע, פאַר די עלטס־טע פון בית המדרש און בית דין.

איינגעפירט, אז ווען ר׳ שמעון פלעגט אריינגיין, פלעגט דער עולם זיך אויפשטעלן און ווען ר׳ מאיר און ר׳ נתן פלעגן ער־שיינען, האָט דער עולם זיך אויך געשטעלט. האָט ר׳ שמעון בן גמליאל געזאָגט:

— איז שוין גאָר ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן מיר און זיי?

און ער האָט איינגעפירט אַזאַ רעגל: ווען דער נשיא קומט אַריין, זאָלן זיך אלע מיט אמאָל אויפשטעלן און זיך ניט זעצן ביז ער וועט זאָגן „זעצט זיך!" ווען דער אב בית דין וועט אַריין, דאַרפן זיך שטעלן נאָר צוויי שורות, פון רעכטס און לינקס, אים דורכלאָזן און דערנאָך זיך זעצן אויף זייער אָרט. ווען דער חכם גייט אריין, זאָל מען זיך שטעלן איינציקווייז, דער געזעצט זיך און דער אויפגעשטעלט זיך, ביז דער חכם וועט קומען אויף זיין אָרט.

יענעם טאָג, ווען ר׳ שמעון האָט ארויסגעגעבן זיין פאַר־אָרדענונג, זיינען רבי מאיר און רבי נתן ניט געווען אין בית המדרש. אויף מאָרגן, אז זיי זיינען אריין אין דער גאנצער עולם האָט זיך ניט געשטעלט, האבן זיי געפרעגט, וואס דאס באטייט, און מען האָט זיי דערציילט פון דעם נשיא׳ס נייער פאראָרדענונג.

האָט עס פאַרדראָסן ר׳ מאיר׳ן און ער האָט געזאָגט צו רבי נתן:

— איך בין א חכם און דו — אב בית דין. לאָמיר עפּעס טאָן קעגן אים און צוריקשטעלן אונזער כבוד.

— וואָס קען מען טאָן? — האָט רבי נתן געפרעגט.

— לאָמיר אים אומגעריכט הייסן זאגן א שעור אין מסכת עוקצין*) — האָט ר׳ מאיר געזאָגט — אין אַזאַ ענין, וואס איז

*) א מסכת אין סדר טהרות, וואס באהאנדלט דינים פון טומאה וטהרה.

אים פרעמד. און ווען ער וועט דורכפאלן און ניט וויסן, וועלן מיר אים זאָגן: אז נאָר אזא פאסט צו זיין דער העכסטער פון פאָלק, ווער עס ווייס גאָטס תורה.

איז אָבער פון דעם אָפּמאך געוואָר געוואָרן רבי יעקב בן קורשאי, איינער פון די תלמידים, און האָט באשלאָסן ביי זיך צו פארהיטן דעם נשיא פון שאנדע. איז ער ארויפגעגאנגען און זיך געזעצט אויפ'ן איבערשטיבל פון ר' שמעון בן גמליאל און אויף אַ קול אָנגעהויבן פלייסיק לערנען די מסכת עוקצין. האָט עס דערהערט ר' שמעון בן גמליאל און זיך געוואונדערט: „ווי קומט דער תלמיד פלוצלונג צו עוקצין? ניט אנדערש, אז דאָרט אין בית המדרש טראכט מען עפּעס קעגן מיר". האָט דער נשיא גענומען לערנען די זעלבע מסכת עוקצין און זי גוט איינגעלערנט.

אויף מאָרגן אין בית המדרש, האָבן ר' מאיר און ר' נתן געזאָגט צו ר' שמעון:

— היינט זאל דער נשיא לערנען מיט אונז מסכת עוקצין.

האָט ר' שמעון בן גמליאל געזאָגט וועגן עוקצין זייער אַ שיינעם שעור און אלעמען איבעראשט מיט זיין טיפע חכמה.

נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט, האָט ער געזאָגט צו ר' מאיר און ר' נתן:

— איך ווייס וואָס איר האָט געטראכט וועגן מיר. גראדע האָב איך אויסגעלערנט, אבער איר האָט מיך געוואָלט פאַרשעמען.

האָט ער אָנפאנגס באפוילן, אז מען זאל זיי ארויספירן פון בית המדרש. אבער אז די תלמידים האָבן זיך פאר זיי איינגעשטעלט, האָט ר' שמעון זיי צוריק ערלויבט אריינגיין אין בית המדרש, נאָר זיי באשטראפט, אז ווען מען וועט איבערזאָגן זיין

תורה, זאל מען ניט דערמאנען זייערע נעמען. פלעגט מען ר׳ מאיר׳ן דערמאנען מיט׳ן נאָמען „אחרים“ (אנדערש) און ר׳ נתנ׳ען — מיט „יש אומרים“ (אנדערע זאָגן).

ג.

רבי מאיר און זיין רבי „אחר“

1.

פארוואָס אלישע בן אבויה איז געוואָרן זינדיק.

אלישע בן אבויה, רבי מאיר׳ס רבי, איז אוועק אין א שלעכטן וועג און געוואָרן א זינדיקער. האָט מען אים דערפאר אָנגע־הויבן אָנרופן מיט׳ן נאָמען „אחר“ (אנדערער).

פארוואָס איז ער דאס איבערגעקערט געוואָרן צום שלעכטן? זיינען עס געווען עטלאכע פאסירונגען:

איינמאָל, שבת בייטאָג, איז אלישע געזעסן ביים ברעג פון ים כנרת און געלערנט. האָט ער געזען, ווי א איד קלעטערט ארויף אויף א שפיץ בוים און בארויבט א נעסט מיט פויגעלאך. ער האָט צוגענומען דער מאמען מיט די קינדער און איז צוריק אראָפּ בשלום. דערנאָך, שבת־צו־נאכט, האָט אלישע געזען, ווי אן אנדער מאן איז ארויף אויף א שפיץ פון א בוים, פריער אוועקגעטריבן די מוטער, ווי די תורה הייסט, און דערנאָך צו־גענומען די קינדער — און ווי ער איז נאָר אראָפּ פון בוים, האָט אים א בים געטאָן א גיפטיקע שלאנג, און ער איז געפאלן טויט.

האָט זיך אלישע פארטראכט: וואס הייסט עס, די תורה זאָגט: „אוועקשיקן זאָלסטו דער מוטער און קינדער מעגסטו זיך נעמען, דערפאר וועט דיר זיין גוט און דו וועסט לעבן לאנג“.

וואו איז די ווירקלעכקייט און דאס לאנג לעבן פון דעם דאָזיקן, וואס האָט געטאָן, ווי די תורה האָט געהייסן?

ווידער האָט אלישע איינמאָל געזען, ווי אן אומריינע חיה שלעפּט ארום דעם צונג פון רבי יהודה הנחתום, א גרויסער אי־דישער געלערנטער, וואס איז גע׳הרג׳עט געוואָרן פון דער רוי־מישער מלוכה, אויך דערציילן אנדערע, אז ער האָט געזען דעם צונג פון ר׳ חוצפית המתורגמן, איינער פון די צען „הרוגי מלכות“, זיך וואלגערן אין שטויב, איז ער פון דעם זייער גע־וואָרן פארצווייפלט און אויסגערופן:

— אָט דער צונג וואס האָט געשאָטן מיט פערל, זאל לעקן שטויב! — איז דאָס דער סוף פון א צדיק, טאָ וואו איז דער שכר פאר די פרומע און דער צוזאָג פאר זייער אייביקן לעבן?

און באלד נאָכדעם איז ער אפּגעטראָטן פון אידישקייט. דאמאָלט האָט מען אים גערופן „אחר“ — אן אנדערער איז ער געוואָרן.

2.

„אחר“ס זינד.

ר׳ מאיר האָט זיך זייער באמיט אומצוקערן זיין רבי׳ן, אלישע בן אבויה, צוריק צום גוטן וועג. ער האָט אים דערמאָנט די אָנדייטונגען פון אונזער תורה, אז גוט מיינט ניט אויף דער וועלט, נאָר אויף דער אמת׳ער, אייביקער וועלט, וואו דער צדיק געניסט פאר זיינע גוטע מעשים און דער רשע ווערט באַ־שטראפט. אָבער אלישע האָט זיך געהאלטן ביי זיינעם.

איינמאָל, שבת, איז רבי מאיר געזעסן אין דעם בית המדרש פון טבריה און האָט געלערנט פאר זיינע תלמידים, אין דער זעל־בער צייט איז אלישע געפאָרן איבער׳ן מארק, רייטנדיק אויף א

פערד, האָבן די תלמידים געזאָגט צו רבי מאיר: „דיין רבי אלישע פאָרט רייטנדיק אום שבת“. איז רבי מאיר גלייך ארויסגעגאנגען אינדרויסן און זיך געטראָפן מיט זיין געוועזענעם רבין. אלישע איז געפאָרן, און רבי מאיר איז אים נאָכגעגאנגען צופוס, און גע־רעדט צו אים, ער זאָל טאָן תשובה. אזוי זיינען זיי אָפּגעגאנגען א שטיק וועג. דאן האָט אלישע געזאָגט:

— מאיר, קער זיך אום צוריק. נאָך די טריט פון מיין פערד האָב איך אויסגערעכנט, אז מיר האלטן שוין ביים תחום שבת.*)

— קער זיך דו אויך אום צוריק! — האָט ר׳ מאיר צו אים געזאָגט.

— פאר מיר — האָט געענטפערט אלישע — איז שוין ניטאָ קיין וועג צוריק. איך האָב אזוי געהערט א בת־קול אויסרופן.

— ווען האָסטו דאָס געהערט דעם בת קול?

— דאָס איז געווען איינמאָל אין א יום־כפור׳דיקן טאָג, וואס איז אויסגעפאלן אום שבת, און איך האָב געשפּאצירט הינטער׳ן בית המדרש, רייטנדיק אויף א פערד. האָט זיך פון בית המדרש געלאָזט הערן א בת־קול, וואס האָט הילכיק אויסגערופן:

„קערט זיך צוריק, פארשייטע קינדער, קערט זיך צוריק צו מיר און איך וועל זיך קערן צו אייך — אלע אויסער „אחר“, וואָס ווייסט גוט מיין מאכט, און דאָך איז ער ארויסגעטראָטן קעגן מיר.“

איינמאָל איז רבי מאיר צוגעשטאַנען צו „אחר“ן און אים אַריינגעפירט אין בית המדרש. האָט אלישע אָנגעכאפּט א קינד, וואָס איז געזעסן און געלערנט, און אים געבעטן:

— זאָג מיר דיין פּסוק!

*) צוויי טויזנט איילן אויסערן שטאָט. ווייטער טאָר מען לויט׳ן דין נישט גיין אום שבת.

— אין שלום, ניטאָ קיין פרידן, האָט גאָט געזאָגט, צו רשעים. — האָט דער אינגל געענטפערט.

איז ער מיט אים אריין אין א צווייטן בית המדרש און גע־פרעגט אן אנדער אינגל, ער זאָל אים זאָגן א פסוק. האָט דער אינגל געזאָגט:

— מעגסט זיך וואשן מיט לויג־זאַלץ און זיך רייבן מיט זייף — אלץ בלייבסטו פארקלעפּט מיט זינד פאר מיר.

האָט ער געפרעגט א דריטן אינגל, און יענער האָט אויך גע־זאָגט אזא פסוק, וואס האָט אויפגעוואָרפן אחר׳ן פאר זיינע זינד. אַזוי האָט ער געפרעגט צוועלף אינגלאַך. דאָס דרייצנטע קינד האָט פאר אים פאָרגעלעזן דעם פסוק:

— ולרשע אמר אלהים, און צו דעם שלעכטן זאָגט גאָט, ווי קומסטו דערציילן מיין געזעץ? — און דער אינגל האָט ניט גע־רעדט שארף, איז ביי אים ארויסגעקומען אנשטאט „ולרשע" גאָר „ולאלישע אמר אלהים", איז אלישע געוואָרן אין כעס און גלייך פארלאָזט דעם בית המדרש, און פון דאמאָלט אָן געזוכט אָפּצו־ריידן קינדער פון צו לערנען.

ער פלעגט זיך אמאָל אריינכאפּן אין א בית־המדרש און זע־ענדיק די קינדער לערנען, פלעגט ער אָנהויבן שרייען:

— וואָס זיצן זיי דאָ און פארנעמען זיך מיט זאכן אָן א נוצן, אָט דער אינגל קען זיין א בויער, דער א טישלער, דער א מאלער, דער א שניידער!

אַז די קינדער פלעגן עס הערן, פלעגן זיי איבערלאָזן די ספרים און אוועקגיין.

אזוי איז ר׳ מאיר׳ס מי אים אומצוקערן געווען אומזיסט, און אחר איז אלץ פארקראָכן מער און מער אין זינד און אָנגעהויבן פיינט האבן די תורה און די תלמידי חכמים.

3.

„אחר״ס טויט.

ר׳ מאיר האָט אבער אלץ זיין זינדיקן רבי׳ן ניט פארלאָזט. ער האָט נאָך פון אים געלערנט תורה, און געזוכט אים צו ברייג־גען צו תשובה.

אין א צייט ארום ווען אלישע בן אבויה איז קראנק געוואָרן און געהאלטן ביים שטארבן, איז געקומען ר׳ מאיר אים געוואָר ווערן און צו אים געזאָגט:

— קער זיך אום צוריק!

— נעמט מען דען נאָך דאָרטן אָן אזוי שפעט? — האָט אלישע געפרעגט.

— שטייט דען ניט געשריבן — האָט ר׳ מאיר געענטפערט „דו קערסט אום דעם מענטשן ביז צום צעברעכן״ — ביז ער האלט ביים צעברעכן ווערן.

האָט אלישע בן אבויה אויף דעם זיך צעוויינט און אויסגע־גאנגען אין טרערן.

— מיר שיינט — האָט נאָכדעם געזאָגט רבי מאיר — אז דער רבי איז אוועק פון דער וועלט מיט תשובה.

פילע האָבן באשולדיקט ר׳ מאיר׳ן, וואס ער האָט זיך אָנגע־האלטן מיט „אחר״ און געלערנט פון א זינדיקן, אבער די חכמים האָבן אים פארענטפערט מיט דעם ווערטל:

— רבי מאיר האָט געפונען א מילגרוים. דאָס אינעוויינים־טע האָט ער אויפגעגעסן, דעם שאָלעכץ האָט ער אוועקגעוואָרפן. נאָר דאָס גוטע האָט ער געלערנט פון אלישע בן אבויה; צו דאָס שלעכטע האָט ער זיך ניט צוגעהערט.

ד.

צוליב „שלום בית“

ר׳ מאיר איז געווען אן אויסגעצייכנטער דרשן, און מיט זיי־נע שיינע רעדעס און צוגעפאסטע משלים פלעגט ער שטענדיק צוציען דעם עולם.

איינמאָל, פרייטאג־צו־נאכט, ביי זיינער א דרשה, האָט איינע אַ פרוי זיך פארטיפט אין הערן און זיך פארזעסן אין בית המדרש ביז שפּעט אין דער נאכט. ווען זי איז געקומען אהיים, האָט זי שוין געטראָפן די ליכט אויסגעלאָשן. האָט איר דער מאן גע־פרעגט, וואו איז זי געווען ביז איצט.

— איך בין געווען אין בית המדרש און געהערט דעם דרשן. — האָט די פרוי געענטפערט.

— אויב אזוי, שווער איך דיר — האָט דער מאן געזאָגט — אַז דו וועסט ניט זיין ביי מיר אין הויז, ביז דו וועסט ניט גיין און א שפּיי טאָן דעם דרשן אין פּנים.

זיינען אריבער דריי וואכן און זי איז ניט געווען ביים מאן אין הויז. האָבן זיך דערפון דערוואוסט די שכנות און צו איר געזאָגט:

— דו ביסט ברוגז מיט דיין מאן? קום, לאָמיר גיין מיט דיר צום דרשן.

ר׳ מאיר׳ן האָבן שוין די ווייבער געהאט דערציילט פון דער געשיכטע, און ווי די ווייבער זיינען אריינגעקומען, האָט ער זיך געמאכט קראנק אויף די אויגן און צו זיי געזאָגט:

— אפשר איז צווישן אייך, פרויען, דאָ א געניטע, וועלכע קען אָפּשפּרעכן אן אויג?

האָבן די שכנים אין דער שטיל געזאָגט צו יענער פרוי:

— גיי דו, שפּרעך אים אָפּ און שפּיי אויף אים אוים, וועט דער מאן מיט דיר ווערן שלום. (ביים אָפּשפּרעכן אן אויג פלעגט מען דעם חולה אָנשפּייען אין פּנים).

האָט זי זיך געלאָזט גיין צו ר׳ מאיר׳ן, אבער ווען זי האָט זיך געזעצט פאר אים איז אָנגעפאלן אויף איר א שרעק און זי האָט געזאָגט:

— רבי, איך קען נישט אָפּשפּרעכן קיין אויג.

— ס׳איז נישטאָ וואס צו קענען — האָט רבי מאיר געזאָגט — שפּיי אוים אויף מיר זיבן מאָל, וועל איך אויסגעהיילט ווערן.

האָט זי אזוי געטאָן.

— איצט — האָט ר׳ מאיר גלייך נאָכדעם צו איר געזאָגט — גיי אהיים און זאָג דיין מאן, „דו האָסט מיר געהייסן שפּייען איין מאָל און איך האָב געשפּיגן גאנצע זיבן מאָל“.

און אז די תלמידים האָבן אים נאָכהער געפרעגט, צי מעג אַ תלמיד חכם זיך אזוי לאָזן מבזה זיין, האָט זיי ר׳ מאיר געענטפערט:

— איז ניט גענוג פאר מאיר׳ן צו זיין גלייך צו זיין באַשעפער? צוליב שלום מאכן צווישן מאן און ווייב, איז אויך ביי גאָט רעכט אָפּצומעקן זיין אייגענעם נאָמען אין וואסער, (ווי דער דין איז ביי א סוטה) און איך זאל מיך ניט לאָזן שפּייען?

ה.

דער רשע פאלט אריין.

דריי הונדערט משלים וועגן פוקסן האָט רבי מאיר געהאט, אָבער אונז איז בלויז דיזער איינער פארבליבן.

אַ פוקס האָט איינמאָל געזאָגט צו א וואָלף:

— אויב דו ווילסט געניסן א גוטן מאָלצייט, גיי אריין ערב שבת אין דעם הויף פון א אידן, העלף אים צוגרייטן די מאכלים אויף שבת, וועט ער דיך דערפאר איינלאדן צו דער שבת׳דיקער סעודה.

האָט דער וואָלף געפאָלגט די עצה פון דעם פוקס, און זיך געלאָזט לויפן צו א אידישן הויף. אָבער ווי נאָר די הויזיקע מענטשן האָבן דערזען דעם וואלף, זיינען זיי אים באפאלן מיט שטעקנס אזוי, אז ער איז קוים אנטלאָפן מיט׳ן לעבן. איז דער וואָלף צוריק אוועקגעלאָפן צום פוקס, און אים געוואָלט צערייסן א לעבעדיקן, פארוואָס ער האָט אים אָפגענארט.

— זיי ניט אין כעס — האָט דער פוקס אים בארואיקט. — ניט איך בין שולדיק און ניט דו ביסט שולדיק, וואס מען האָט דיך געשלאָגן. שולדיק איז אין דעם דיין פאטער. ער האָט אמאָל געהאָלפן צוגרייטן א אידן א סעודה אויף שבת, האָט ער זיך ניט געקענט דערווארטן ביז דער שבת׳דיקער סעודה, און האָט אלעס אויפגעפרעסן פריער און פאר דעם אידן גאָר ניט איבערגעלאָזט. אָבער איצט זאָרג ניט, איך וועל דיך פירן אין אַן אָרט, וואו מיר וועלןביידע קענען האבן א גוטע סעודה.

האָט דער פוקס צוגעפירט דעם וואָלף צו א ברונעם, אויף וועלכן עס האָט זיך געפונען א וועלצל. איבער דעם וועלצל איז געווען איבערגעוואָרפן א שטריק מיט צוויי עמערס ביי ביידע עקן. ווען איין עמער פלעגט זיך אראָפלאָזן אין ברונעם, פלעגט זיך דער אנדערער אויפהויבן. האָט דער פוקס זיך אריינגעזעצט אין אויבערשטן עמער און זיך אראָפגעלאָזט, און דער אונטערשטער עמער איז ארויף. האָט דער וואָלף אריינגעקוקט אין ברונעם און אויסגעשריען צום פוקס:

— היי, פוקס, וואס טוסטו דאָרט?

— איך האָב דאָרט געשמאקע זאכן צום עסן. — האָט דער

פוקס ארויסגעשריען פון די טיפענישן פון ברונעם — אָט זעסטו די שטיק קלאָרע קעז ווי זילבער.

און דערביי האָט ער אים אָנגעוויזן אויף דער אָפּשפּיגלונג פון דער לבנה אין דעם וואסער אונטן, וואס האָט דעם וואָלף אויבן ווירקלאך אויסגעזען ווי א שטיק ווייסע קעז.

— ווי אבער קען איך צוקומען צו דעם? — האָט דער וואָלף זיך באלעקט און געפרעגט.

— זעץ זיך אריין אין אויבערשטן עמער, וועסטו זיך אראָפּלאָזן צו מיר! — האָט דער פוקס געזאָגט.

פאָלגט אים דער וואלף און זעצט זיך אריין אין עמער. האָט זיך דער עמער תיכף אראָפּגעלאָזט אונטן און דער אנדערער מיט'ן פוקס איז ארויפגעצויגן געוואָרן אויבן, און דער פוקס איז אַרויס.

— ווי וועל איך איצט ארויף? — האָט דער וואָלף געשריען, זעענדיק, אז ער איז דאָ אריינגעפאלן.

— ליג דאָרט, ליג! — האָט דער פוקס געשריען. אָט אויף אונז זאָגט עס דער פסוק (משלי יא): „א צדיק רעטעט זיך פון אַ צרה, און דער רשע פארנעמט זיין אָרט“.

ז.

דער ברודער „כי טוב“

אין דרום-געגענט פון ארץ ישראל איז געווען א בעל-אכסניה, וועלכער האָט געמאכט א שותפות מיט א חברה רויבער.

ער פלעגט אויפשטיין פארטאָג און אויפוועקן די געסט, זאָגנדיק צו זיי:

— קומט, פאָרט ארויס איצט ווען עס איז קיל. איך וועל אייך באגלייטן.

און ווי נאָר ער פלעגט ארויספירן די געסט אויפ'ן וועג, פלעגן זיי ווערן באַפאַלן פון רויבער, וואס פלעגן ביי זיי צונעמען זייערע גאנצע פארמעגנס, און דערנאָך זיך געטיילט מיט'ן רויב.

איינמאָל איז גראדע רבי מאיר איינגעשטאַנען אין יענעם גאסטהויז. פארטאָג האָט אים דער בעל־אכסניה, ווי זיין שטייגער איז געווען, געוועקט פון שלאָף און אים געראָטן איצט אַרויספאָרן, און ער וועט אים באַגלייטן.

— אָ, איך מוז דאָ פארבלייבן — האָט ר' מאיר געזאָגט — איך דארף אָפּווארטן מיינעם א ברודער.

— וואו איז ער איצט? — האָט אים דער בעל־אכסניה געפרעגט.

— אין שול.

— ווי רופט מען אים?

— „כי טוב".

איז דער בעל־אכסניה אוועק אויפ'ן שול־הויף און געשריען:

— כי טוב, כי טוב!

אָבער קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן.

אז ס'איז געוואָרן ליכטיק, האָט ר' מאיר אָפּגעבונדן דעם אייזל און זיך געקליבן אין וועג.

— און וואו איז דיין ברודער? — פרעגט אים דער בעל־אכסניה.

— אָ, ער איז שוין דאָ, — האָט ר' מאיר געענטפערט — דאָס האָב איך געמיינט די ליכטיקייט, וועלכע גאָט רופט אָן „כי טוב" („וירא אלהים את האור כי טוב" — גאָט האָט געזען די ליכט, אז עס איז גוט).

ז.

ר׳ מאיר׳ס פרוי ברוריה.

1.

די זינד אָבער נישט די זינדיקע.

ר׳ מאיר׳ס ווייב ברוריה, רבי חנינא בן תרדיון׳ס טאָכטער, איז געווען א געלערנטע און קלוגע פרוי.

איינמאָל האָט ר׳ מאיר געוואוינט צווישן שלעכטע שכנים, וועלכע האָבן אים פארשאפט פילע שמערצן און אָנגעטאָן שלעכטס. זיי האבן אזוי פיל אים דערצערנט, ביז ער האָט אויף זיי געבעטן דעם טויט.

האָט צו אים געזאָגט זיין ווייב ברוריה:

— ניין, מיין מאן, נישט אויף די זינדיקע דארף מען בעטן זיי זאָלן אומקומען, נאָר די זינד, ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: „די זינד זאל אָפּגעטאָן ווערן פון דער וועלט". בעט גאָט, זיי זאָלן בעסער ווערן, און זיי זאלן בלייבן לעבן.

האָט ער אזוי געטאָן — און פון די שלעכטע שכנים זיינען געוואָרן גוטע און פרומע לייט...

2.

איר שטאַרקער כאַראַקטער.

איינמאָל, שבת פארנאכט, ווען ר׳ מאיר איז געזעסן אין בית המדרש און גע׳דרשט פאר׳ן עולם, זיינען ביי אים אין דער־היים פלוצלונג געשטארבן זיינע צוויי זין.

וואָס האָט די מוטער געטאָן? — זי האָט ביידן געלייגט אין איין בעט און איבערגעדעקט מיט א ליילאך.

שבת־צו־נאַכט איז רבי מאיר געקומען פון בית המדרש. פרעגט ער ביי זיין ווייב:

— וואו זיינען עםביידע קינדער?

— זיי זיינען אוועק אין בית המדרש. — האָט די מוטער געענטפערט.

— אין בית המדרש? — האָט ער זיך געוואונדערט — איך האָב זיך דאָרט גוט צוגעקוקט און זיי ניט געזען.

האָט זי אים אויף דעם גאָר ניט געענטפערט, נאָר דער־לאַנגט אים א כוס וויין, און ער האָט געמאכט הבדלה.

נאָך הבדלה פרעגט ר׳ מאיר ווידער:

— וואו זיינען די קינדער?

— זיי גייען אמאָל ערגעץ צו, זיי וועלן באלד קומען. — האָט זי אים רואיק געענטפערט און דערלאַנגט אים עסן.

נאָכ׳ן עסן רופט זי זיך אָפּ צו רבי מאיר׳ן:

— רבי, איך האָב ביי דיר צו פרעגן א שאלה. מיט א טאָג פריער האָט איינער באַ מיר איינגעלייגט א פקדון, (אַ זאַך, וועל־כע מען גיט צום היטן) און היינט קומט ער עס אָפּנעמען צוריק, דאַרף איך עס אים אָפּגעבן אָדער ניט?

— טאָכטער מיינע, וואס פאר א פראגע איז עס? יענעמס א זאַך דאַרף מען אים אָפּגעבן. — האָט ר׳ מאיר געענטפערט.

— דאָך אבער אָן דיין וויסן — האָט דאָס ווייב געזאָגט — האָב איך עס ניט געוואָלט אָפּגעבן.

און ביי די ווערטער האָט זי אים אָנגענומען ביי דער האַנט, אַרויפגעפירט אים אויפ׳ן אויבער־שטיבל, גלייך צוגעגאַנגען צום בעטל, און אָפּגעדעקט דעם ליילאַך.

ווי רבי מאיר האָט דערזען ביידע זין ליגן טויט אויפ׳ן בעטל, האָט ער אָנגעהויבן וויינען און שרייען:

— אוי, קינדער מיינע, רביים מיינע; מיינע קינדער — מיט אייער גוטע אויפפירונג, מיינע רביים — מיט אייער באלייכטן מיר די אויגן אין תורה.

— רבי, — האָט דאָס ווייב צו אים געזאָגט — דו האָסט דאָך מיר אליין נאָר וואס געזאָגט, אז א פקדון מוז מען אָפּגעבן דעם, וועמען עס געהערט. אונזערע קינדער זיינען אויך געווען אַ פקדון פון גאָט, „גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט גענומען, זאָל זיין נאָמען זיין געבענטשט."

ר׳ שמעון בן יוחאי

א.

איין מויל איז גענוג.

ר׳ שמעון בן יוחאי האָט אמאָל געזאָגט:

— ווען איך וואלט געשטאַנען אויפ׳ן באַרג סיני, וואלט איך געבעטן ביי גאָט, אז פון היינט אָן זאל ער באַשאַפן דעם מענטשן מיט צוויי מיילער, איינעם אויף צו לערנען תורה, און דעם אַנדערן — אויף אלע אנדערע באַדערפעענישן.

שפּעטער האָט ער חרטה געקראָגן און געזאָגט:

— אויב איצט, ווען א מענטש האָט נאָר איין מויל, רעדט ער אָן אזוי פיל רכילות און מסירות, וואס די וועלט קען ניט פאַרטראָגן, ווי וואלט שוין געווען, ווען דער מענטש זאל האָבן צוויי מיילער.

ב.

ר׳ שמעון באַפרייט די אידן פון א גזרה.

די רוימישע רעגירונג האָט איינמאָל ארויסגעלאָזט א גזרה אויף אידן, אז זיי זאלן ניט היטן שבת און ניט מל זיין די קינדער. איז געגאַנגען ר׳ ראובן בן איסטרובלי, און האָט ארומגעשוירן זיינע האָר פון פאָרנט און איבערגעלאָזט לאָקן פון הינטן, אויפ׳ן רוימישן שטייגער, זיך פאַרשטעלט פאַר א רוימער, און געוואָרן נאָענט באַקאַנט מיט די רוימישע רייכסלייט און מיט זיי אָפט געשמועסט.

אַזוי האָט ער מיט זיי איינמאָל פאַרפירט אַ שמועס וועגן אידן.

— ווי מיינט איר, — האָט ער געפרעגט די רוימער — וואס דאַרף מען ווינטשן אַ פיינט, ער זאָל ווערן רייכער אָדער אָרי־מער?

— געווים אָרימער, — האָבן זיי אים געענטפערט.

— אויב אזוי, דאַרף מען דאָך גראָדע זען, אַז די אידן זאָלן ניט אַרבעטן שבת, וועלן זיי ווייניקער פאַרדינען.

— דו ביסט גערעכט. — האָבן די רוימער איינגעשטימט, און געגרייט מבטל זיין די גזרה איבער שבת.

— איצט, — האָט ר׳ ראובן זיי ווידער געפרעגט — וואס דאַרף מען זוכן מאַכן אַ פיינט, שטאַרקער אָדער שוואַכער?

— געווים שוואַכער. — האָבן זיי געענטפערט.

— דאַרף מען דאָך לאָזן די אידן מל זיין זייערע קינדער צום אַכטן טאָג, וועלן זיי זיין שוואַך.

— ער האָט רעכט. — האָבן ווידער די רוימער מסכים גע־ווען, און געוואָלט אויך די גזרה איבער מילה אָרונטערנעמען.

אָבער באַלד האָבן זיי זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַ איד, און האָבן די גזרות געלאָזט שטיין.

האָבן די אידן געקלערט צווישן זיך, וועמען צו שיקן קיין רוים בעטן אָפּצורופן די גזרה, און עס איז געפאַלן זייער אויס־וואַל אויף ר׳ שמעון בן יוחאי, ווייל מיט אים פלעגן אָפט טרעפן נסים, און אַלס באַגלייטער צו אים האָט מען באַשטימט רבי אלעזר בן יוסי.

ווען זיי זיינען שוין געווען נאָענט פון רוים, איז זיי אויפן וועג אַנטקעגנגעקומען איינער פון די שדים, מיט׳ן נאָמען בן־תמליון, און צו זיי געזאָגט:

— ווילט איר, וועל איך מיט אייך גיין, און דורך מיר וועט קומען אייער הילף.

האָט זיך ר׳ שמעון צעוויינט און געזאָגט:

— אונזער עלטער זיידנס דינסט (הגר, די דינסט פון אברהם אבינו) איז יאָ ווערט געווען ביי גאָט, אַז אַ מלאך זאָל איר באַגעגענען דריי מאָל אין וועג, איך האָב אפילו דערצו איינמאָל אויך ניט די זכיה — זאָל זשע קומען דער נס דורך וועמען עס איז, אַבי די גזרה זאָל בטל ווערן, און ער האָט ערלויבט דעם שד ער זאָל זיי העלפן.

איז בן־תמליון געלאָפן פאָראויס און זיך אריינגעכאַפּט אין קעניגס טאָכטער. — איז די פרינצעסן געוואָרן קראַנק, אָנגעהויבן ריידן אומפארשטענדלאכע רייד, און קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס מיט איר איז. האָט גאַנץ רוים געקאָכט פון דער גרויסער געשעעניש מיט דער פרינצעסן און מען האָט געזוכט מיטלען ווי איר צו רעטן.

ווי ר׳ שמעון איז אָנגעקומען קיין רוים, האָט ער זיך גלייך אונטערגענומען ארויסצוטרייבן דעם דבוק פון דער קראַנקער פרינצעסן. ווען מען האָט אים געבראַכט צו דער קראַנקער אין צימער, האָט ר׳ שמעון אויסגערופן:

— בן־תמליון ארויס, בן־תמליון ארויס!

אַז דער שד האָט דערהערט ווי ר׳ שמעון רופט אים ביים נאָמען, איז ער באַלד ארויס פון איר און די בת־מלכה איז געזונט געוואָרן.

איז דער קיסר געווען גליקלאך מיט זיין הילף און געזאָגט צו ר׳ שמעון און ר׳ אלעזר:

— מיין שאַצקאַמער איז פאַר אייך אָפן. גייט אריין און נעמט וואָס אייער האַרץ געלוסט אלס אַ באַלוינונג פאַר אייער רעטן מיין טאָכטער.

זיינען זיי אריין אין שאצקאמער, אויפגעזוכט דאָרט די אויפגעשריבענע גזרה, איר צוגענומען און צעריסן.

און אזוי איז די גזרה בטל געוואָרן.

ג.

אין געיעג נאָך גאָלד.

איינער פון רבי שמעון׳ס תלמידים האָט זיך אוועקגעלאָזט קיין חוץ לארץ און זיך אומגעקערט פון דאָרט צוריק א רייכער מענטש. האָט ער ארויסגערופן קנאה ביי די איבעריקע תלמידים, און זיי אלע האבן אים געוואָלט נאָכטאָן, און זיך אויך לאָזן קיין חוץ לארץ.

האָט זיך דערפון דערוואוסט רבי שמעון, און ער האָט ארויס-געפירט אלע זיינע תלמידים צו א טאָל הינטער דער שטאָט מירון, און אליין זיך אוועקגעשטעלט און תפלה געטאָן צו גאָט:

— טאָל, טאָל! פיל זיך אָן מיט גאָלדענע רענדלאך!

האָט באלד דער טאָל אָנגעהויבן זיך אָנפילן מיט גאָלדענע רענדלאך פאר אלעמען אין די אויגן, און ר׳ שמעון האָט אויס-גערופן צו זיינע תלמידים:

— אויב איר ווילט גאָלד — דאָ האָט איר עס. נעמט גאָלד וויפיל אייער הארץ גלוסט; אָבער איר זאָלט וויסן, אז דאס נעמט איר אָפּ אייער חלק פון דער אמת׳ער וועלט, ווייל דער לוין פון תורה איז נאָר אויף יענער וועלט.

האָט קיינער פון די תלמידים זיך ניט צוגערירט צו דעם גאָלד, און מער ניט מקנא געווען דעם רייכן.

ר׳ שמעון בן יוחאי און זיין זון אלעזר

א.

זיי באהאלטן זיך אין א הייל.

איינמאָל זיינען געזעסן צוזאמען די תנאים רבי יהודה בן אילעאי, רבי יוסי, און רבי שמעון בן יוחאי און האבן געשמועסט. נעבן זיי איז געזעסן איינער יהודה בן גרים, א זון פון עלטערן גויים, וועלכע זיינען געוואָרן אידן. האָט רבי יהודה בן אילעאי געזאָגט:

— ווי שיין און נוצבאר זיינען די זאכן, וואס די רוימער האָבן אויפגעטאָן! זיי האבן איינגעפירט מערק, געלייגט בריקן, און אויסגעבויט בעדער.

האָט ר׳ יוסי געשוויגן, אבער רבי שמעון האָט זיך אָפגערופן און געזאָגט:

— זיי האבן טאקע אויפגעטאָן, אבער אלעס פאר זייער איי־גענעם געניס: מערק האָבן זיי געמאכט — צו באזעצן דאָרט אויסגעלאסענע פרויען; בעדער — אום צו וואוילטאָן זיך דאָרט; בריקן — צו נעמען פון זיי צינזן.

איז יהודה בן גרים געגאנגען און האָט דעם געשפרעך אי־בערדערציילט פאר אנדערע, און עס איז אזוי אָנגעקומען צו דער רעגירונג אין רוים. האָט מען פון רוים געשיקט דעם באפעל:

יהודה פאר זיין לויבן — זאָל ווערן דערהויבן; יוסי פאר׳ן שווייגן — אין דער שטאָט צפורי פארטרייבן; שמעון פאר זיינע שלעכטע רייד — זאָל באשטראָפט ווערן מיט טויט!

האָט זיך רבי שמעון דערפון דערוואוסט, און צוזאַמען מיט זיין זון אלעזר זיך באהאלטן אין בית המדרש. יעדן טאָג פלעגט זיין ווייב ברייגגען ברויט און א קריגל וואסער און זיי פלעגן עסן. שפּעטער האָט מען זיי אָנגעהויבן שטארק צו זוכן, און ר׳ שמעון האָט געזאָגט צו זיין זון:

— מיר טאָרן דאָ ניט פארבלייבן. מען קען נאָך פּייניגן דיין מוטער און זי וועט ניט אויסהאלטן די יסורים און ארויסגעבן, וואו מיר זיינען.

זיינען זיי אוועק פון בית המדרש און זיך באהאלטן אין א הייל, אין א טיפן וואלד. איז זיי געשען א נס, און ביי דעם הייל איז אויסגעוואקסן א באקסערבוים און א קוואל וואסער. האָבן זיי פארשטאַנען, אַז זיי וועלן דארפן זיין לאנג אין דעם הייל, און אָנגעהויבן שפּארן זייערע קליידער. דעם גאנצן טאָג פלעגן זיי זיצן הוילע, ארומגעשאָטן ביז׳ן האלז אין זאמד, און געלערנט תורה און נאָר צו די תפלות פלעגן זיי זיך איינהילן אין די קליי־דער און נאָכדעם זיי ווידער אויסטאָן.

אזוי האבן זיי פארבראכט אין הייל צוועלף יאָר, ביז עס איז געקומען אליהו הנביא, זיך געשטעלט ביים אַריינגאַנג פון הייל און אויסגעשריען.

— רבי שמעון בן יוחאי, דער קיסר פון רוים, איז טויט און זיין גזרה אויף דיר איז אַראָפּגענומען!

זיינען ר׳ שמעון בן יוחאי און זיין זון ארויס פון הייל און זיך געלאָזט גיין אהיים.

ב.

דער איבערגאנג פון א גייסטיקע אין אן איינפאכע וועלט.

די פילע יאָרן אין הייל, וואו ר׳ שמעון און אלעזר זיין זון, זיינען געזעסן און כסדר געלערנט, ווערנדיק געשפייזט פון בוים און קוואל, האָבן זיי זיך אָפּגעוואוינט פון דער לעבעדיקער וועלט און אירע באדערפעניש.

גייענדיק פון הייל אויפ׳ן וועג אהיים, זיינען זיי פאַרביי־געגאנגען פעלדער, וואו מענטשן האָבן געארבעט און געזייט. דערזעענדיק דאָס, האָט ר׳ שמעון אויסגערופן מיט כעס:

— מען פארלאָזט עס דאס אייביקע לעבן (די תורה) און מען באשעפטיקט זיך מיט זאכן, וואס זיינען נאָר צייטווייליק!

זיינען זיי געגאנגען, און אויף וואס נאָר זיי האבן געוואָרפן אַן אויג, איז עס פארברענט געוואָרן. האָט זיך געלאָזט הערן א שטימע פון הימל:

— אויף וואס זייט איר ארויס, חרוב צו מאכן מיין וועלט? גייט צוריק אין אייער הייל!

זיינען זיי אוועק צוריק אין הייל און דאָרט אָפּגעזעסן צוועלף חדשים. נאָכדעם האָבן זיי גענומען טענה׳ן:

— רבונו של עולם! די שטראף פון רשעים איז צוועלף חדשים אין גיהנם. שוין זשע זיינען מיר ערגער פון רשעים?

איז ארויס צוריק א שטימע פון הימל:

— אַרויס פון הייל!

זיינען זיי ארויס, און דעם מאָל האָט ר׳ שמעון שוין געקוקט אויף דער וועלט מיט א גוטע אויג, און ווען זיין זון אלעזר האָט זיך נאָך אלץ באקלאָגט, האָט ר׳ שמעון אים געטרייסט און גע־זאָגט:

— בארואיק זיך מיין זון. איך און דו זיינען גענוג פאר דער וועלט!

ווען זיי האבן זיך דערנענטערט צו זייער היים, איז שוין געווען ערב שבת, האָבן זיי געזען ווי אן אלטער מאן טראָגט צוויי בוקעטן שמעקעדיקע בלומען, און זיי האבן אים געפרעגט:

— צו וואס טראָגסטו דאָס?

— דאָס איז לכבוד שבת! — האָט דער אלטער זיי געענט־פערט אין איילעניש.

— זע, מיין זון, — האָט ר׳ שמעון געזאָגט צו אלעזר׳ן — ווי ביי אידן איז טייער און ליב א מצוה פון גאָט, ווי דער שבת.

איז ר׳ אלעזר שוין געווען צופרידן.

אַז זיי זיינען געקומען אהיים, האָט ר׳ פנחס בן יאיר, ר׳ שמעונ׳ס איידעם, זיי געפירט אין די ווארימע בעדער פון טבריה, זיי ארומצואוואשן און רייניקן. האָט ער געמערקט, ווי ר׳ שמעונ׳ס לייב איז פול מיט וואונדן און לעכער, און ער האָט זיך פארנאַנדערגעוויינט. זיינען די געזאלצענע טרערן געפאלן אויף די וואונדן און געשמערצט. און ר׳ שמעון האָט זיך געקארטשעט פון ווייטאָג.

— אז אָך און ווי איז מיר, וואס איך זע דיך אין אַזאַ צו־שטאַנד. — האָט ר׳ פנחס אויסגערופן מיט א טיפן קרעכץ.

— אָ, אז וואויל און גוט איז מיר — האָט ר׳ שמעון צוריק געענטפערט — וואָס דו זעסט מיך אין אַזאַ צושטאַנד! ווען דו זעסט מיך ניט אין אַזאַ לאגע, וואלט איך ניט געווען אזוי גרויס אין תורה, ווי איך בין איצט.

ג.

דער פארשטעלטער אלטער.

ר׳ אלעזר, שמעונ׳ס זון, איז אָנפאנגס געווען א טרעגער. איינמאָל איז צו אים געקומען אליהו הנביא פארשטעלט אין געשטאַלט פון אן אלטן מאן און צו אים געזאָגט:

— גרייט צו אן אייזל מיך אריבערצופירן.

— האָסט עפּעס שווערע משא? — האָט אים ר׳ אלעזר געפרעגט.

— מיין פּעקל און מיין מאנטל אין האנט, דאָס אלעס! — האָט דער אלטער געענטפערט.

האָט ר׳ אלעזר געלאַכט:

— איר זעט דעם אלטן? איך קען אים מיט זיין פּעקל אוועקטראָגן אויף מיינע פּלייצעס אין עק וועלט אריין, און ער בעט גאָר אַן אייזל.

— דיר ווילט זיך רייטן? — האָט ער זיך געווענדט צום אַלטן.

— יא, — האָט געענטפערט דער אלטער — ס׳איז מיר שווער צו גיין צו פוס.

האָט אים ר׳ אלעזר א נעם געטאָן אויף זיינע פּלייצעס און זיך געלאָזט מיט אים אין וועג אַריין. האָט ער אים געטראָגן באַרג אַרויף, בארג אראָפּ, טאָל אריין, טאָל ארויס, דורך פעלדער און דורך וועלדער, ביז ער האָט דערפילט, אַז עס איז אים געוואָרן שווער.

— ווילסט זיך אפשר אָפּרוען? — פרעגט דער אלטער.

— יא, — האָט ר׳ אלעזר געענטפערט. — דו לייגסט זיך אָן צו שווער.

איז דער אלטער אראָפּגעקראָכן פון אים, און זיי האבן זיך

ביידע געזעצט אונטער א בוים און דער אלטער האָט אים געגעבן פון זיין פעקל און זיי האבן געגעסן און געטרונקען.

נאָכ׳ן עסן, רופט זיך אָפּ דער אלטער:

— צו וואס זיך אזוי פלאָגן? איז דען נישט גלייכער צו טאָן דאָס, וואָס דער טאַטע?

— ווער וועט זיך מיט מיר אָפּגעבן צו לערנען, אפשר דו אַמאָל?

— יא, איך. — האָט דער אלטער געענטפערט.

און פון דאמאָלט אָן האָט אלעזר פלייסיק געלערנט ביים אַלטן. דרייצן יאָר נאָכאַנאַנד האָט אליהו מיט אים געלערנט, ביז ער האָט מיט אים דורכגעלערנט די גאנצע תורה.

דאמאָלט איז ר׳ אלעזר שוין געווען אזוי שוואך, אז ס׳איז אים געווען שווער צו טראָגן אפילו זיין אייגענעם מאנטל.

רבי פנחס בן יאיר

א.

פאסירונגען אין וועג.

ר׳ פנחס בן יאיר איז איינמאָל געגאַנגען אין וועג אויסצולייזן געפאנגענע אידן. איז ער אָנגעקומען ביז צו דעם טייך גינאַי, און אים ניט געקענט אריבער. רופט ער אוים צום טייך:

— גינאַי, גינאַי! שפּאַלט דיין וואסער און מאַך פאר מיר אַ וועג!

האָט דער טייך אים געענטפערט:

— פנחס, פנחס! דו גייסט אין אַ וועג צו דערפילן דעם ווילן פון דיין באַשעפער, און איך גיי מיין וועג, ערפילנדיק דעם ווילן פון מיין באשעפער; ביי דיר איז עס נאָך אַ צווייפל, אויב דו וועסט קענען דערפילן, און איך דערפיל עס שוין.

האָט פנחס ווידער געזאָגט:

— אויב דו שפּאַלטסט זיך ניט באלד — וועל איך גוזר זיין, אַז קיין וואסער זאל קיינמאָל אין דיר ניט פליסן.

האָט דער טייך זיך באלד געשפּאָלטן פאר אים, און ער איז אריבער.

איז אויף יענער זייט טייך געבליבן איינער, וואס האָט געטראָגן ווייץ אויף מצות צו פסח, האָט ר׳ פנחס באַפוילן דעם טייך:

— שפּאַלט זיך אויך פאר יענעם, ער באַשעפטיקט זיך מיט אַ מצוה זאך!

האָט דער טייך ווידער זיך געשפּאָלטן.

איז אָבער דאָרט פאַרבליבן נאָך א דריטער, אַן אַראָבער, וואָס איז מיט זיי מיטגעגאַנגען אין וועג, און ר׳ פּנחס האָט אויסגערופן:

— גינאַי, שפּאַלט זיך אויך פאַר דעם אַראָבער! מענטשן זאָלן ניט זאָגן „אַזוי באַהאַנדלט מען דאָס מיטרייזנדע?“

האָט דער טייך געשפּאָלטן זיינע וואַסערן אויך פאַר דעם אַראָבער.

ב.

די בהמה פון א צדיק.

רבי פּנחס איז אָנגעקומען אויף אַן אַכסניה און האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט. האָט מען דאָרט געגעבן זיין אייזל האָבער, אָבער דער אייזל האָט דאָס ניט געוואָלט עסן. האָט מען דעם האָבער איבערגעזיפּט, און דער אייזל האָט עס דאָך ניט געוואָלט פאַרזוכן. האָט מען דעם האָבער ווידער איבערגעקליבן און אויסגערייניקט פון זאַמד און שטיינדלאָך — אָבער דער אייזל האָט אַלץ ניט געוואָלט נעמען אין מויל, דאַן האָט ר׳ פּנחס געזאָגט צו די מענטשן אין אַכסניה:

— אפשר האָט איר נאָך קיין מעשר*) גענומען פון דעם האָבער?

האָט מען גענומען מעשר, און דאַן האָט דער אייזל עס געגעסן.

— אָט די אָרימע באַשעפעניש — האָט דאַמאָלט ר׳ פּנחס געזאָגט צו די אַכסניה לייט — גייט יעצט אין א מצוה־זאַך, און

---

*) מעשר — א צענטל, מען האָט ניט געטאָרט געניסן פון תבואה, ביז מען האָט געגעבן פון דעם א צענטל צו די לוים.

איר ווילט זי שפייזן מיט האָבער, וואס מען האָט פון דעם קיין מעשר ניט גענומען.

ג.

ביי וועמען מען טאָר ניט עסן.

רבי פנחס בן יאיר האָט זיך אויסגעהיט פון צו עסן ביי פרעמדע. ווען ער איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק, האָט ער אפילו באַ זיין פאטער ניט געגעסן.

ווען ר׳ פנחס, גייענדיק אין וועג, איז אָנגעקומען צו דעם אָרט פון ר׳ יהודה הנשיא, איז ר׳ יהודה ארויס אים אנטקעגן מקבל פנים זיין, און אים געבעטן:

— טו מיר מיין ווילן, און קום צו מיר אויף א מאָלצייט!

— רעכט, איך נעם אָן די איינלאדונג, — האָט ר׳ פנחס געענטפערט.

האָט זיך ר׳ יהודה זייער דערפרייט, און ר׳ פנחס האָט צו אים געזאָגט:

— דו וואונדערסט זיך? וואס האָסטו געמיינט, אז איך האָב זיך פארשוואָרן ניט צו געניסן פון א אידן? חלילה! אידן זיינען הייליק! נאָר עס זיינען דאָ אזעלכע, וואס ווילן געבן, און האָבן ניט וואס, אנדערע ווידער האָבן און ווילן ניט געבן, אבער דו — אי דו האָסט, אי דו ווילסט, וועל איך ביי דיר געוויס עסן. נאָר איצט בין איך אייליק אוועקצוגיין וועגן א מצוה זאך, אבער צוריקוועגס וועל איך געוויס ביי דיר זיך אָפשטעלן.

צוריקוועגס, ווען ער האָט זיך אָפגעשטעלט ביי ר׳ יהודה הנשיא, איז אים אויסגעקומען דורכצוגיין דורך א טיר פון א שטאָל, וואו עס זיינען געשטאַנען ווייסע מויל-אייזלען. אז ר׳ פנחס האָט דאָס דערזען, האָט ער אויסגערופן:

— וואָס? ער האלט דעם מלאך המות אין הויז, און איך וועל ביי אים עסן? (ווייסע מוילאייזלען זיינען געפערלאכע חיות, ווייל פון זייערן א בים מוז מען שטארבן.)

האָט עס דערהערט ר׳ יהודה און געזאָגט:

— איך וועל זיי פארקויפן!

— דו טאָרסט עס ניט טאָן — האָט ר׳ פנחס געזאָגט: — „פאר א בלינדן טאָר מען ניט געבן קיין שטרויכלונג“, און עס קען זיי קויפן א מענטש, וואס ווייסט ניט, אז זיי זיינען געפער־לאך.

— וועל איך זיי אָפּלאָזן אויף הפקר! (פריי פאר יעדן).

— נאָך ערגער, — האָט ר׳ פנחס געענטפערט — זיי וועלן דאמאָלט, אָן אויפפּאַסונג, ברענגען מער שאָדן.

— וועל איך זיי איבערשניידן די אָדערן פון די פים.

— ס׳איז א צער בעלי־חיים! — האָט ר׳ פנחס געזאָגט.

— וועל איך זיי טויטן!

— וועסטו עובר זיין אויף „בל תשחית“ (מען טאָר ניט אומ־ברענגען קיין זאך).

רבי יהודה איז דאָך צו אים צוגעשטאַנען, און אים געהאלטן אין איין בעטן, אז ער זאל אים נישט אָפּזאָגן, און זאל אריין מיט אים אין הויז עסן. איז מיטאמאָל, ווי זיי זיינען אזוי געשטאַנען איינער אנטקעגן דעם אנדערן, אויסגעוואקסן צווישן זיי א הויכער בארג.

האָט ר׳ יהודה זיך צעוויינט און געזאָגט:

— אויב ביים לעבן זיינען די צדיקים אזוי גרוים, ווי איז שוין מיט זיי נאָכ׳ן טויט.

ד.

נישט אַנגערירט קיין פרעמדעס.

ר׳ פּנחס בן יאיר האָט אמאָל געוואוינט אין א שטאָט אין דרום געגענט פון ארץ ישראל. זיינען דאָרט איינמאָל אראָפּגעקומען פון דער פרעמד צוויי אָרימע מענטשן זוכן פּרנסה. האָבן זיי אָפּגעלייגט באַ ר׳ פּנחס׳ן צוויי מאָס גערשטן. דערנאָך זיינען די צוויי פרעמדע אוועק און זייער ביסל גערשטן איז פארבליבן באַ ר׳ פּנחס׳ן. אז ס׳איז אריבער א לאנגע צייט און די מענטשן זיינען ניט געקומען, האָט ר׳ פּנחס די גערשטן פארזייט אויף זיינע פעלדער. ווען די תבואה איז צייטיק געוואָרן, האָט ער עס געלאָזט שניידן און אריינגענומען אין זיינע שייערן. צום קומענדיקן יאָר האָט ער די נייע תבואה ווידער פארזייט, און ווען עס איז אויסגעוואקסן, ווידער עס אָפּגעשניטן און איינגעזאמלט אין שייער. און אזוי האָט ער געטאָן, יאָר נאָך יאָר, מיט די נייע גערשטן, און די תבואה ניט גענוצט.

אין זיבן יאָר ארום זיינען געקומען די צוויי אָרימעלייט און געבעטן זייערע צוויי מעסטלאך גערשטן. האָט זיי ר׳ פּנחס אוועקגעפירט צו זיינע שייערן, זיי אָנגעוויזן אויף די גרויסע הויפנס מיט גערשטן, און צו זיי געזאָגט:

— דאָס וואָס איר זעט איז אלעס אייערע! ברענגט קעמלען און אייזלען און נעמט צו אייערע אוצרות.

———:———

רבי יהודה הנשיא (רבי)

א.

דער ערשטער נס ביים געבוירן.

ווען דאָס קינד יהודה, וואס איז שפּעטער אויסגעוואקסן און געוואָרן בארימט ביי אידן, מיט דעם נאָמען „רבי", איז געבאָרן געוואָרן צו זיין פאטער ר' שמעון בן גמליאל, האָט דאן געהערשט די רוימישע גזרה אויף אידן, זיי זאלן נים מל זיין זייערע קינ־דער. אָבער ר' שמעון האָט קיין רגע נים געצווייפלט, צי זאָל ער פארבויגן גאָטס פארזאָג, און פאָלגן די גזרה פון די רשעים, און ער האָט באלד מל געווען דאָס קינד.

האָט זיך דערפון דערוואוסט דער רוימישער האַר פון שטאָט, און געזאָגט צו רבי שמעון:

— כאָטש דו ביסט דער עלטסטער בא אידן, און איך דארף זיך פארהאלטן צו דיר מיט גרוים כבוד, דאָך קען איך נישט דיר לאָזן איבערטרעטן די גזרה פון מלך. וועל איך אָפּשיקן דיין פרוי און קינד קיין רוים צום קיסר, און זאָל ער טאָן מיט זיי, וואָס ער וויל.

האָט ער באלד אָפּגעשיקט דאָס ניי־געבוירענע קינד מיט זיין מוטער צום קעניג.

אויפ'ן וועג זיינען זיי פארפאָרן אויף נאכטלעגער צו א באַ־קאנטער פארנעמער רוימישער פאמיליע, מיט וועלכע זיי זיינען געווען גוטע פריינט. האָט געטראָפן, אז ביי דער מוטער פון יע־נער פאמיליע איז צו יענער צייט אויך געבאָרן געוואָרן א זון. אז די רוימערן האָט דערזען איר באליבטע פריינדין, דעם נשיא ר' שמעון בן גמליאל'ס פרוי, און זיך פון איר דערוואוסט די גאנ־

צע געשיכטע, אז מען פירט איר איצט א באשולדיקטע צום קע־ניג, האָט די רוימערן צו איר געזאָגט:

— איך האָב אן עצה, דו נעם מיין ניט־גע'מל'טע קינד מיט זיך און דיין קינד לאז איבער ביי מיר. אז דו וועסט גיין צוריק, וועלן מיר זיך איבערבייטן צוריק.

האָט זי איר געפאָלגט, און אוועק מיט דעם רוימישן ניט גע־מל'טן קינד צום קעניג.

האָט מען איר מיט'ן קינד געבראכט פאר'ן קעניג און מען האָט נאָכגעפאָרשט, און דערזען אז דאס קינד איז גאָר ניט גע־מל'ט. איז דער קיסר געוואָרן אין כעס און געהייסן יענעם האַר טויטן און דער מוטער מיט'ן קינד גיין בשלום אהיים.

ווען ר' יהודה'ס מוטער איז צוריקוועגס געקומען צו איר פריינדין און איר אָפּגעבראכט איר קינד, האָט יענע געזאָגט:

— וויבאלד דער אלמעכטיקער גאָט האָט אזוי געפירט, אז דיר און דיין זון זאל געשען א נס דורך מיר און מיין זון, זאָלן די צוויי קינדער בלייבן אייביקע, טרייע חברים.

ב.

רבי און אנטאנינוס.

דער רוימישער אינגל, וואס האָט געזויגן די ברוסט פון רבי'ס מוטער, האָט מען גערופן אנטאנינוס. שפּעטער איז ער אויסגעוואקסן און איז געוואָרן קיסר פון רוים. זיין מוטערס וואונש איז אבער מקוים געוואָרן, און ער איז געבליבן א טרייער פריינט פון רבי'ן אויף זיין גאנצן לעבן. ער איז אויך פארבליבן א הייסער אידנפריינט, אויף דעם האָט שוין אויף אים געהאַט די ווירקונג די מילך פון רבי'ס מוטער.

ווען רבי יהודה איז שוין געוואָרן נשיא, האָט אנטאנינוס

זיך אויפגעהאלטן אין א שטאָט אין ארץ ישראל, וועלכע ער האָט גערופן „רומי". און פון זיין הויז ביז רבי'ס הויז האָט זיך געצויגן א לאנגע הייל אונטער דר'ערד. ווען אנטאנינוס פלעגט וועלן מאכן רבי'ן א באזוך, פלעגט ער גיין דורך דיזן הייל.

יעדן טאָג פלעגט אנטאנינוס שיקן רבי'ן א זאק מיט גאָלד און פון אויבן איז געווען אָנגעשאָטן מעל, אום די דינער, וואָס פלעגן טראָגן דעם זאק, זאָלן ניט וויסן, אז אין דעם געפינט זיך גאָלד. רבי, וועלכער איז אליין געווען רייך, פלעגט ניט וועלן דאָס גאָלד און זאָגן:

— איך האָב גענוג אייגענע, וואס טויג מיר אזויפיל גאָלד?

אָבער אנטאנינוס פלעגט אים ענטפערן:

— באהאלט דאָס גאלד פאר דיינע אייניקלאך און אור־אייניקלאך. ניט אימער וועט אין רוים זיין אזא הערשער ווי איך, וועלן זיי האבן דאָס גאָלד מיט וואס צו צאָלן שטייערן.

אנטאנינוס פלעגט אויך וועלן פערזענלאך באדינען רבי'ן און פלעגט אים אליין דערלאנגען עסן און טרינקען. ווען רבי האָט געדארפט גיין שלאָפן, פלעגט אנטאנינוס זיך אוועקלייגן אויף דר'ערד, און בעטן רבי'ן, ער זאל אריבער איבער אים אין זיין בעט אריין.

פלעגט רבי ניט וועלן, אז דער קיסר זאל זיך פאר אים אזוי דערנידערן, אבער אנטאנינוס פלעגט זיך איינשפארן דאָס טאָן און זאָגן:

— הלואי זאָל איך אויך אין גן עדן זיין פאר דיר א קישן, דו זאָלסט ליגן אויף מיר.

ער האָט אלץ געפרעגט רבי'ן, צי וועט ער האָבן עולם הבא און רבי האָט אים פארזיכערט, אז ער וועט אויך זוכה זיין צו גן־עדן.

ג.

ווי רבי האָט אָנגעוואונקען זיין עצה.

אנטאנינוס האָט איינמאָל געשיקט א שליח צו רבין, אים פרעגן אן עצה:

— אזוי ווי די קעניגלאכע אוצרות ווערן אלץ וויניקער און וויניקער, ווי זאלן מיר זיי ווידער פול מאכן?

האָט רבי דעם שליח גאָר ניט געענטפערט, נאָר ער האָט אים גענומען און ארייַנגעפירט אין א גאָרטן, און דאָרט, איבער׳ן גאָרטן, איז רבי געגאנגען, געריסן גרויסע רעטיכער און אויף זייער אָרט איינגעפלאנצט קליינע רעטיכער. נאָכדעם האָט ער אויסגעריסן גרויסע בוריקעס און אויף זייער אָרט איינגעפלאנצט קליינע בוריקעס. נאָכדעם האָט ער ארויסגענומען גרויסע כריין־קעפּלאך און איינגעפלאנצט קליינע אויף זייער אָרט.

זעענדיק, אז רבי וויל אים גאָר נישט זאָגן, האָט דער שליח געבעטן:

— רבי, גיב מיר א בריוו.

— דו דארפסט ניט קיין בריוו! — האָט רבי געענטפערט.

דער שליח איז צוריקגעקומען צום מלך.

— האָט דיר רבי געגעבן א בריוו? — האָט אנטאנינוס געפרעגט דעם שליח.

— ניין. — האָט דער שליח געענטפערט.

— האָט ער דיר עפּעס געזאָגט?

— דאָס אויך ניט.

— האָט ער עפּעס געטאָן?

— יא, ער האָט מיך ארייַנגענומען אין א גאָרטן, געריסן גרויסע פלאנצן און איינגעפלאנצט קליינע אויף זייער אָרט.

— איצט פארשטיי איך, וואס ער האָט געמיינט.

און גלייך נאָכדעם האָט אנטאנינוס אראָפּגעזעצט זיינע אַל־טע הויכע באַמטע און אויף זייערע ערטער ארויפגעזעצט נייע, און זיי האָבן אַריינגעבראכט פרישע פארמעגנס אין קיסר׳ס אוצר.

ד.

וועלכע מתנה איז טייערער?

איינער, א פארנעמער רוימער, ארטבן, וועלכער איז געווען רבי׳ס א גוטער פריינט, האָט רבי׳ן איינמאָל געשיקט א מתנה טייערע פערל, און דערביי געבעטן, ער זאל אים אָפּשיקן צוריק צום אנדיינק אויך אזעלכע טייערע זאכן.

האָט אים רבי געשיקט א מזוזה.

האָט זיך דער רוימער שטארק געוואונדערט און געשיקט פרעגן רבי׳ן:

— וואָס זאָל עס באטייטן? איך האָב דיר געשיקט זאַכן נישט אָפּצושאצן, און דו שיקסט מיר צוריק א זאַך, וואס מען קען עס קויפן פאר א קליינע מטבע?

האָט אים רבי אָפּגעשיקט דעם דאָזיקן ענטפער:

— אלע אונזערע טייערסטע זאכן קען מען נישט פאר־גלייכן צו דיזער קליינער זאַך. נאָך מער, דו האָסט מיר געשיקט זאַכן, וועלכע איך דארף זיי היטן, אבער, איך האב דיר גע־שיקט א זאך, וועלכע וועט דיך אויסהיטן.

ח.

געלערנט פון זיין תלמיד.

איינמאָל איז אין ארץ ישראל געווען א הונגער. רבי, וועל־כער איז געווען זייער רייך, האָט געעפנט זיינע אָנגעלאָדענע שפייכלערס מיט תבואה און האָט אויסגערופן:

— זאָלן קומען און נעמען די וואס האבן געלערנט תנ"ך, אָדער משנה, אָדער גמרא, אבער די עמי הארץ, וואס קענען גאָר ניט לערנען, זאָלן ניט קומען.

האָט איינער פון זיינע תלמידים, יונתן בן עמרם, זיך פאר־שטעלט, מען זאָל אים ניט דערקענען, און זיך געלאָזט מעלדן צווישן די אָרימע לייט, וואס זיינען געקומען נאָך תבואה.

— רבי, שפייז מיך, — האָט יונתן געבעטן.

— קענסטו עטוואס לערנען, תורה אָדער משנה? — האָט רבי געפרעגט, און ניט דערקאנט זיין תלמיד.

— ניין, — האָט דער פארשטעלטער יונתן געענטפערט.

— אויב אזוי, — האָט רבי געפרעגט — פארוואס קומט דיר שפייזן?

— שפייז מיר ווי מען שפייזט א הונט אָדער א ראָב. — האָט יונתן געענטפערט.

האָט רבי אים געגעבן עסן.

שפעטער, אז יונתן איז ארוים א געשפייזטער, האָט רבי זיך זייער געערגערט און אויסגעשריען:

— ווי איז מיר, פון מיין ברויט האָב איך געגעבן צו אַן עם הארץ.

האָט שמעון, דער זון פון רבי, געזאָגט צו זיין פאָטער:

— אפשר איז עס גאָר געווען דיין תלמיד יונתן בן עמרם.

ער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט געניסן פון דער תורה, און האָט זיך דעריבער פּיליכט פאַרשטעלט פאַר אַן עם הארץ?

האָט מען נאָכגעזוכט און מען האָט אויסגעפונען, אז דאָס איז טאַקע געווען יונתן. האָט עם רבי׳ן געריכרט, און ער האָט אויסגערופן:

— פון היינט אָן, זאָלן אריינגיין, ווער ס׳וויל.

ז.

רבי׳ס קעסט-קינדער.

דרייצן ברידער זיינען זיי געווען. זיינען צוועלף פון זיי געשטאָרבן אָן קינדער, און ס׳איז פאַרבליבן איינער. זיינען די צוועלף אלמנות געקומען צו רבי׳ן און פאַרלאַנגט, אז דער פאַרבליבענער שוואָגער זאָל מיט זיי חתונה האָבן, ווי דער דין זאָגט (איינער וואָס שטאַרבט אָן קינדער דאַרף זיין ברודער מיבם זיין דער ווייב).

האָט רבי געשיקט רופן דעם יבם און אים געפרעגט, פאַרוואָס טוט ער ניט ווי דער דין הייסט.

— רבי, — האָט דער יבם געענטפערט — איך האָב ניט קיין מעגלאַכקייט אויסצוהאַלטן אַלעמען.

— מיר וועלן אליין — האָבן די ווייבער אויסגערופן — אויסהאַלטן דאָס הויז. יעדע פון אונז איין חודש אין יאָר.

— ווער וועט אבער אויסהאַלטן דאָס הויז אין דעם דרייצנטן חודש, אין אַן עבור-יאָר? — האָט דער שוואָגער געפרעגט.

— אין אַן עבור-יאָר וועל איך זיי שפּייזן א חודש. — האָט רבי אויסגערופן.

נאָכדעם האָט רבי זיי אַלעמען געבענטשט זיי זאָלן האָבן קינדער און זיי זיינען אוועקגעגאַנגען.

דריי יאָר שפּעטער זיינען די צוועלף פרויען געקומען צו רבי'ן, און יעדע איינע האָט מיטגעבראַכט צו דריי קינדערלאַך. די צוועלף מאַמעס מיט די זעקס און דרייסיק קינדערלאַך האָבן זיך אוועקגעשטעלט ביי רבי'ס הויז אין דרויסן. זיינען די דינער געקומען און געמעלדעט רבי'ן:

— אַ גאַנצער דאָרף מיט קינדער זיינען געקומען פרעגן, וואָס דו מאַכסט אין געזונט.

האָט רבי אַ קוק געטאָן פון פענסטער און דערזען זיינע געסט.

— וואָס פאַרלאַנגט איר? — האָט ער זיי געפרעגט.

— היי־יאָר האָבן מיר אַן עבור־יאָר — האָבן די געסט געענטפערט — זיינען מיר געקומען בעטן, אַז דו זאָלסט אונז שפּייזן דעם דרייצנטן חודש פון יאָר.

האָט רבי זיי געשפּייזט דעם גאַנצן חודש.

ז.

צער בעלי חיים.

רבי איז געווען אַ קראַנקער מענטש. זעקס יאָר האָט ער געליטן אויף שטיין קראַנקהייטן און זיבן יאָר אויף צאָנווייטאָק. און געקומען זיינען די יסורים אויף אים פאַר דעם, וואָס ער האָט ניט באַוויזן קיין רחמנות צו לעבעדיקע באַשעפענישן, און אַוועק זיינען די קראַנקהייטן, ווען ער האָט יאָ אָנגעהויבן אַרויסצייגן רחמנות צו בעלי־חיים.

די מעשה איז אַזוי געווען.

איינמאָל האָט מען אין גאַס פאַרביי רבי'ן דורכגעפירט אַ קעלבל צו דער שחיטה. האָט זיך דאָס קעלבל אַרויסגעריסן, צו־געלאָפן צו רבי'ן, אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אונטער דער פּאָלע

פון זיין מאנטל און פארגאנגען אין א רעווערדיקן געוויין, ווי זי וואָלט זיך בעטן „ראַטעוועט מיך!"

האָט רבי אָפּגעשטויסן דעם קאלב און געזאָגט:

— גיי, אויף דעם ביסטו באשאפן געוואָרן.

האָט מען אין הימל געזאָגט:

— וויבאלד ער האָט ניט קיין רחמנות — זאָלן אויף אים קומען יסורים!

און רבי איז באלד קראנק געוואָרן.

אין א צייט ארום האָט זיך געמאכט, אז רבי'ס דינסט האָט, קערנדיק דאָס הויז, דערזען ניי־געבוירענע קעצעלאך, האָט זי זיי געוואָלט ארויסווארפן אינדרויסן. האָט עס רבי דערזען און געזאָגט:

— לאָז זיי איבער, ס'איז געשריבן רחמנות אויף אלע זיינע באשעפענישן.

האָט מען אין הימל געזאָגט:

— וויבאלד אז ער האָט רחמנות — דארף מען אויף אים אויך רחמנות האָבן.

און ער איז געזונט געוואָרן.

ח.

די וועלט דארף נקבות ווי זכרים.

ביי ר' שמעון, רבי'ס זון, איז געבוירן געוואָרן א טאָכטער. האָט ער פון דעם געהאט גרויס פארדרוס. האָט אים רבי געטרייסט:

— א טאָכטער איז מזל'דיק, ווייל זי ברענגט קינדער אויף דער וועלט.

אָבער בר קפרא האָט אים געזאָגט:

— ניט קיין ריכטיקע טרייסט האָט דיר דיין פאָטער גע־טרייסט. מיר האָבן אנדערש געלערנט: די וועלט קען ניט אויס־קומען אָן זכרים און אָן נקבות, נאָר ווי איז צו דעם, וואס זיינע קינדער זיינען נקבות, און וואויל איז צו דעם, וואס זיינע קינדער זיינען זכרים. די וועלט קען ניט אויסקומען אָן דעם געווירץ־הענדלער און אָן דעם גארבער, דאָך ווי איז צו דעם, וועמעס פּראָפעסיע איז גארבעריי, און וואויל איז צו דעם, וועמעס פרנסה איז צו האנדלען מיט געווירצ'ן.

ט.

דער טויט פון רבי הקדוש.

פאר'ן טויט האָט רבי געהייסן אריינקומען זיינע קינדער און צו זיי געזאָגט:

— קינדער, איר זאָלט אָפּהיטן דעם כבוד פון אייער מוטער. א ליכט זאל ברענען אין מיין צימער ווי אימער, מיין טיש זאָל זיין אין אָרדענונג און מיין בעט אויסגעבעט. מיינע באדינער, וועלכע האָבן מיך באדינט ביים לעבן, זאלן מיך באדינען נאָכ'ן טויט.

דאן האָט ער גערופן די חכמי ישראל און צו זיי געזאָגט:

— איר זאָלט אויף מיר אין די שטעט קיין הספדים ניט מאכן און נאָך די דרייסיק טעג (שלשים) זאָלט איר צוריק נעמען זיך צו לערנען אין ישיבה.

דערביי האָט ער זיי אָנגעזאָגט וועמען פון זיינע קינדער זאָלן זיי מאכן פאר „חכם“ און וועמען פאר „נשיא“.

אַז עס איז געקומען דער לעצטער טאָג פון דער פטירה, האָבן די חכמים אויסגערופן א תענית און געבעטן גאָט פאר אים. זיי

האָבן אויך געזאָגט, אז ווער עס וועט ארויסברענגען פון מויל, אז „רבי איז געשטאָרבן", זאָל דערשטאָכן ווערן מיט א שווערד.

רבי'ס דינסט, וועלכע איז געווען געלערנט און פרום, איז אַרויף אויפ'ן אויבערשטיבל און האָט אזוי געזאָגט:

— די אונטערשטע (די מענטשן) ווילן האָבן רבי'ן ביי זיך, און די אויבערשטע (מלאכים) ווילן אים נעמען צו זיך; הלואי זאָלן די אונטערשטע בייקומען די אויבערשטע.

שפּעטער, זעענדיק, אז די יסורים פון צדיק זיינען צו גרויס, האָט זי אויסגערופן: „זאָלן שוין בעסער די אויבערשטע ביי-קומען די אונטערשטע.

די רבנן האָט דערוויל ניט אויפגעהערט צו בעטן, אז רבי זאָל געזונט ווערן. האָט די דינסט גענומען א קרוג און עס ארונ-טערגעוואָרפן פון דאַך. האָבן די רבנן פון גרויסן קלאַפּ זיך אי-בערגעשראָקן, און זיינען אויף א ווייל געבליבן שטיל. אין דעם אויגנבליק איז רבי נפטר געוואָרן פון זיינע יסורים אויף אייביק.

די רבנן, וואס זיינען געשטאַנען און אינדרויסן געוואַרט, האָבן געבעטן בר קפרא. ער זאָל אריינגיין אין הויז און זען, וואָס רבי מאכט. איז ער אריין און געפונען, אז רבי איז טויט. האָט ער געריסן „קריעה" און איז ארוים און געזאָגט צו די רבנן:

— די מלאכים פון אויבן און די צדיקים פון אונטן האָבן זיך געריסן פאַר'ן ארון קודש; האָבן די מלאכים באזיגט די צדיקים און צוגענומען דעם ארון קודש.

האָבן די רבנן אים געפרעגט:

— מיינסטו דערמיט צו זאָגן, אז רבי איז געשטאָרבן?

האָט בר קפרא געזאָגט:

— איר זאָגט עס, אבער איך האב עס פון מיין מויל ניט ארויסגעבראכט.

דערנאָך איז פאָרגעקומען רבי׳ס לויה. האָט א שטימע פון הימל אויסגערופן:

— ווער עס נעמט א טייל אין רבי׳ס לויה, וועט האָבן גן־עדן.

איז דאָרט געווען א וועשער, וואָס פלעגט יעדן טאָג קומען צו רבי אין הויז, אבער גראד צו דער לויה איז ער ניט געווען.

דערוויסנדיק זיך, וואס ער האָט פארלאָרן, איז ער פון גרויס צער ארויף אויף א דאך, און זיך אראָפּגעוואָרפן צום טויט. איז ארויס א בת קול און אויסגערופן:

— אויך דער וועשער, איז געזיכערט מיט עולם הבא.

רבי חיא

א.

אַ מיטל ווי איינצוהיטן די תורה.

רבי חנינא און רבי חיא האבן זיך אמאָל צעווערטלט. האָט ר׳ חנינא געזאָגט צו ר׳ חיא:

— מיט מיר קריגסטו זיך? ווייסטו דען ניט ווער איך בין? ווען אידן זאָלן חס ושלום פאַרגעסן די תורה, קען איך זי צוריק אויפלעבן מיט מיין שארפזין און קענטנים.

— און איך — האָט ר׳ חיא געענטפערט — וואָלט פארהיט אויף א בעסערן אופן די תורה זאל גאָר ניט פארגעסן ווערן: איך וואָלט פארזייט פלאקס, פון די פלאקס געמאכט נעצן און מיט זיי געפאנגען הירשן; מיט די הירשן-פלייש וואלט איך געשפייזט אָרימע יתומים און פון דער פעל אויסגעארבעט פאַרמעט, און אויף דעם פארמעט אָנגעשריבן די פינף חומשים פאר פינף תלמידים, און די זעקס סדרים משניות, פאר נאָך זעקס אַנדערע תלמידים, און יעדן איינעם פון זיי וואלט איך פאַרזאָגט צו אויס-לערנען אנדערע דאָס וואס ער קען. אזוי ארום וואלט די תורה קיינמאָל ניט פארגעסן געוואָרן פון אידן.

ב.

דער מזל דרייט זיך.

ר׳ חיא האָט אמאָל געזאָגט צו זיין פרוי:

— אז דו זעסט אן אָרימאַן קומען צו אונזער הויז, וואַרט ניט ביז ער וועט בעטן, נאָר טראָג אים ארויס ברויט אנטקעגן, אום מען זאָל דיינע קינדער אויך העלפן, איידער זיי וועלן בעטן.

— וואָס רעדסטו? — האָט די פרוי אויסגעשריען — דו שילסט גאָר דיינע אייגענע קינדער?

— אָ, מיין ווייב — האָט ר׳ חיא געענטפערט — מען קען צו דעם גאָר ניט העלפן. עס איז אזא רעדל, וואס דרייט זיך אויף דער וועלט, קיין מענטש ווייס ניט, ווער ס׳וועט זיין אויבן און ווער אונטן, און ווער ס׳האָט רחמנות אויף אנדערע מענטשן, האָט גאָט מיטלייד מיט אים.

רבי יוחנן און רבי שמעון בן לקיש
(ריש לקיש)

א.

תורה איז טייערער.

ר׳ יוחנן האָט אמאָל געשפּאַצירט פון טבריה ארויף קיין צפורי. איז ער געגאנגען אָנגעשפּארט אויפן אקסל פון זיין תלמיד ר׳ חיא בר אבא. פארבייגייענדיק א שטיק לאנד, האָט ר׳ יוחנן געזאָגט צו זיין תלמיד:

— דו זעסט דאָס שטיק לאנד? — ס'איז אמאָל געווען מיינס. איך האָב עס פארקויפט, ווייל איך האב געוואָלט זיך איבערגעבן איינגאנצן צו תורה.

דערנאָך זיינען זיי פארבייגעגאנגען א וועלדל פון אויל־בערטן.

— זעסט דאָס וואלד פון די אוילבערטן? — דאָס איז געווען מיינס. — האָט ר׳ יוחנן געזאָגט. — איך האָב עס פארקויפט, ווייל איך האָב זיך געוואָלט איבערגעבן צו תורה.

אין א ווייַלע ארום זיינען פארבייגעגאנגען א וויינגאָרטן.

— זעסט דעם וויינגאָרטן? — האָט ר׳ יוחנן געזאָגט — דאָס איז געווען מיינס. איך האָב עס פארקויפט, איך זאל זיך קענען איבערגעבן איינגאנצן צו תורה.

האָט ר׳ חיא אָנגעהויבן צו וויינען:

— רבי, — האָט ער וויינענדיק געזאָגט — פארוואס האָסטו זיך אויף דער עלטער גאָרנישט איבערגעלאָזט?

האָט ר׳ יוחנן צו אים געזאָגט:

— חיא מיין זון! איז עס ביי דיר גאָר ניט ווערט, וואס איך האָב פארקויפט זאכן, וואס זיינען באַשאַפן געוואָרן אין זעקס טעג, און איינגעקויפט אזא זאך, וואס איז באקומען געוואָרן נאָך פערציק טעג צייט. די גאנצע וועלט, ווייסטו דאָך, איז באַשאַפן געוואָרן אין זעקס טעג, אבער די תורה איז געגעבן געוואָרן אין פערציק טעג.

ב.

ריש לקיש׳ס גבורה.

ריש לקיש האָט זיך פאר נויט פארקויפט צו ווילדע. באלד אָבער איז ער דערגאנגען, אז ער איז גאָר ארייננעפאלן צו מענטשנפרעסער אין די הענט, און ביי זיי איז שוין באשטימט דער טאָג ווען אים צו טויטן. האָט ער געטראכט וועגן א מיטל ווי זיך צו רעטן, און איז איינגעפאלן אויף דיזע זאך:

אזוי ווי דעם לעצטן טאָג גיבן נאָך די ווילדע זייער קרבן אלע זיינע פארלאנגען, כדי זיין בלוט זאל זיין געשמאקער, וועט ער בעטן, אז יעדער איינער פון זיי זאל זיך לאָזן בינדן די הענט מיט די פיס און ער זאל יעדן געבן איין גרויסן קלאפּ און איין קליינעם קלאפּ מיט דעם קריגל, וואס ער טרינקט די וואסער פון אים.

דערביי האָט ער אין דער שטיל גענומען א שטיין און באַ־האלטן אינעווייניק אין קריגל.

ווען ס׳איז געקומען דער לעצטער טאָג, האָט ריש לקיש גע־זאָגט די ווילדע זיין פארלאנג, און זיי האָבן איינגעשטימט און זיך געלאָזט בינדן די הענט מיט די פיס.

דאן האָט ריש לקיש מיט׳ן קריגל דערלאנגט איינעם א

שטארקן קלאפּ, האָט יענער זיך אָנגעהויבן קאָרטשען פון ווייטאָג און קריצן מיט די ציין.

— דו לאכסט גאָר פון מיר, — האָט ריש לקיש געזאָגט — ווארט אוים, דיר קומט נאָך א קליינער קלאפּ.

האָט ער אים דערלאנגט נאָך א קליינעם קלאפּ, און יענער איז געפאלן טויט.

און אזוי ארום האָט ער אויסגע׳הרג׳עט ביז איינעם.

ג.

ריש לקיש׳ם לעבנס געשיכטע.

ריש לקיש איז געווען זייער א שטארקער און איז פריער געווען אן אָנפירער פון א באנדע רויבער. געבראכט צו דער תורה האָט אים ר׳ יוחנן, און ס׳איז געווען אזא מעשה:

איינמאָל האָט זיך ר׳ יוחנן געבאָדן אין ירדן. האָט אים דערזען ריש לקיש, וועלכער האָט זיך אויך געבאָדן אויפ׳ן זעלבן אָרט. די צוויי האָבן איינער דעם אנדערן א ווײַלע אָנגעקוקט און באטראכט.

— מיט דיין כח קען מען לערנען א סך תורה. — האָט ר׳ יוחנן געזאָגט צו ריש לקיש.

— און דיין שיינקייט פאסט זיך פאר פרויען. — האָט אים ריש לקיש געענטפערט.

— אויב דו וועסט זיך שטעלן אויפ׳ן רעכטן וועג, און אָנהויבן פירן אן אָרענטלאכן לעבן, וועל איך דיר געבן פאר א פרוי מיין שוועסטער, וועלכע איז נאָך שענער פון מיר. — האָט ר׳ יוחנן געזאָגט.

ריש לקיש האָט דעם פאָרשלאג אָנגענומען. האָט ר׳ יוחנן אים גענומען אהיים, מיט אים געלערנט תנ״ך און משנה און אים געמאכט פאר א גרויסן מענטשן, און אים געגעבן זיין שוועסטער פאר א פרוי.

ד.

דער לייב פון בבל.

אַז רב כהנא האָט געהאלטן ביים אוועקגיין פון בבל קיין ארץ ישראל, האָט אים זיין רבי רב אָנגעזאָגט, אז ער וועט קו־מען אין יוחנן׳ס ישיבה, זאל ער זיך זיבן יאָר איינהאלטן און ניט פרעגן ביי ר׳ יוחנן קיין קשיות.

אַז רבי כהנא איז אָנגעקומען אין ר׳ יוחנן׳ס בית-המדרש, האָט ער געטראָפן, ווי ריש לקיש לערנט איין מיט די תלמידים ר׳ יוחנן׳ס דרשה פון יענעם טאָג. רב כהנא האָט אים ניט גע־קענט און ער האָט געפרעגט די תלמידים, וואו איז דאָ ריש לקיש.

— וואָס דארפסטו אים? — האָבן אים די תלמידים גע־פרעגט.

— ס׳זיינען דאָ פיל זאכן אָפצופרעגן און פארענטפערן אויף די רייד פון רבי יוחנן. — האָט רבי כהנא געזאָגט.

האָבן די תלמידים אים געבראכט צו ריש לקיש, און רב כהנא האָט פאר אים געפרעגט זיינע קשיות און אליין זיי פאר־ענטפערט.

ריש לקיש איז געוואָרן איבערראשט פון רב כהנא׳ס גרויס־קייט אין לערנען, און איז אוועק צו ר׳ יוחנן און אים געזאָגט:

— א לייב איז געקומען פון בבל, צו מאָרגנדיקער דרשה דארפסטו גוט זיך צוגרייטן.

אויף מאָרגן, אז רב כהנא איז געקומען צו ר׳ יוחנן׳ס שעור, האָט מען אים אַוועקגעזעצט צווישן די בעסטע תלמידים און דער ערשטער פון די זיבן רייען תלמידים.

ר׳ יוחנן האָט גענומען זאָגן איין הלכה און רב כהנא האָט געשוויגן, האָט מען אים איבערגעזעצט נידעריקער אין דער זעקסטער רייע. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט נאָך תורה, און רב כהנא האָט ווידער ניט געפרעגט קיין קשיות, האָט מען אים איבער־געזעצט נאָך נידעריקער אין דער פינפטער רייע, און אזוי, אז ער האָט ביי ר׳ יוחנן׳ס ווייטערדיקע תורה אלץ געשוויגן, האָט מען אים אָפּגערוקט ווייטער און ווייטער ביז דער לעצטער רייע, צווישן די שוואכסטע תלמידים.

נאָכדעם האָט ר׳ יוחנן געזאָגט צו ריש לקיש:

— פון דיין לייב האָט זיך גאָר אויסגעלאָזן א פוקס.

האָט רב כהנא׳ן פאַרדראָסן די באַליידיגונג און ער האָט געבעטן גאָט, זאָגנדיק:

— רבונו של עולם! זאָלן מיר די זיבן רייען פאַררעכנט ווערן פאַר זיבן יאָר שווייגן, וואס מיין רבי האָט מיר פאַרזאָגט, און איך זאָל קענען פרעגן רבי יוחנן.

גלייך דארויף איז רב כהנא אויפגעשטאַנען פון דער לעצ־טער רייע, צוגעגאַנגען צו ר׳ יוחנן און געזאָגט:

— זאָל דער רבי איבערזאָגן פון אָנפאַנג.

האָט ר׳ יוחנן גענומען זאָגן איין הלכה און רב כהנא פרעגט אים א קשיא, געזאָגט נאָך איינע, און רב כהנא פרעגט ווידער. האָט ר׳ יוחנן געהייסן ביי יעדער פראַגע איבערזעצן רב כהנא׳ן אַלץ העכער, ביז ער איז אינגיכן צוריק געזעסן אין דער ערשטער רייע. אָבער אויך דאָרט האָט ער ניט אָפּגעלאָזט און אַלץ גע־פרעגט ר׳ יוחנן. ער, ר׳ יוחנן, איז געזעסן אויף זיבן קישנס, און ביי יעדער קשיא האָט ר׳ יוחנן ארויסגענומען א קישן פון אונטער

זיך, ביז אינגיכן איז עו׳ געבליבן זיצן צוגלייך מיט אלע תלמידים אויף דער ערד.

האָט רבי יוחנן שוין אנערקענט רב כהנא׳ס גרויסקייט און אים געפרעגט, וועלכע הארבע זאך ער האָט נאָר געהאט.

ה.

די פאָלגן פון אן איבעררייד.

ווען ריש לקיש איז שוין געוואָרן א גרויסער מענטש אין תורה, האָט ער איינמאָל געהאט א וכוח מיט ר׳ יוחנן וועגן א דין.

ס׳האָט זיך געהאנדלט וועגן דער פראגע, פון וואָסער צייט ווערן שארפע כלים, ווי א שווערד, א מעסער, א שפיז, א שנייד־מעסער אָדער א סערפּ גערעכנט ווי פארטיק, זיי זאָלען קענען אָננעמען אויף זיך טומאה, (אומריינקייט) ווי יעדע פאַרטיקע כלי. (ווייל ניט קיין פארטיקע כלי נעמט נישט אָן קיין אומריינ־קייט, עס זאל זיך אפילו אָנרירן אָן א טמא׳דיקע זאך אליין).

האָט ר׳ יוחנן אויף דעם געזאָגט, אז ווי נאָר מען גליט אוים דעם מעסער אין אויוון איז ער שוין פארטיק, און ריש לקיש האָט געהאלטן, אז ערשט ווען מען לעשט עס אָפּ אין וואסער, ווערט עס א פארטיקע כלי.

האָט עס ר׳ יוחנ׳ען פארדראָסן, וואס ריש לקיש זוכט אים איבערצושפארן און האָט א זאָג געטאָן:

— א רויבער ווייס זיך בעסער אויף זיינע געצייג.

האָט ריש לקיש ניט געוואָלט פארטראָגן די באליידיגונג און אָפּגעענטפערט:

— וואָס פאר א טובה האָסטו מיר געטאָן? דאָרט האָט מען מיך גערופן רבי, און דאָ רופט מען מיך רבי.

— אָ, האָט ר׳ יוחנן מיט כעס גענטפערט — איך האָב דיר געטאָן א גרויסע טובה, ברייננענדיק דיר אונטער די פליגלען פון דער שכינה.

באַלד נאָכדעם איז ריש לקיש קראנק געוואָרן און געהאלטן ביים שטארבן. איז ריש לקיש׳ס פרוי געקומען צולויפן צו איר ברודער ר׳ יוחנן, און מיט געוויין געבעטן, ער זאל ראטעווען איר מאן, זי זאל ניט בלייבן קיין אלמנה און אירע קינדער יתומים, האָט איר ר׳ יוחנן געענטפערט מיט א פסוק פון ירמיה הנביא (מט):

— לאָז איבער דיינע יתומים צו מיר און איך וועל זיי דער־נערן, און דיינע אלמנות זאָלן זיך אויף מיר פארלאָזן.

און ריש לקיש איז געשטאָרבן.

נאָך זיין טויט האָט ר׳ יוחנן חרטה באקומען און זיך שטארק גענומען צום הארצן. ער האָט אויף זיך געריסן די קליידער און כסדר געשריען:

— וואו ביסטו ריש לקיש? וואו ביסטו ריש לקיש?

ער האָט ניט געוואָלט אָננעמען קיין טרייסט און איז אזוי געשטארבן אין גרויסע יסורים.

———:———

אגדות וועגן גוטע מדות

צדקה און גוטהארציקייט.

א.

מר עוקבא דער גרויסער בעל צדקה.

מר עוקבא האָט אין זיין נאכבארשאפט געהאט אַן אָרימאַן, וועלכער האָט ניט געהאט פון וואס צו לעבן. פלעגט מר עוקבא יעדן טאָג אריינוואַרפן דעם אָרימאַן אין א לאָך פון זיין טיר פיר גילדן, אום דער אָרימאַן זאָל ניט וויסן, פון וועמען דאָס געלט קומט און ער זאָל זיך ניט דאַרפן שעמען פאר לייטן.

דער אָרימאַן, געפינענדיק אלע טאג די פיר גילדן, איז גע־וואָרן נייגעריק צו וויסן, ווער ס'איז זיין בעל־טובה און האָט באשלאָסן צו שטיין ביים טיר און נאָכשפירן.

יענעם טאָג, ווען מר עוקבא איז געגאנגען אַריינוואַרפן די פיר גילדן, איז מיט אים אויך מיטגעגאנגען זיין פרוי. זיי האָבן גע־נומען אריינוואַרפן דאָס געלט, ערשט זיי האבן באמערקט, ווי דער אָרימאַן קוקט זיי נאָך. האָבן זיי אָנגעהויבן אנטלויפן, און דער אָרימאַן נאָך זיי. זיינען זיי אזוי געלאָפן ביז זיי זיינען אָנגעקומען צו א גרויסן אויוון מיט פייערדיקע קוילן. האָבן מר עוקבא און זיין פרוי אריינגעשפרונגען אין אויוון און מר עוקבא האָט צעברענט זיינע פיס, אבער מר עוקבא'ס פרוי האָט דאָס פייער ניט געשאדט, און זי האָט געזאָגט צו איר מאַן:

— שטעל ארויף דיינע פיס אויף מיינע, וועט דאס פייער צו דיר ניט צוקומען.

— און דיר ברענט גאָר ניט דאָס פייער? — האָט מר עוקבא געפרעגט דער ווייב — מיט וואס איז דיין זכות גרעסער פון מיינעם?

— דאָס איז דערפאר — האָט דאָס ווייב געענטפערט — ווייל איך גיב דעם אָרימאַן פארטיקע שפייז, אבער דו גיסט נאָר געלט, און דער אָרימאַן דארף נאָך ערשט זוכן איינצוקויפן דאָס שפייז.

ב.

ווען מען איז געוואוינט צו בעסער.

נאָך אן אָרימען שכן האָט מר עוקבא געהאט, וועמען ער פלעגט יעדן ערב יום כפור אריינשיקן פיר הונדערט גילדן אויף אַמאָל.

איינמאָל האָט ער דאָס געלט געשיקט דורך זיין זון, איז דער זון באלד צוריקגעקומען און געזאָגט דעם פאטער:

— דער שכן דארף שוין מער ניט קיין שטיצע.

— וואָס האָסטו דאָרט אזוינס געזען? — האָט מר עוקבא געפרעגט.

— איך האָב געזען — האָט דער זון געענטפערט — ווי מען האָט ביי אים געטרונקען אלטן ווייַן.

— אָ, אויב אזוי — האָט מר עוקבא געזאָגט — איז דאָך דער שכן געוואוינט צו לעבן אין לוקסוס, דארף ער מער האָבן, וועל איך דיר געבן א דאָפלטע סומע, און טראָג אים גלייך אוועק.

ג.

וויפיל מען דארף „צידה לדרך".

אז מר עוקבא האָט געהאלטן ביים שטארבן, האָט ער גע־הייסן, אז מען זאָל אים ברענגען די ביכער אין וועלכע עס זיינען

געווען פארשריבן די געלדער, וואס ער האָט אויסגעטיילט אויף צדקה.

אַז ער האָט אויפגערעכנט צוזאמען, האָט ער אויסגעפונען, אַז צוזאמען האָט עס באטראָפן זיבן טויזנט רענדלאך.

— אָ, — האָט מר עוקבא געזאָגט — דאָס איז צו ווינציק צידה לדרך (פּראָוויאנט) פאר אַזאַ ווייטן וועג. מען דאַרף אָנגרייטן מער.

און ער האָט גענומען און אָפּגעשריבן א גאַנצע העלפט פון זיין פארמעגן אויף צדקה, און דערנאָך געשטאָרבן מיט א רואיק הארץ.

ד.

דער שכר פון צדקה.

ר׳ אליעזר, ר׳ יהושע און ר׳ עקיבא זיינען געפאָרן אין א שטאָט ביים ים, אין אנטוכיא, צו זאמלען געלט פאר אָרימע לומדים. האָט זיך דאָרט געפונען איינער א מאן מיט׳ן נאָמען אבא יהודה און ער האָט ליב געהאט צו געבן צדקה. איינמאָל האָט אים אן אומגליק געטראָפן, ער האָט פארלאָרן זיין גרויסן פארמעגן און איז געוואָרן א יורד.

אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז די גרויסע אידישע חכמים זיינען געקומען אין שטאָט זאמלען געלט, האָט דער פעראָרימטער אבא יהודה זיך געשעמט צו צייגן פאר זיי און ער איז געקומען אהיים זיך פון זיי באהאלטן. זיין פרוי האָט באמערקט, אַז ער זעט אוים אזוי ווי ער וואלט קראנק געוואָרן, האָט זי אים געפרעגט:

— ווארום זעסטו אוים אזוי שלעכט?

האָט אבא יהודה געענטפערט:

— די גרויסע אידישע לערער זיינען דאָ און איך האָב ניט וואָס זיי צו געבן.

האָט זיין פרוי, וועלכע איז געווען נאָך א גרעסערע צדקות ווי ער, געזאָגט:

— ביי אונז איז נאָך פאַרבליבן איין שטיק פעלד. גיי און פאַרקויף א העלפט און גיב זיי דאָס געלט.

אבא יהודה האָט אזוי געטאָן. ער האָט פאַרקויפט א העלפט פון זיין לעצטע פעלד און האָט דאָס געלט אָפּגעגעבן צו די צדקה שלוחים. האָבן אים די אידישע לערער אזוי געבענשט: „זאָל דער אויבערשטער גוט מאכן דיין שאָדן".

נאָכדעם ווי די שלוחים זיינען אוועק, איז אבא יהודה גע־גאנגען אקערן די האלבע פעלד וואס עס איז אים פאַרבליבן. האָט געטראָפן, אז בעת זיין קו האָט געשלעפּט די סאָכע איז זי פּלוצ־לונג געפאלן און האָט זיך צעבראָכן א פוס. ווען ער האָט זיך איינגעבויגן זי אויפצוהויבן, האָט אים גאָט ליכטיק געמאכט זיינע אויגן און ער האָט געפונען אן אוצר. האָט ער געזאָגט: „פון מיין גליק ווענן האָט די קו זיך נעבאך צעבראָכן א פוס!"

א צייט שפּעטער, אז די צדקה שלוחים זיינען ווידער גע־קומען אין דער שטאָט, האָבן זיי זיך אויף אים נאָכגעפרעגט:

— וואָס טוט עפּעס אבא יהודה?

האָבן די שטאָטיקע זיי געענטפערט:

— ווער קען דאָס אזוי לייכט צוקומען און אים זען? עפּעס אַ קלייניקייט אבא יהודה! אבא יהודה האָט אָקסן, אבא יהודה האָט קעמלען, אבא יהודה האָט אייזלען!

און אזוי איז טאקע געווען. אבא יהודה איז ווידער געוואָרן נאָך רייכער ווי געווען.

ווען אבא יהודה האָט זיך דערוואוסט, אז די צדקה שלוחים

זיינען ווידער דאָ, איז ער געקומען זיי געבן שלום. האָבן זיי אים געפרעגט:

— וואָס מאכט אבא יהודה?

האָט ער זיי געענטפערט:

— אייער ברכה איז מקוים געוואָרן מיט פּראָצענט און מיט פּראָצענט אויף פּראָצענט.

האָבן זיי צו אים געזאָגט:

אָבוואָל, יענעם מאָל, אז מיר זיינען דאָ געווען, האָבן אַנדערע געגעבן גרעסערע נדבות פון דיר, דאָך האבן מיר דיך אַוועקגעשטעלט אויפ'ן צעטל גאנץ אויבען, און גאָט האָט דיך דערפאר געבענטשט.

ח.

קאַרג פאר זיך, ניט פאר צדקה.

איינמאָל האָט מען געדארפט האָבן געלט פאר אָרימע תלמידים, וואס האבן געלערנט אין דער ישיבה, האָבן די אידישע געלערטע ארויסגעשיקט ר' עקיבא מיט נאָך איינעם פון די חכמים צו קלייבן נדבות. ווי זייער שטייגער איז אימער געווען, זיינען זיי צוערשט געגאנגען צו א רייכן מאן מיט'ן נאָמען ברבוחין. ווען זיי זיינען שוין געווען ביי דער טיר פון דער הויז, האָבן זיי געהערט ווי די קינדער פון ברבוחין פרעגן זייער פאָטער:

— פאָטער, וואס זאָלן מיר היינט קויפן צום עסן?

האָט זיי דער פאָטער געענטפערט:

— קויפט תרוכסמין (אזא ביליקע פרוכט) אָבער קויפט ניט פון די וואס מען האָט היינט געבראכט אין מאַרק, נאָר פון נעכטיקע, וועלכע זיינען שוין ווייך געוואָרן און זיינען ביליקער.

ווען די צוויי צדקה שלוחים האָבן געהערט אַזעלכע רייד, האָבן זיי געזאָגט:

— צו וואָס זאָלן מיר גיין צו אים, ווען ער איז אַזוי קאַרג געוואָרן און זוכט שוין איינצושפּאָרן אויפ׳ן עסן?

זיינען זיי אַוועק ווייטער איבער׳ן שטאָט, און צו אים ניט אַריין.

נאָכדעם, ווי זיי האָבן שוין באַזוכט אַלע בעלי בתים פון דער שטאָט, האָבן די צוויי שלוחים זיך באַדענקט, אפשר זאָלן זיי דאָך אַריינגיין צו דעם ברבוהין. און ווען זיי זיינען אַריינגעקומען, האָט ער זיי געפרעגט:

— וואָרום האָט איר מיך דאָס היינטיקע מאָל געלאָזט אויף צולעצט? איר פלעגט דאָך אימער קומען צו מיר צוערשט?

— מיר האָבן געהערט וואָס דו האָסט גערעדט מיט דיינע קינדער — האָבן די שלוחים געענטפערט. — מיר האָבן געהערט ווי זיי האָבן דיך געפרעגט וואָס זיי זאָלן קויפן צו עסן און דו האָסט זיי געהייסן קויפן אַ ביליקע פּרוכט, און דווקא ניט קיין פרישע, ווייל עס קאָסט ביליקער. זעענדיק, אַז דו ביזט אַזוי קאַרג געוואָרן, האָבן מיר געדענקט, אַז עס לוינט זיך ניט צו דיר אַריינצוקומען.

— פון דעם וואָס איך האָב גערעדט מיט מיינע קינדער, ווייסט איר נאָר, אַז איך בין קאַרג געוואָרן צו זיך און צו מיין פאַמיליע — האָט ברבוהין געזאָגט — אָבער איר קענט דאָך ניט וויסן ווי איך פאַרהאַלט זיך צו צדקה. פאַר דעם בין איך גראָדע ניט קאַרג. גייט צו מיין פרוי און זאָגט איר, אַז איך האָב געהייסן אייך געבן אַ מעסטל מיט רענדלאַך.

די שלוחים זיינען געגאַנגען צו זיין פרוי און איר איבערגעגעבן איר מאַנ׳ס באַפעל.

— וואָס פאר א מעסטל האָט ער געהייסן געבן? א פולע אָדער א קארגע? — האָט די פרוי געפרעגט.

— מיר ווייסן ניט. ער האָט אונז געזאָגט סתם א מעסטל — האָבן די שלוחים געענטפערט.

— איך וועל אייך געבן א פולע מעסטל — האָט די פרוי געזאָגט. — און טאָמער האָב איך געמאכט א טעות און ער האָט געמיינט א קארגע, מעסטל, וועט ער דעם שאָדן קענען ארונטער רעכענען פון מיין כתובה.

אַז די צוויי שלוחים האבן באקומען די שיינע נדבה, זיינען זיי ארײן צום מאן אים אָפּדאנקען.

— זאָגט מיר, — האָט ברבוהין געפרעגט — וואָס פאר א מעסטל האָט אייך מיין פרוי געגעבן? א פולע אָדער א קארגע?

— א פולע, — האָבן די שלוחים געענטפערט. — נאָר אויב זי האָט אונז געגעבן צופיל, איז זי גרייט גוט צו מאכן דעם שאָדן פון איר כתובה.

ווען ער האָט דאָס געהערט, איז ער געגאנגען און האָט זיין ווייב'ס כתובה פארדאָפּלט.

ו.

זיך פאראָרימט צוליב צדקה.

אליעזר פון ברתותא איז געווען א גרויסער בעל צדקה. וואָס ער האָט געהאט, פלעגט ער אוועקגעבן צו אָרימע לייט. די גבאים וואָס פלעגן ארומגיין קלייבן געלט אויף צדקה, פלעגן ניט קענען צוזען ווי ער פאראָרימט זיך אליין צוליב אנדערע, און זיי פלעגן זוכן אים אויסצומיידן, אויב זיי האבן געקענט.

איינמאָל איז אליעזר געגאנגען אין מארק איינקויפן חתונה־קליידער פאר זיין טאָכטער, וועלכע האָט געדארפט חתונה

האָבן. האָבן די גבאים אים דערזען און געזוכט זיך באַהאַלטן פון אים. ער האָט זיי אבער פריער געזען, האָט ער זיי נאָכגעיאָגט ביז ער האָט זיי געפונען, און צו זיי געזאָגט:

— איך באַשווער אייך, איר מוזט מיר זאָגן, אויף וואָס איר קלייבט די געלט?

האָבן זיי אים געענטפערט:

— מיר קלייבן פאַר אַ יתום און יתומה, וואָס דאַרפן חתונה האָבן.

האָט ער זיי אוועקגעגעבן זיין גאַנצע געלט און האָט געזאָגט:

— איך שווער אייך, זיי זיינען בילכער פון מיין טאָכטער. זיי זיינען יתומים און מיין טאָכטער האָט עלטערן.

די גבאים האָבן געמוזט אָננעמען זיין נדבה, אבער אַז זיי האָבן איבערגעציילט דאָס געלט, האָבן זיי געזען, אַז זיי האָבן שוין אַ גילדן צופיל, האָבן זיי אים דעם גילדן צוריקגעגעבן. אליעזר האָט גענומען דעם גילדן, האָט פאַר דעם געקויפט ווייץ און אַריינגעטראָגן אין זיין שפּייכלער, נאָכדעם איז ער אוועק אין בית המדרש לערנען.

זיין פרוי, וועלכע איז געווען ערגעץ אוועקגעגאַנגען, איז שפּעטער געקומען אַהיים און האָט געפרעגט איר טאָכטער:

— וואָס האָט דער פאָטער געבראַכט?

האָט די טאָכטער געענטפערט:

— ער האָט עפּעס געבראַכט און באַהאַלטן אין שפּייכלער.

איז די פרוי געוואָרן נייגעריק צו וויסן וואָס איר מאַן האָט געבראַכט, האָט זי גענומען דעם שליסל און געעפנט די טיר, האָט זי געזען אַז דער שפּייכלער איז פול מיט ווייץ און די ווייץ שיט זיך אַריבער די טיר, און צוליב דעם האָט מען די טיר קוים געקענט עפענען. איז זי אוועקגעלאָפן אין בית־

המדרש מיט גרויס שמחה און האָט געזאָגט צו איר מאַן:
— קום, זע וואס דער ליבער גאָט האָט דיר געטאָן!
און זי האָט אים דערציילט פון דעם גרויסן נס. האָט ער איר געענטפערט:
— איך שווער דיר, אז די ווייץ איז ניט אונזערע. דאָס געהערט צו אָרימע לייט. פאר זיי האָט גאָט דעם נס געטאָן, און דו קענסט בלויז האבן א חלק אין דעם גלייך מיט זיי.
און ער האָט א גרעסערן טייל צעטיילט פאר אָרימע לייט.

ז.

געגעבן אָדער גענומען.

אין ירושלים האָט אמאָל געלעבט א פרומער מאַן יוסף בן יועזר. האָט ער געהאט א זון שמעון, וועלכער איז ניט געווען אַזוי פרום ווי ער. האָט דער פאָטער, וועלכער איז געווען א רייכער מאַן, געזאָגט: „איך וועל מיין פארמעגן ניט איבערלאָזן צו מיין זון". און ער האָט גענומען זיין קאַסטן געלט און האָט עס אַריינגעטראָגן אין בית המקדש.
ווען דער זון, שמעון, האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער אוועק פון זיין פאָטערס הויז און האָט חתונה געהאט מיט דער טאָכטער פון דעם קעניגס גאָלדשמיד.
איינמאָל האָט שמעון געקויפט א פיש און האָט עס געבראכט אהיים. ווען זיין פרוי האָט דעם פיש אויפגעשניטן, האָט זי אין אים געפונען א פערל.
— זע מיין מאַן, וואס פאר א טייערער פערל דאס איז! — האָט זי געזאָגט.
— איך וועל מיט דעם גיין צום קעניג — האָט שמעון געזאָגט — און דער קעניג וועט עס ביי מיר אָפקויפן.

— גיי ניט צום קעניג, — האָט די פרוי געזאָגט — דער קעניג וועט דיר דערפאר פיל ניט געבן, און דו וועסט מוזן נעמען פון אים א קלייניקייט. גיי בעסער אין בית המקדש צו די פאַרוואלטער. זיי דארפן דאָס האָבן פאר דעם כהן גדול׳ס אורים ותומים. אָבער געדענק, זאָלסט ניט זאָגן קיין פרייז. זאָלן זיי אליין אָפּשאצן וואס דאָס איז ווערט. זיי וועלן דיר פילייכט געבן מער ווי דו קענסט דענקען צו בעטן.

שמעון האָט געפאָלגט און איז מיט דעם פערל אוועק צו די פאַרוואלטער פון דער קאסע אין בית המקדש. זיי האבן גענומען דעם פערל אָפּשאצען און האָבן געזאָגט:

— דער פערל איז ווערט דרייצן קאסטנס מיט גאָלד. אבער מיר קענען אים ניט קויפן.

— ווארום? — האָט שמעון געפרעגט.

— ווייל מיר האָבן ניט אזוי פיל גאָלד. אין דער קאסע זיינען דאָ בלויז זיבן קאסטנס מיט גאָלד. און וואו זאָלן מיר נעמען די איבעריקע זעקס?

ווען שמעון האָט פון דעם דערהערט, האָט ער זיך פארטראכט, און געזאָגט:

— נעמט אייך דעם פערל פאר דעם גאָלד וואָס איר האָט. די זיבן קאסטנס גאָלד וועט איר מיר באצאָלן, און די איבעריקע זעקס קאסטנס גאָלד וואס איר בלייבט מיר שולדיק, שענק איך פאר׳ן בית המקדש.

ווען די פארוואלטער פון דער קאַסע האָבן דאָס געהערט, האָבן זיי זיך שטארק דערפרייט און אים אוועקגעגעבן די זיבן קאסטנס גאָלד פאר דעם פערל. נאָכדעם האָבן זיי איינגעשריבן אין בוך: „שמעון, דער זון פון יוסף, האָט געשענקט זעקס קאסטנס גאָלד פאר׳ן בית המקדש“. און דאָס איז געשטאַנען נעבן דער

נדבה וואס זיין פאָטער האָט געשענקט, און פילע האבן עס גע־לעזן צוזאמען:

„יוסף האָט געשענקט אויף דעם בית המקדש א קאסטן מיט גאָלד. שמעון, דער זון פון יוסף, האָט געשענקט זעקס קאסטנס מיט גאָלד“.

אָבער ווען מען האָט זיך דערוואוסט אין ירושלים, אז די קאסע פון בית המקדש איז אויסגעליידיקט געוואָרן, האָט מען ניט גערעדט פון די זעקס קאסטנס גאָלד וואס שמעון האָט געשענקט; נאָר מען האָט זיך באקלאָגט, און אזוי געזאָגט:

— יוסף האָט אין בית המקדש אריינגעטראָגן א קאסטן מיט גאָלד, אבער זיין זון האָט פון בית המקדש ארויס־געטראָגן זיבן קאסטנס מיט גאָלד.

ח.

צדקה האלט איין רייכקייט.

אמאָל איז געווען א פרומער און גוטהערציקער מאן, וועלכער איז געווען פריער רייך און איז דערנאָך פאראָרימט געוואָרן. עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז דיזער מאן פלעגט זיך מוזן פאר־דינגען אויף שווערע ארבעט פון טאָג, ער זאל האבן אויף ברויט פאר זיך און זיין פאמיליע.

איינמאָל איז ער אזוי געשטאַנען און געאקערט א פרעמדעס פעלד, פלוצלונג האָט ער דערזען שטייענדיק אן אראבער. דער אראָבער איז צו אים צוגעגאנגען און געזאָגט:

— איך בין אליהו הנביא, פארשטעלט אין געשטאַלט פון אן אראָבער. פאר דיר איז אָנגעשריבן זעקס גוטע יאָר. ווען ווילסטו זיי, איצט אָדער ביי דער ענדע פון דיין לעבן?

האָט אים דער פרומער מאַן געענטפערט:

— איך גלויב דיר ניט. דו ביסט אפשר א כשוף־מאכער, אבער דו קענסט מיר גאָר ניט געבן, און גיי געזונטערהייט אוועק.

האָט אים אָבער דער אַראַבער ניט אָפּגעלאָזט און אזוי דריי מאָל געבעטן, ער זאָל אים זאָגן, ווען ער וויל האָבן די זעקס גוטע יאָר. ענדלאַך האָט אים דער פרומער מאַן געזאָגט:

— מיין ווייב איז א קלוגע און א פרומע, וועל איך זיך מיט איר בעראטן, וואס דיר צו ענטפערן.

איז ער אוועק צו זיין ווייב און איר דערציילט די געשיכטע.

האָט אים די ווייב געזאָגט:

— גיי זאָג אים, אז מיר ווילן זיי האָבן גלייך איצט.

איז ער אוועק און אזוי געזאָגט צו דעם מאַן.

האָט אים דער מאַן געזאָגט:

— גיי אהיים, און ווען דו וועסט קומען צום טויער פון דיין היים, וועסטו שוין געפינען די ברכה ביי דיר אין הויז.

דער פרומער מאַן איז אוועק אהיים, און אז ער האָט דער־גרייכט צום טויער פון זיין הויז, איז אים אנטקעגן געלאָפן זיין ווייב און אים אָנגעזאָגט די גוטע בשורה:

— די קינדער זיינען געזעסן אין הויף און געשפילט אין זאמד, גראָבנדיק מיט די הענטלאך די ערד, און זיי האָבן גע־פונען א שטיק גאָלד, וואס איז ווערט אַן אוצר מיט געלט.

האָט דער פרומער מאַן גלייך געדאנקט גאָט און זיך באַ־רואיקט, וויסנדיק, אז דער מאַן איז ווירקלאך געווען אליהו הנביא.

און דער פרומער מאַן מיט זיין פאמיליע האָבן אָנגעהויבן צוריק לעבן א רייכן לעבן.

זייענדיק צוריק רייך, האָט אָבער די פרומע פרוי ניט פאַר־געסן גאָטס חסד און האָט געזאָגט צו איר מאַן:

— וויבאלד גאָט האָט אונז געשיינקט רייכקייט, לאָמיר אויך טאָן צדקה און שיינקען צו אָרימע לייט, וועט גאָט אונז נאָך געבן מער.

האָט זי אָנגעהויבן געבן צדקה מיט א ברייטער האנט, און וואָס זי האָט געגעבן, האָט זי געהייסן איר זון פארשרייבן אין אַ בוך, און דער זון האָט אזוי געטאָן.

די זעקס יאָר זיינען פאַראיבער. דאן האָט זיך ווידער באַוויזן אליהו הנביא צו דעם מאַן און צו אים געזאָגט:

— די זעקס יאָר זיינען פאַראיבער. איך בין געקומען אָפּנע־מען צוריק דאס, וואס איך האָב דיר געגעבן.

האָט דער מאַן אים געענטפערט:

— ווען איך האב ביי דיר גענומען, האָב איך פריער גע־פרעגט מיין ווייב, און איצט ביים אָפּגעבן, וויל איך אויך פריער איר פרעגן.

איז ער אוועק צו זיין ווייב און געזאָגט:

— דער אלטער איז געקומען צונעמען ביי אונז, וואס ער האָט אונז געגעבן.

האָט זי געזאָגט צו איר מאַן:

— נעם דעם בוך פון די צדקות און גיי צו אליהו הנביא, און זאָג אים, אויב ער האָט געפונען א בעסערן אָרט, ביי מער אָרנט־לאכע מענטשן, מעג ער עס צונעמען, אויב אבער ניט, זאָל ער עס ביי אונז לאָזן.

איז ער אוועק און געוויזן אליהו הנביא דעם בוך מיט די פארשריבענע צדקות און אים געזאָגט, ווי זיין ווייב האָט אים געהייסן. האָט אליהו א שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— גיי פריילאך אהיים, און זאָג דיין ווייב, אז קיין בעסערן אָרט דארף איך ניט, און מיין פקדון וועט ביי אייך בלייבן אויף אייביק.

ט.

ווען מען זאָגט אוים א סוד.

ס'איז אמאָל געווען א גוטער און א פרומער מאן, וועלכער האָט געהאט א שלעכטע ווייב, פון וועלכע ער האָט זייער גע־ליטן.

איינמאָל, אין א הונגער יאָר, האָט דער פרומער מאן ערב ראש השנה געשיינקט אן אָרימאן א גילדן. האָט דאָס געזען זיין ווייב און האָט אים דערפאר אזוי שטארק געערגערט און גע־נאָגט, אז ער האָט עס ניט געקענט אריבערטראָגן און איז אוועק פון הויז.

ניט האָבנדיק אוואו איבערצונעכטיקן די ראש־השנה'דיקע נאכט, איז דער מאן אוועק אויפ'ן בית־עולם און זיך געלייגט צווישן צוויי קברים.

אינמיטן נאכט האָט ער פלוצלונג דערהערט, ווי צוויי נשמות פון צוויי מיידלאך, וועלכע זיינען געווען באגראָבן אין די קברים, ריידן צווישן זיך, און איינע זאגט:

— קום, מיין פריינדין, לאָמיר אביסל א פלי טאָן איבער דער וועלט און זיך צוהערן, וואס מען רעדט הינטער דעם פאָרהאנג פון הימל. אזוי ווי ס'איז היינט ראש השנה, וועלן מיר הערן, וועלכע אומגליקן עס ערווארטן די מענטשן אויף דער ערד.

— איך קען ניט, ליבע פריינדין, — האָט איר די אנדערע גע־ענטפערט — מען האָט מיך באגראָבן אין א שטרויענעם טעפיך (א ראגאזשע) און איך שעם מיך צו צייגן אין אזוינע תכריכים,

גיי בעסער אליין און אז דו וועסט הערן נייעס וועסטו קומענדיק מיר דערציילן.

איז יענע אוועק און שפּעטער צוריקגעקומען און האָט דער־ציילט איר פריינדין:

— איך האָב געהערט, אז דער וואס וועט זייען זיין פעלד פרי, וועט א האָגל פארניכטן זיין תבואה.*)

איז דער גוטער און פרומער מאן אוועק צוריק אהיים, און ווען ס'איז געקומען די צייט פון זייען, האָט ער זיין פעלד פאר־זייט שפּעטער פון אלעמען. פרי אין זומער איז געקומען א האָגל, זיינען אלע פעלדער פארניכטעט געוואָרן און זיין פעלד איז גע־בליבן גאנץ.

אויף דעם אנדער יאָר, אין דער נאכט פון ראש השנה, איז ער ווידער געגאנגען אויפ'ן בית הקברות און זיך ווידער צוגע־הערט צו די צוויי מיידלאך און האָט געהערט ווי איינע האָט דערציילט:

— איך האָב געהערט, אז דער וואס וועט פארזייען שפּעט וועט זיין תבואה פון היץ פארברענט ווערן.**)

איז דער מאן אוועק און האָט פארזייט זיין פעלד פריער פון אלעמען. שפּעטער זיינען געקומען גרויסע היצן און אלעמענס תבואות זיינען פארברענט געוואָרן, און זיינע זיינען געבליבן גאנץ.

זיין ווייב, זעענדיק, אז איר מאן גייט גוט, איז צו אים צוגע־שטאַנען, ער זאָל איר דערציילן דעם סוד, פון וואנען ער טרעפט זיך אויסצוהיטן פון שאָדן.

*) אז מען זייט פריער, וואקסט פריער, און ווען דער האָגל וועט קומען, וועלן שוין די קערנער זיין פארטיק, און דער האָגל וועט זיי אויס־קלאַפּן.

**) ווייל דער וואס פארזייט פריער, שניידט פריער, און ווען די היץ וועט קומען — וועט ער שוין האָבן זיין תבואה אין שייער.

האָט ער איר דערציילט די גאַנצע געשיכטע פון די אונ־טערגעהערטע שמועסן.

האָט אָבער געטראָפן, אַז אין אַ קורצע צייט אַרום האָט די־זעלבע ווייב פון גוטן מאַן זיך צעקריגט מיט דער מוטער פון דער אָרימער, פאַרשטאָרבענער מיידל, און דאָס ווייב האָט איר אויפ־געוואָרפן:

— קום, איך וועל דיר ווייזן, ווי דיין טאָכטער ליגט באַ־גראָבן אין אַ שטרויענעם טעפּיך.

אין אַ יאָר אַרום, ראש השנה, איז דער מאַן ווידער געגאַנ־גען נעכטיקן אויפ׳ן בית עולם. האָט ער דאָרט ווידער געהערט ווי די צוויי מיידלאַך ריידן צווישן זיך און איינע האָט געזאָגט:

— קום, ליבע פריינדין, לאָמיר פליען און זיך צוהערן הינ־טער׳ן פאָרהאַנג פון הימל, וואָס פאַר אַן אומגליקן עס דער־וואַרטן די מענטשן אויף דר׳ערד.

האָט איר אויף דעם די אַנדערע געענטפערט:

— אָ, פריינדין! מען דאַרף זיך היטן צו ריידן אַ וואָרט. אַלעס, וואָס מיר האָבן דאָ גערעדט, ווייס מען שוין צווישן די לעבעדיקע. מעגלאַך, אַז אימיצער ליגט דאָ איצט און הערט זיך צו צו אונזערע רייד, און וועט אונז דערנאָך באַריידן.

———:———

אמת און גערעכטיקייט.

א.

אַן אמת׳ע שטאָט.

רבא האָט איינמאָל אַזוי געזאָגט:

— אַמאָל פלעג איך מיינען, אַז עס איז ניטאָ קיין אמת אויף דער וועלט, האָט מיר איינער פון די רבנן דערציילט, אַז ווען מען

זאָל אים געבן אַל־דאָס־גוטס פון דער גאַנצער וועלט, וואָלט ער קיין ליגן געזאָגט. אָט וואס מיט אים האָט איינמאָל פּאַסירט:

איינמאָל איז ער געקומען אין אַן אָרט וואס הייסט קושטא. (קושטא מיינט אמת). די מענטשן פון דער שטאָט האָבן אימער געהאַלטן וואָרט און האָבן קיינמאָל ניט געזאָגט קיין ליגן, דער־פאַר איז קיינמאָל אין דער שטאָט קיין מענטש ניט געשטאָרבן פאַר דער צייט. די שטאָט איז אים אַזוי געפעלן געוואָרן, דאָס ער האָט באַשלאָסן דאָרט צו פאַרבלייבן. האָט ער דאָרט א שידוך געטאָן, גענומען א ווייב פון דער שטאָט און זי האָט אים געבוירן צוויי קינדער.

איין טאָג, אַז זיין פרוי איז געשטאַנען און האָט געוואשן איר קאָפּ, איז געקומען א שכנה און האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. האָט ער זיך געטראַכט, עס פּאַסט עפּעס ניט ארייַנצולאָזן א פרעמדן מענטשן אין הויז, אין אַזא צייט. האָט ער צו דער שכנה געזאָגט, אַז זיין פרוי איז יעצט ניט אין דער היים.

גלייך נאָכדעם זיינען ביי אים געשטאָרבן די ביידע קינדער. איז אין שטאָט געוואָרן א טומל. צוויי קינדער שטאַרבן! — אַזאַ זאַך איז דאָרט קיינמאָל ניט געשען! זיינען די מענטשן פון דער שטאָט געקומען פרעגן, ווי אַזוי דאָס איז געשען. האָט ער זיי דערציילט די מעשה, אַז ער האָט געזאָגט א ליגן.

— מיר בעטן דיך, — האָבן די שטאָט־לייט געזאָגט — גיי אוועק פון אונזער שטאָט און רייץ אויף אונז ניט אָן דעם טויט.

און ער האָט געמוזט פון דער שטאָט אוועקגיין און פון דאַ־מאָלט אָן זאָגט ער מער קיינמאָל ניט קיין ליגן.

ב.

אַ קלוגע אָבער פאַלשע עצה.

צו רבא׳ס בית דין זיינען געקומען צוויי בעל־דברים צו א דין־תורה.

איינער האָט געמאָנט ביים צווייטן געלט און יענער האָט גע׳טענה׳ט, אז ער האָט אים שוין לאַנג באַצאָלט.

האָט רבא אויסגעהערט זייערע רייד און געזאָגט צו דעם אָנגעקלאָגטן:

— אויב דו האסט אים ווירקלאך באַצאָלט — דאן שווער אויף דעם.

דער אָנגעקלאָגטער האָט געהאלטן אין האנט א שטעקן. האָט ער געבעטן דעם קלעגער, אז ער זאל א ווײַלע צוהאלטן פאַר אים זיין שטעקן, גלייך נאָכדעם האָט ער אויפגעהויבן די ספר תורה און געשוואָרן, אז ער האָט דאָס געלט שוין באַצאָלט צו דעם אָנקלאָגער.

אַז דער מאַנער האָט דערהערט, אז דער אנדער בעל־דבר שווערט פאלש, איז ער געוואָרן זייער אויפגערעגט און פאַר גרויס כעס אויפגעהויבן זיין פריינטס שטעקן און אים א זעץ גע־טאָן מיט אַזאַ קראַפט, אז ער האָט זיך צעבראָכן.

אָבער ווי איבערראשט זיינען אלע געוואָרן, ווען זיי האבן פלוצלונג דערזען, ווי פון צעבראָכענעם שטעקן האָבן זיך אָנגע־הויבן שיטן גאָלדענע מטבעות און זיך אָנגעהויבן קייקלען אויף דער ערד.

האָבן שוין אלע פארשטאַנען, אז מיט׳ן געבן דעם אָנקלאגער פאַר דער שבועה צו האלטן דעם שטעקן מיט די מטבעות, האָט דער אָנגעקלאָגטער געוואָלט אזוי ארום אויף אַן אָפּגענארטן

אופן זיך ארויסדרייען פון שווערן פאלש, און אז עס זאל אויס־קומען, אז ער האָט אים דאָס געלט טאקע אָפּגעגעבן.

האָט רבא אים געהייסן באצאָלן דאָס געלט און אים נאָך באַ־שטראפט.

ג.

אן עצה צו א שלעכטע ווייב.

רב האָט געהאט א שלעכטע ווייב, און וואס ער האָט איר געהייסן טאָן, האָט זי אלעס געטאָן פארקערט. פלעגט ער איר בעטן, זי זאל פאר אים קאָכן לינדזן, האָט זי געקאָכט אַרבעס, האָט ער געבעטן אַרבעס — האָט זי געקאָכט דוקא לינדזן.

אז זיין זון חיא איז אויסגעוואקסן, איז ער געפאלן אויף איין איינפאל, און פלעגט איבערגעבן דער מוטער דעם פאָטערס רייד ריכטיק פארקערט. האָט רב געבעטן ארבעס, פלעגט חיא זאָגן לינדזן, פלעגט די מאמע אויף להכעיס קאָכן ארבעס, פונקט דאס וואָס רב האָט געוואָלט.

רב האָט זיך געוואונדערט, וואס ער באקומט די מאכלים וואָס ער בעט, און אויסגעדריקט צום זון זיין צופרידנהייט, וואס די מוטער איז ענדלאך בעסער געוואָרן.

— דאָס האָב איך איבערגעדרייט דיינע רייד — האָט דער זון געענטפערט.

— אַזוי גאָר, — האָט רב איבערראשט געענטפערט — אָט דאָס איז וואס די וועלט זאָגט א ווערטל: „קינדער לערנען די עלטערן חכמה". דאָך זאָלסטו דאס ווייטער ניט טאָן, ווייל מען דארף זיך אויסהיטן פון צו זאָגן א ליגן.

כבוד אָב ואם.

א.

ווי ווייט דאַרף דערגרייכן די מצוה פון כבוד אב ואם.

מען האָט איינמאָל געפרעגט ביי רב עולא, ווי ווייט דאַרף א מענטש דערגרייכן אין דער מצוה פון כבוד אב ואם? האָט ער געזאָגט: מען קען דאָס אָפּלערנען פון דער פאָלגענדער גע־שיכטע:

אין דער שטאָט אשקלון האָט געוואוינט א גוי, מיט דעם נאָמען דמא בן נתינה. האָט ער זיינע עלטערן געהאלטן זייער טייער. איינמאָל איז פון דעם אפוד, וואס דער כהן גדול פלעגט טראָגן, פארלאָרן געגאנגען א טייערער בריליאנט. האָט מען גע־נומען נאָכפרעגן אוואו קען מען אזא בריליאנט געפינען, און מען האָט זיך דערוואוסט, אז פונקט אזא טייערער שטיין געפינט זיך ביי דמא בן נתינה. זיינען די אידישע חכמים געקומען צו אים קויפן דעם שטיין און האָבן מיט אים באשטימט א פרייז.

דמא האָט זיי דעם שטיין שוין געוואָלט געבן, אבער ווען ער איז אריין אין א זייטיקן צימער נעמען דעם שטיין, האָט ער גע־זען, אז זיין פאטער נתינה שלאָפט, און האלט זיין פוס אָנגע־שפּארט אויף דעם קאסטן, אין וועלכן דער שטיין איז געווען בא־האלטן.

האָט דמא ניט געוואָלט שטערן דעם פאטערס שלאָף און איז אַרויס צו די אידן און זיי געזאָגט, אז ער קען זיי איצט דעם שטיין ניט געבן. האָבן די חכמים געמיינט, אז ער וויל ארויפציען אויפ׳ן מקח, און אים אָנגעבאָטן נאָך צען טויזנט גאָלדענע רענדלאך. דמא האָט זיי אָבער ערקלערט די סיבה, פארוואס ער קען זיי

דעם שטיין ניט געבן, ווייל ער וויל ניט אויפוועקן דעם פאָטער פון שלאָף. די חכמים האָבן אָבער ניט געקענט װאַרטן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, טאָמער וועט דער פאָטער אָפּשלאָפן דעם גאַנצן טאָג און צו נאַכט וועלן זיי ניט קענען גיין אין וועג, וועלן זיי אַזוי אַרום פאַרשפּעטיקן קומען קיין ירושלים צו דער באַשטימטער צייט. זײַנען זיי אַוועק, און דעם דימענט געקויפט ערגעץ אַנדערש, און דמא האָט געהאַט גרויס היזק.

אָבער גאָט האָט אים דערפאַר באַלוינט.

אין יענעם יאָר איז ביי דמא'ן געבאָרן געוואָרן א רויטע קו, זײַנען די חכמים פון די אידן צו אים געקומען קויפן די קו פאַר א פרה אדומה.

האָט צו זיי דמא געזאָגט:

— איך בין זיכער, אז ווען איך זאָל בעטן די גאַנצע וועלט פון דער וועלט, וועט איר מיר געבן; אָבער איך וועל פון אייך פאַרלאַנגען נאָר דאָס געלט וואָס איך האָב געהאַט שאָדן צוליב'ן פאָטערס כבוד.

ב.

כבוד אב ואם דאַרף זיין מיט ליבע.

אבימי דער זון פון ר' אבהו האָט געזאָגט:

— ס'איז אמאָל געמאָלט, אז איינער זאָל געבן זיין פאָטער צו עסן געבראָטענע טייבעלאַך, און דאָך דערביי ווערט זיין צו באַשטראָפט ווערן מיט גיהנם, און פאַרקערט, מעג איינער זיין פאָטער איינשפּאַנען דרייען די ראָד אין א מיל, און דאָך קומט אים דערפאַר באַלוינט צו ווערן מיט גן־עדן.

און די פאָלגענדע צוויי מעשה'לאַך דערציילן פון אזוינע פאַלן.

איינער האָט געהאַט אַן אַלטן טאַטן, פלעגט ער אים געבן צו עסן פעטע טייבעלאך. האָט דעם אלטן זיך געדוכט, אז דער זון גיט אויס אויף אים צופיל געלט, ניט לויט זיין פארמעגן, און האָט דעם זון איינמאָל אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר, זון מיינער, וואו נעמסטו דאָס אויף אזעלכע לוקסוסן פאר מיר?

האָט דער זון געענטפערט מיט עזות:

— דו, אלטער, וואס גייט דאָס דיך אָן! דו רייב און שוויַיג.

האָט דעם פאָטער פארדריקט דאָס הארץ פון אַזאַ ענטפער און שוין מער ניט געפרעגט, אָבער ווען ער פלעגט עסן די טייבעלאך, פלעגן אים די ביסנס שטיקן אין מויל און ער פלעגט זיי אַראָפּשלינגען מיט טרערן.

אָט איז געמאָלט, אז מען שפייזט דעם פאטער מיט טייבעלאך און דאָך באקומען גיהנם.

און ריכטיק פארקערט איז געווען די צווייטע פאסירונג.

ס'איז געווען אַן אָרימאַן, וועלכער האָט געלעבט פון דעם, וואָס ער פלעגט זיך איינשפאנען אין דרייען די ראָד אין אַ מיל, דאָך האָט ער אויסגעהאלטן דעם פאטער, און אים געגעבן עסן, וואָס ער האָט געהאַט.

איינמאָל איז ארויס דעם קיסרס אַ באפעל, אז איינער פון אַ פאַמיליע מוז גיין צו מיליטער־דינסט. האָט דער זון געזאָגט צום פאָטער:

— פאָטער מיינער, גיי דו און שפּאַן זיך איין אין מיל אנשטאט מיר, און איך וועל גיין צו מיליטער־דינסט. אויב עס וועט האלטן באַ בזיונות — וועל איך פארשעמט ווערן, און ניט דו; וועט קומען צו קלעפּ און שמיץ — וועל איך געשמיסן ווערן און ניט דו.

איז דער זון אוועק צום מיליטער און דער פאטער האָט גע־אַרבעט ביים מיל.

אָט פּאסירט, אז מען מאכט דעם פאָטער ארבעטן אין א מיל, און דאָך דאפיר פארדינען גן־עדן.

ג.

ווען מען לאָזט איבער אין גוטע הענט.

רבי חמא בר ביסא איז באלד נאָך דער חתונה אוועקגע־פאָרן לערנען אין בית המדרש פון רבי. צוועלף יאָר האָט ער פארבראכט אין לערנען און נאָכדעם איז ער אוועק אהיים.

געקומען אין זיין היים־שטאָט, איז ער אוועק אין בית־המדרש און פון דאָרט געשיקט דורך א מענטשן אָנזאָגן זיין ווייב, אַז ער איז צוריקגעקומען.

די פרוי האָט געוואָלט רב חמא'ן איבערראשן מיט גוטע נייעס, האָט זי געזאָגט צו איר זון:

— גיי, מיין קינד, אין בית המדרש, דאָרט זיצט א גאסט, אַ גרויסער מענטש, זאל ער דיר פארהערן אין תורה.

איז דער יונגער אינגל אריין אין בית־המדרש, זיך געזעצט נעבן גאסט און אָנגעהויבן צו ריידן דברי תורה. רב חמא האָט ניט געוואוסט, אז דער געראָטענער אינגל איז זיין זון, און ער האָט מיט ביינקשאפט געזאָגט צו זיך אליין:

— מעגלאך, ווען איך וואלט פארבליבן אין דערהיים, וואָלט מיין זון אויך געווען אזוי גוט אין תורה.

באלד איז דער אינגל אוועק און אויך רב חמא איז אוועק אהיים.

שפעטער, ווען רב חמא איז געזעסן ביי זיך אין הויז און גע־רעדט מיט זיין פרוי, איז אריינגעקומען דער זעלבער אינגל וואס

אין בית המדרש. האָט רב חמא געמיינט, אז דאס אינגל קומט אים פרעגן א שטיקל תורה, און ער האָט זיך פאר דעם קליינעם תלמיד־חכם אויפגעשטעלט. האָט דאָס ווייב שמייכלענדיק א פרעג געטאָן רב חמא׳ן:

— דארף דען א פאָטער זיך אויפשטעלן פאר זיין אייגענעם זון?

האָט רב חמא פארשטאַנען ווער דער אינגל איז און זיין פרייד איז געווען זייער גרויס.

ליבע און רחמנות.

די צוויי ברידער.

אויף דעם אָרט, וואו דער בית המקדש איז געשטאַנען, האָבן אמאָל געוואוינט צוויי ברידער.ביידע זיינען געווען פאַרמעגם און זייערע פעלדער זיינען געווען נאָענט איינער נעבן דעם אנ־דערן.

איינער פון די ברידער, דער עלטערער, איז געווען אָן א ווייב, און ער האָט געלעבט איינער אליין. דער אינגערער האָט געהאט א פרוי מיט דריי קינדער. ביידע ברידער זיינען געווען אָרים. און מער ווי דאָס שטיקל לאנד וואס זיי האָבן גע׳ירש׳נט פון זייער פאָטער, האָבן זיי ניט געהאט. די פעלדער פלעגן זיי באַ־אַרבעטן צוזאמען, און נאָך דעם שניט פלעגן זיי איבערציילן די גאַרבן זאנגען און זיך צעטיילן אויף צוויי גלייכע חלקים. יעדער איינער פלעגט זיינע גארבן צונעמען צו זיך אהיים און אוועק־לייגן נעבן זיין געצעלט.

איין נאכט, נאָך דעם שניט, נאָך דעם ווי די ברידער האָבן זיך צעטיילט מיט די פרוכט פון זייערע פעלדער, איז דער עלטע־

רער ברודער געלעגן אויף זיין בעט און ניט געקענט איינשלאָפן צוליב זיינע מחשבות. ער האָט געטראַכט וועגן זיין ברודער:

— ער, מיין ברודער, האָט א ווייב מיט קינדער און ער דאַרף זיי געבן עסן, טרינקען, קליידער און שיך. און איך בין איינער אליין אויף דער וועלט און ארבעט נאָר אום אָנצופילן מיין בויך. טאָ ווי קום איך צו נעמען א גלייכן טייל מיט מיין ברודער? דאָס איז ניט רעכט וואס איך טו!

איז ער אויפגעשטאַנען ארום האלבע נאכט פון זיין געלעגער, גענומען א גרויסע צאָל גארבן און שטילערהייט זיי צוגעפירט צו זיין ברודער געצעלט, און דאָרט די גאַרבן אוועקגעלייגט. נאָכדעם איז ער צוריק געקומען אהיים, זיך ווידער אריינגעלייגט אין זיין בעט און איז געשמאק איינגעשלאָפן.

אין דער זעלבער נאכט האָט דער אינגערער ברודער אויך ניט געקאָנט איינשלאָפן. איז געלעגן און געטראכט וועגן זיין עלטערן ברודער:

— וואָס פאר א גרויסער רחמנות עס איז אויף מיין עלטערן ברודער. ער לעבט אליין איינער אליין, אָן פאמיליע. איך האָב קינדער, און אויף מיינע עלטערע יאָרן, ווען איך וועל שוין ניט קענען ארבעטן, וועלן זיי מיך שפייזן. אבער וואס וועט טאָן מיין אָרימער ברודער ווען ער וועט אַלט ווערן? עס איז דארום ניט רעכט, אז איך זאל נעמען א גלייכע העלפט מיט אים!

און איידער עס איז געוואָרן טאג האָט זיך דער אינגערער ברודער אויפגעהויבן פון זיין געלעגער, און שטילערהייט גענומען א טייל פון זיינע גארבן און זיי איבערגעלייגט צו זיין ברודערס קופעס און זיך צוריק געלייגט אויף זיין געלעגער.

בייטאָג, ווען די ברידער האָבן באזוכט זייערע קופעס, האָבן זיי זיך געוואונדערט וואָס דאָרט איז גאָר ניט געווען קענטיק, אז עס פעלט עפעס, אבער זיי האָבןביידע געשוויגן.

אויף דער אנדער נאכט האבן זיי געטאן די זעלבע זאך, וואס אין דער פריערדיקער נאכט, ניט וויסנדיק איינער פון דעם אנדערן, און ווען זיי האבן ביי טאג געזען די קופעס, האבן זיי זיך ניט געקענט אפוואונדערן וואס עס האט גארנישט געפעלט, אזוי ווי עס איז דארטן גארנישט גערירט געווארן.

אויף דער דריטער נאכט האבן זיי ווידער געטאן דאס זעלבע, אבער אינמיטן וועג האבן זיי זיך באגעגנט מיט זייערע גארבן אויף די פלייצעס. ערשט האבן זיי ביידע פארשטאנען, אז ביידע האבן געהאט די זעלבע געדאנקען. זיי האבן איינע די אנדערע ארומגענומען און געוויינט.

האט גאט דאס געזען און געבענטשט דעם ארט, וואו זיי האבן זיך באגעגנט. שפעטער האט שלמה המלך אויף דעם ארט אויסגעבויט דעם בית המקדש.

דן לכף זכות (אויסרעכענען צו גוטן) אדער חשד.

א.

אויסגערעכנט אין גוטן זייט.

„יעדן מענטשן מוז מען אורטיילן פון דער גוטער זייט", אזוי האבן געזאגט די גרויסע אידישע חכמים.

אלס א ביישפיל קען דינען פאלגענדע געשיכטע:

א אידישער ערד־ארבעטער פון גליל האט זיך אמאל פאר־דונגען צו א רייכן פארמער אין דרום פון ארץ ישראל אויף דריי יאר צו ארבעטן. ווען די דריי יאר ארבעט האבן זיך געענדיקט, און דאס איז גראדע געווען ערב יום כפור, האט דער ארבע־טער געזאגט צום בעל הבית:

— באצאָל מיר יעצט מיין געלט און לאָמיך גיין צוריק אהיים, צו מיין פרוי און קינדער.

— איך האָב קיין געלט ניט, — האָט דער פאַרמער געענט־פערט.

— טאָ גיב מיר תבואה פאַר דעם געלט, — האָט דער אַר־בעטער געבעטן.

— קיין תבואה האָב איך אויך ניט. — האָט דער פאַרמער געזאָגט.

— ווען דו האָסט ניט קיין תבואה, טאָ גיב מיר א שטיקל פעלד.

— קיין פעלדער האָב איך אויך ניט.

— גיב מיר קליידער, קישנס, הויז־זאכן.

— איך האָב ניט קיין זאך.

ווען דער ארבעטער האָט דאָס געהערט האָט ער קיין וואָרט ניט געזאָגט. ער האָט זיין בעל הבית ניט געזידלט, ניט געמאכט קיין פאָרוואורף, נאָר ער האָט גענומען זיין שטעקן, און זיך צוריקגעקערט אהיים מיט א וויטאָגדיקן הארץ.

אָרעם איז ער פון דער היים אוועק מיט דריי יאָר צוריק און אָרעם איז ער יעצט געקומען. דאָך האָט ער קיינעם ניט דער־ציילט פון זיין פארלוסט און האָט ניט ארויסגעצייגט קיין צער אָדער פאַרדרוס.

נאָך דעם ווי די ימים נוראים זיינען אוועק, איז געקומען זיין בעל הבית מיט דריי אייזלען, אויף וועלכע עס זיינען געווען אָנגעלאָדן די בעסטע זאכן, און מיט דעם גאנצן לוין וואס האָט ארויסגעקומט דעם אָרימען פעלד־ארבעטער פאַר די לעצטע דריי יאָר.

דער ארבעטער האָט פאַר שמחה געמאכט א גרויסן מאָל־

צייט פאַר זיין בעל-הבית. ער האָט פאַררופן אַ סך פריינט און מען האָט זיך משמח געווען.

— זאָג מיר, — האָט דער בעל הבית געפרעגט — ווען איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך האָב קיין געלט דיר צו באַצאָלן, האָסטו געדיינקט פון מיר עפּעס שלעכטעס?

— ניין, — האָט דער אַרבעטער געענטפערט, — איך האָב געדענקט, אַז אייך האָט זיך געמאַכט צו קויפן אַ סך סחורה פאַר זייער ביליגע פרייזן און איר האָט אין דעם אייער גאַנצע געלט אַריינגעלייגט.

— און ווען איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך האָב ניט קיין תבואה, וואָס האָסטו געדיינקט?

— טאָמער זיינען זיי פאַרקויפטע צו אַנדערע.

— און ווען איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך האָב ניט קיין פעלד?

— טאָמער האָסטו דאָס פעלד אָפּגעגעבן אין אַרענדע.

— און די בהמות?

— טאָמער זיינען זיי פאַרדונגען צו אַנדערע אויף אַרבעט.

— אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. — האָט דער רייכער פּאַרמער געזאָגט — איך האָב מיין גאַנצן פאַרמעגן אַריינגעלייגט אין אַ געשעפט, און אַלעס וואָס איך האָב געהאַט פאַרדונגען און פאַרקויפט צו אַנדערע, און יעצט, אַז איך האָב פאַרדינט פיל געלט, קער איך אום צוריק וואָס דיר קומט צוזאַמען מיט די פאַרדינסטן וואָס דיין געלט האָט אַריינגעבראַכט.

דער פאַרמער האָט אים איבערגעלאָזט אַזוי פיל געלט און פרעזענטן, דאָס דער אַרבעטער האָט מער קיינמאָל ניט געדאַרפט אַרבעטן פאַר אַנדערע.

ב.

א חשד איז ניט אומזיסט.

ראובן, דער זון פון איסטרובולי, האָט געגעבן פאָלגנדן כלל: ווען עס איז דאָ א פארדאכט אויף א מענטשן — ווארשיינלאך האָט ער עס טאקע געטאָן. און אויב ער האָט עס ניט געטאָן אינגאנצן, — האָט ער געטאָן א טייל פון דעם; און אויב ער האָט עס גאָר נישט געטאָן — האָט ער עס געוואָלט טאָן; און אויב ער האָט גאָר ניט געטראכט דאָס צו טאָן, — האָט ער געווים געזען, ווי אן אנדערער האָט עס געטאָן, און ער האָט זיך געפרייט ביי דעם.

ג.

ווי אויסצוגעפינען א גנב.

מר זוטרא איז איינמאָל איינגעשטאַנען אויף אן אכסניה. איז גראדע דאמאָלט פארלאָרן געגאנגען א זילבערנער בעכער פון דער אכסניה, און מען האָט ניט געוואוסט, ווער דאס האָט גע'גנב'עט.

שפּעטער האָט מר זוטרא געזען, ווי איינער א גאַסט וואַשט זיינע הענט אוןווישט זיי אָפּ אָן א פרעמדן בגד, וואס איז געהאנגען אויפ'ן וואנט.

האָט מר זוטרא געזאָגט:

— אָט דיזער מענטש קימערט זיך גאָר ניט וועגן פרעמדעס אייגנטום, און איז געווים דער גנב פון בעכער.

האָט מען דעם מאן געבונדן, און ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער איז עס געווען דער גנב.

שווייגן אָדער ריידן.

א.

טויט און לעבן ליגט אין מענטשנ׳ס צונג.

עס האָט איינמאָל געטראָפן, אז דער מלך פון פרס איז גע־וואָרן זייער איינגעדארט און געהאלטן ביים שטאַרבן. האָט מען גערופן די גרעסטע דאָקטוירים פון לאנד, און זיי האבן געזאָגט:

— קיין זאך אין דער וועלט קען דעם קעניג ניט געזונט מאכן, סיידן ער זאל טרינקען לייבן־מילך.

האָט מען גענומען טראכטן, וואו נעמט מען לייבן־מילך? און דער קעניג האָט געלאָזט באקאנט מאכן, אז דער וואס וועט אים ברייננגען לייבן־מילך, וועט ער אים געבן זיין טאָכטער פאר אַ פרוי און דערצו אַ שיינעם פאלאסט מיט אַ סך גיטער.

איז איינמאָל געקומען צום קעניג אַ מאן און געזאָגט, אז ער קען קריגן לייבן־מילך, ווען מען וועט אים געבן צען יונגע ציגן. דער קעניג האָט דעם מאן געהייסן געבן צען יונגע צי־געלאך, און ער האָט צוגעזאָגט צו קומען אין צען טעג ארום און ברייננגען די מילך.

אויף מאָרגן איז דער מאן אוועק אין וואלד מיט אַ ציגעלע אויף זיינע אָרימס. ער איז צוגעקומען צו דער נאָרע פון אַ לייב און האָט אהין אריינגעוואָרפן די ציגעלע. אויף מאָרגן איז ער ווידער געקומען מיט אַ ציגעלע און האָט אַריינגעוואָרפן אין דער זעלבער נאָרע. אזוי האָט ער געטאָן יעדן טאָג, ביז די לייבן האָבן זיך צו אים צוגעוואוינט, און זיי פלעגן זיך מיט אים שפּילן און לעקן די הענט. און אויפ׳ן צענטן טאָג, ווען ער האָט גע־בראכט די צענטע ציגעלע, איז די מוטער־לייבין שוין געווען אַזוי געוואוינט צו אים, דאָס זי האָט זיך געלאָזט פון אים מעלקן. און

דער מאן האָט פון איר אויסגעמאָלקן א גאנצן קריגל מילך, און איז מיט דעם אוועק צום קעניג.

אויפ'ן וועג איז דער מאן שטארק מיד געוואָרן און ער האָט זיך געלייגט אָפּרוען. ער איז איינגעשלאָפן און עס האָט זיך אים גע'חלום'ט, אז אלע זיינע גלידער פירן צווישן זיך א קריג.

די הענט האָבן געזאָגט אז זיי זיינען די וויכטיקסטע גלידער פון קערפּער, ווייל זיי האבן די מילך געמאָלקן. די פיס האָבן געזאָגט, אז זיי זיינען די וויכטיקסטע, ווייל זיי האָבן געפירט דעם מאן צו דער לייבן-נאָרע און זיי פירן אים יעצט צום קעניג. דער קאָפּ האָט געזאָגט, אז ער איז צוערשט געפאלן אויפ'ן שכל ווי די מילך צו באקומען. און די צונג האָט געזאָגט: „איך בין וויכטיקער פון אייך אלעמען, ווייל דאס לעבן און טויט ליגט אין מיין מאכט".

ווען דער מאן האָט זיך אויפגעכאפּט האָט ער דעם חלום געדיינקט. אז ער איז אָנגעקומען צום קעניג, האָט ער אזוי גע־זאָגט:

— אדוני מלך! איך האָב דיר געבראכט הינטישע מילך צום טרינקען. טרינק און ווער געזונט!

ווי נאָר דער קעניג האָט דערהערט, אז ער זאגט, אז ער האָט אים געבראכט הינטישע מילך, איז ער שטארק בייז געוואָרן און ער האָט אויסגערופן צו זיינע דינער:

— נעמט אים אוועק פון מיר צוזאמען מיט זיינע הינטישע מילך! זאָל מען אים האלטן אין געפענגנים ביז מען וועט מאכן אַ תליה אים צו הייגען.

די דינער האָבן געטאָן וואס דער קעניג האָט זיי געהייסן. דער אָרימער מענטש איז געזעסן אין תפיסה מיט דעם קריגל מילך און באלד האָט מען אים ארויסגעפירט צו דער תליה.

האָבן אַלע גלידער אָנגעהויבן צו ציטערן און די צונג האָט געזאָגט:

— נו, האָב איך ניט רעכט געהאט? איך האָב געזאָגט, אַז אין מיין מאכט ליגט דאָס לעבן און דער טויט. אָט האָב איך אייך געציייגט ווי מיט איין וואָרט האָב איך אויף אייך אַלעמען געבראַכט די טויט־שטראָף. איך האָב זיך אויסגערעדט דאָס וואָרט „הינטישע" אַנשטאָט „לייבן", און דער מענטש איז שוין פאַר'משפט צום טויט.

— און יעצט וועלן מיר אַלע צוליב דיר מוזן שטאַרבן. — האָבן אַלע גלידער געקלאָגט.

— וויינט ניט, — האָט די צונג געזאָגט — אין מיין מאַכט ליגט טויט און אויך לעבן. מיט איין וואָרט קען איך אַלעמען דערהאַלטן ביים לעבן.

— טו דאָס, ראַטעווע אונז, — האָבן אַלע גלידער זיך גע־בעטן ביי דער צונג.

— אָבער אויב איך וועל אייך רעטן, וועט איר מודה זיין, אַז איך געוועלטיק איבער אייך?

— יאָ, — האָבן אַלע גלידער געענטפערט.

האָט גלייך די צונג געזאָגט צו די תלינים:

— ווען דער קעניג וועט מיר נאָך לאָזן ריידן צו אים, קען איך נאָך ראַטעווען מיין לעבן און דעם קעניג געזונט מאַכן.

דער וועכטער האָט וועגן דעם געמאָלדן צום קעניג, און דער קעניג איז אַליין געקומען אין געפענגנים, הערן וואָס דער פאַר־משפט'ער האָט אים צו זאָגן.

דער מענטש האָט דעם קעניג דערציילט די גאַנצע געשיכ־טע, ווי ער האָט די לייבן־מילך באַקומען, און ווי ער איז אויפ'ן וועג איינגעשלאָפן, און וואָס אים האָט זיך דאַן גע'חלומ'ט. און

צולעצט האָט דער מענטש אויפגעהויבן דאָס קריגל מילך און האָט געזאָגט צום קעניג:

— אדוני מלך! טרינק דיזע לייבן־מילך און ווער געזונט!

דער קעניג האָט אים געפאָלגט. ער האָט אויסגעטרונקען די לייבן מילך און איז גלייך געזונט און קרעפטיק געוואָרן.

דער קעניג האָט דעם מאן ארויסגענומען פון תפיסה און האָט אים אריינגעפירט צו זיך אין פאלאסט. אין אכט טאָג ארום איז געפייערט געוואָרן די חתונה פון דעם קעניגס טאָכטער מיט דעם דאָזיקן מאן.

ב.

טויט און לעבן הייננט אָפּ פון צונג.

ר' שמעון בן גמליאל האָט איינמאָל געהייסן זיין קנעכט טבאי:

— גיי אין מארק און קויף מיר א גוטע שפייז.

איז טבאי אוועק און געקויפט א צונג.

אן אנדער מאָל האָט ער אים געזאָגט:

— גיי אין מארק און קויף מיר א מאָגערע און שלעכטע שפייז.

איז טבאי אוועק און ווידער געקויפט א צונג.

האָט אים ר' שמעון געפרעגט:

— וואָס זאל עס באטייטן, ווען איך האָב דיך געבעטן א גוטע שפייז, האָסטו געבראכט א צונג; און ווען איך האָב געזאָגט א שלעכטע שפייז — האָסטו ווידער געקויפט א צונג?

האָט אים טבאי געזאָגט:

— די צונג אמאָל איז זי גוט און אמאָל שלעכט; ווען זי איז גוט — איז ניטאָ קיין בעסערס פון דעם, ווען שלעכט — איז ניטאָ קיין ערגערעס פון דעם.

———:———

שבועה (שווערן).

דער כח פון א שבועה.

אמאָל איז א שיינע מיידל געגאנגען אין וועג און האָט פארבלאָנדזשעט. זוכנדיק די וועג אהיים, איז זי נאָך מער פאר־קראָכן אין א ווילדערניש. עס איז געקומען האלבער טאָג, די זון האָט געברענט און די מיידל איז געוואָרן זייער דאָרשטיק. זי איז געגאנגען ווייטער און ווייטער ביז זי האָט דערזען א ברונעם. דער ברונעם איז געווען א פארלאָזענער, קיין עמער צו שעפן וואסער איז דערביי ניט געווען, בלויז א שטריק איז גע־האנגען. אום צו שטילן איר ברענענדן דאָרשט, האָט זיך די מיידל ארונטערגעלאָזן אין ברונעם. זי האָט זיך דאָרט אָנגעטרונקען, אָבער ווען זי האָט געוואָלט ארויסגיין, האָט זי ניט געקענט. איז זי געזעסן אין דעם ברונעם און האָט געוויינט און געשריען, בעטנדיק הילף. אויף איר גליק איז גראדע אָנגעקומען א מאן, וואָס האָט דערהערט אירע געשרייען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים ברונעם, אריינגעקוקט, אבער ער האָט ניט געקענט גוט זען ווער דאָרט געפינט זיך. האָט ער געפרעגט:

— זאָג מיר, ביסטו א מענטש, אָדער א טייפל?

— א מענטש, — האָט א שטימע געענטפערט.

די שטימע האָט אין זיינע אויערן אזוי זיס געקלונגען, דאָס ער האָט זיך אין איר באלד פארליבט, נאָך איידער ער האָט זי געקענט גוט זען. האָט ער איר געפרעגט ווי זי קומט אין ברו־

נעם, און זי האָט אים דערציילט די גאנצע געשיכטע. אירע רייד זיינען אים נאָך מער געפעלן געוואָרן, און ער האָט געזאָגט:

— שווער מיר, אז אויב איך וועל דיך ארויסציען פון דעם ברונעם, וועסטו מיט מיר חתונה האבן.

— איך שווער! — האָט זי געענטפערט.

ווען ער האָט די מיידל שוין ארויסגעצויגן, האָט ער ערשט דערזען וואס פאר א זעלטענע שיינהייט זי איז. האָט ער געוואָלט, אז זי זאל מיט אים גלייך גיין און ווערן זיין פרוי. האָט זי אים געפרעגט פון וואס פאר א פאָלק ער איז, און ער האָט געענטפערט:

— איך בין א איד און א כהן, און קום פון יענער און יענער שטאָט.

האָט זי אים דערציילט פון וואנען זי קומט, אז זי איז אויך א אידישע, און אָנגערופן איר משפחהביים נאָמען. נאָכדעם האָט זי געזאָגט:

— עס פאסט זיך דאָך ניט פאר דיר, א כהן, וואס קומט פון א הייליקן שטאָם, אויסערוויילט פון גאָט איבער אלע אַנדערע אידן, אז דו זאָלסט פארלאנגען פון מיר אזא זאך, איך זאָל זיין דיינע א געליבטע, אָן חופה וקדושין. בעסער קום צו מיינע על־טערן און מיר וועלן זיך פארלאָבן, ווי עס פירט זיך ביי אידן.

אירע רייד זיינען אים געפעלן געוואָרן. ער האָט אויף איר פאָרשלאג איינגעשטימט און זיי האָבן געשוואָרן טרייע ליבע.

— אָבער ווער וועט זיין אָן עדות אויף אונזער אָפּמאך? — האָט ער געפרעגט.

אין דעם אויגנבליק איז פארביי געלאָפן א קאַץ. האָט די מיידל געענטפערט:

— אָט די קאַץ און דער ברונעם וועלן זיין אונזערע עדות, אז מיר וועלן האלטן אונזער שבועה.

נאָכדעם, אז ער האָט איהר געצייגט דעם ריכטיקן וועג צו גיין אהיים, זיינען זיי זיך צעגאַנגען. ער איז אוועק זיין וועג און האָט צוגעזאָגט צו קומען צו איר, און זי איז אוועק אהיים.

דאָס מיידל האָט געוואַרט אויף איר געליבטן א לאַנגע צייט, אָבער ער איז ניט געקומען. ער האָט פאַרגעסן אָן איר. גלייך ווי ער האָט זיך פון איר געשיידט האָט זיך זיין ליבע אויסגעלאָשן. און א קורצע צייט שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער.

דאָס מיידל איז אָבער געבליבן טריי צו אים און האָט בשום אופן ניט געוואָלט הערן פון אַן אַנדער שידוך. און אַז א יונגער מאַן פלעגט איר זיך ערקלערן אין ליבע, פלעגט זי זיך מאַכן משוגע, שרייען און רייסן אויף זיך אירע קליידער און די קליידער פון יעדן וואָס פלעגט איר אָנרירן. אזוי האָט זי באַקומען א נאָמען פאַר א משוגענע מויד, און יונגע לייט האָבן אָנגעהויבן צו וויכן פון איר.

דער יונגער כהן וואָס האָט זיין שבועה פאַרגעסן, האָט קיין גליקליכן לעבן ניט געהאַט מיט זיין פרוי. זי האָט אים געבוירן איין קינד, האָט עס א קאַץ דערשטיקט צו דריי חדשים. זי האָט געבוירן א צווייטן קינד, איז דאָס דערטרונקען געוואָרן אין ברונעם. האָט צו אים זיין פרוי געזאָגט:

— ווען אונזערע קינדער וואָלטן געשטאָרבן מיט א נאַטירלאַכן טויט, ווי אַלע מענטשן שטאַרבן, וואָלט איך זיך געטראַכט: אזוי איז גאָטס ווילן, אָבער אַז זיי זיינען געשטאָרבן מיט אַזעלכע מיתות משונות, מוז דאָ זיין עפּעס אין דעם. אפשר איז דאָס פאַר מיינע זינד, און אפשר פאַר דיינע. לאָמיר נאָכזוכן.

דער יונגער מאַן האָט א זיפץ געטאָן און האָט איר דער-

ציילט די געשיכטע פון יענער מיידל, וואָס ער האָט געליבט און פאַרגעסן. האָט זיין ווייב געזאָגט:

— אָט איצט פאַרשטיי איך, אַז אונזערע קינדער זיינען אומגעקומען פאַר דיין זינד, די קאַץ און דער ברונעם זיינען עס די עדות פון דיין שבועה, וואס דו האָסט ניט געהאַלטן. איצט מוזן מיר זיך גט'ן, און דו גיי און נעם די וועלכע איז דיר פון גאָט באַשערט.

נאָך דער שיידונג איז דער יונגער מאַן אוועק אין דער שטאָט וואו זיין געוועזענע כלה האָט געוואוינט און זיך נאָכגעפרעגט אויף איר. האָט מען אים געזאָגט, אַז זי איז משוגע געוואָרן. איז ער אוועק צו איר פאָטער און האָט אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע און געזאָגט, אַז ער איז באַרייט מיט איר חתונה צו האָבן אפילו מיט איר פעלער. ווען דער פאָטער האָט אים אריינגעפירט צו דער טאָכטער, האָט זי דעם יונגן מאַן ניט דערקענט, און מיינענדיק, אַז דאָס איז אַן אַנדער חתן, וואס איר פאָטער שדכנ'ט איר, האָט זי גענומען רייסן אויף זיך די קליידער און מאַכן זיך משוגע. האָט דער יונגער מאַן גענומען איר דערמאָנען ווער ער איז, און די קאַץ און דעם ברונעם, האָט זי אים דערקענט, און ארויסגעוויזן זיך קלאָר ביים פאַרשטאַנד, נאָר זי האָט זיך געמאַכט משוגע, כדי זי זאָל ניט זיין געצווונגען חתונה האָבן מיט אַן אַנדערן און ברעכן די שבועה.

קורץ נאָכדעם האָבן זיי חתונה געהאַט און געלעבט זייער גליקלאַך.

———:———

רעספעקט און געדולד.

א.

אלע מענטשן זיינען אין גאָטס געשטאַלט.

דער גרויסער תנא רבי אליעזר האָט איינמאָל געמאכט א רייזע אין א ווייטן וועג, רייטנדיק אויף אן אייזל. קומענדיק נאָענט פון א שטאָט, האָט ער ביי א ברעג טייך באמערקט א מענטשן, וועלכער האָט געהאט זייער א מיאוס׳ן פנים. דער פרעמדער האָט באמערקט, אז רבי אליעזר איז א געלערנטער מאן, האָט ער אים באגריסט מיט די ווערטער: „פרידן צו אייך, רבי!“

אָבער רבי אליעזר האָט אים ניט צוריק געגריסט, נאָר ער האָט צו אים מיט א געלעכטער געזאָגט:

— ווי שרעקלאך מיאוס איר זייט! איך האָב מורא, אז אלע מענטשן פון אייער שטאָט זיינען אזוי מיאוס ווי איר.

— איך ווייס ניט, — האָט דער מאן געענטפערט — אָבער וואָס האָט איר צו מיר טענות? גייט צו דעם באשעפער, וואס האָט מיך באַשאַפן און זאָגט אים וואָס פאר א מיאוסע כלי ער האָט געמאכט!

רבי אליעזר האָט געזען, אז ער האָט באַגאַנגען אן אומרעכט געגן דעם אומגליקלאכן מאן, און עס האָט אים שטארק פארדראָסן, וואס ער האָט דעם מאן פאַרשעמט. רבי אליעזר איז גלייך ארונטער פון זיין אייזל, האָט זיך געבוקט פאר דעם מאַן און געזאָגט:

— איך גיב צו, אז איך האָב באגאנגען אן אומרעכט געגן דיר. זיי מיר מוחל!

— איך וועל דיר ניט מוחל זיין, — האָט דער מאן געזאָגט,
— ביז דו וועסט ניט גיין צו דעם באַשאַפער און אים זאָגן ווי מיאוס ער האָט מיך געמאכט!

רבי אליעזר האָט אים ניט אָפּגעלאָזן און איז אים נאָכגע־גאַנגען דעם גאַנצן וועג ביז זיי זיינען אָנגעקומען נאָענט פון דער שטאָט. די שטאָט־לייט האָבן זיך דערוואוסט, אז דער גרויסער תנא רבי אליעזר קומט, זיינען זיי ארויס אנטקעגן אים צו באַ־גריסן, און ווער עס האָט אים געזען, האָט געזאָגט: „פרידן צו אייך, רבי!"

ווען דער מאן מיט'ן מיאוס'ן פּנים האָט דערהערט, אז מען רופט זיין באַגלייטער „רבי", האָט ער געזאָגט צו די שטאָט־לייט:

— וועמען רופט איר רבי? אָט דעם שלעכטן מענטשן מיט דער בייזער צונג? זאָלן ביי אידן אזעלכע מענטשן גאָר ניט גע־בוירן ווערן!

— פאַרוואָס? — האָבן די שטאָט־לייט געפרעגט.

— ער האָט מיך באַליידיקט — האָט דער מאן געזאָגט און דערציילט די גאַנצע געשיכטע.

— זייט אים דאָך מוחל, — האָבן די שטאָט־לייט געבעטן — ער איז א גרויסער מאן.

— צוליב אייך וועל איך אים מוחל זיין — האָט דער מאן מיט'ן מיאוס'ן פּנים געזאָגט — אבער מיט דעם תנאי, אז ער זאָל מער צו קיינעם אזוי ניט ריידן.

און זייט דאַן האָט רבי אליעזר זיך געהיט צו צייגן רעס־פּעקט פאַר יעדן מענטשן.

ב.

די שטראָף פאַר באַליידיקן.

רב האָט זיך איבערגערעדט מיט א קצב. אז ס'איז געקומען ערב יום כפור און דער קצב איז אים ניט געקומען בעטן מחילה, איז רב אוועק צום קצב, אים איבערצובעטן.

אויפ'ן וועג האָט אים באַגעגנט רב הונא, און האָט געפרעגט רב'ן וואו ער גייט איצט.

— איבערבעטן דעם און דעם קצב. — האָט רב געענטפערט.

— ניין, — האָט רב הונא געזאָגט — דער רבי גייט אים גאָר ברייינגען דעם טויט. ווייל ער וועט דיך באַליידיקן און גאָט וועט אים באַשטראָפן.

האָט אים רב ניט געהערט און אוועק צום קצב. האָט ער געטראָפן דעם קצב האַקנדיק א קאָפּ.

זאָגט צו אים רב:

— זיי מיר מוחל!

— גיי, — האָט דער קצב אויסגעשריען — איך האָב מיט דיר ניט קיין עסק.

און אַזוי ריידנדיק און האַקנדיק, האָט א ביין א זעץ גע־טאָן מיט אַזא קראַפט דעם קצב אין קאָפּ, אַז ער איז געפאַלן טויט.

ג.

ווי ווייט מען דאַרף זיין געדולדיק.

אַמאָל איז געווען א פרומער מאַן מיט'ן נאָמען פלימו. פלעגט ער יעדן טאָג זיך רייצן מיט'ן שטן, זאָגנדיק:

— בלייענע קוילן דיר אין דיינע אויגן, דו שטן! איך האָב פאַר דיר קיין מורא ניט!

איינמאָל, אום ערב יום־כפור, האָט זיך דער שטן פאַרשטעלט פאַר אן אָרימאַן, איז געקומען צו פּלימו׳ן ביים טיר און געבעטן מען זאָל אים געבן עפּעס צו עסן. האָט מען אים ארויסגעטראָגן עסן.

— היינט איז א טאָג, ווען אלע עסן אינווייניק און איך דאַרף עסן אין דרויסן. — האָט זיך דער אָרימאַן באַקלאָגט.

פּלימו האָט געהייסן מען זאָל אים אריינלאָזן אין הויז און מען האָט אים געגעבן צו עסן ערגעץ אין א ווינקל.

— אלע עסן היינט צוזאַמען ביי איין טיש און איך עס איי־נער אליין, — האָט דער אָרימאַן זיך ווידער באַקלאָגט.

האָט מען אים אַוועקגעזעצט ביים טיש מיט דער גאַנצער הויזגעזינט צוזאַמען.

אין אן אויגנבליק איז דער אָרימאַן באַדעקט געוואָרן מיט קרעץ און בלאָטערן, און ער האָט זיך אויפגעפירט אזוי, אז יעדן האָט געעקלט דער עסן.

איך בעט דיך, פיר זיך אויף אנשטענדיק, — האָט פּלימו זיך געבעטן ביים אָרימאַן.

— גיט מיר א בעכער, — האָט דער אָרימאַן געזאָגט.

און אז מען האָט אים דעם בעכער געגעבן, האָט ער אין דעם אָנגעשפּיגן. פּלימו האָט אויף אים אָנגעשריען, האָט זיך דער אָרימאַן געמאַכט אזוי ווי ער איז פאַר שרעק געשטאָרבן. איז באַלד געוואָרן א געשריי אין גאַס:

— פּלימו האָט גע׳הרג׳עט א מענטשן!

איז פּלימו אנטלאָפן, האָט זיך באַהאַלטן אויסער׳ן שטאָט און געוויינט, וואָס ער האָט אומגעבראַכט א מענטשן.

דער שטן, זעענדיק, אז פלימו האָט גרויסע יסורים, איז ער צו אים געקומען און האָט אים אויסגעזאָגט ווער ער איז.

— דו האָסט מיך ניט געדארפט שילטן, — האָט דער שטן געזאָגט, — דו האָסט געדארפט בעטן גאָט, אז ער זאל מיך דער־ווייטערן פון דיר. פון דאמאָלט אָן האָט פלימו שוין מער זיך ניט געררייצט מיט'ן שטן, און האָט געוואוסט, אז א מענטש קען שטענדיק דורכפאלן.

מסירה (פאַרראַט)

א.

מען טאָר ניט איבערגעבן.

אין ארץ ישראל איז געווען א מאַן מיט דעם נאָמען עולא בר קושב. האָט די קעניגין איינמאָל פון אים פארלאנגט, ער זאָל גיין פאַר איר א שליחות און ער האָט איר ניט געפאָלגט. האָט אים די מלכה דערפאר פאר'משפט צום טויט.

איז עולא בר קושב אנטלאָפן און זיך באהאלטן ביי ר' יהושע בן לוי, אין דער שטאָט לוד. אָבער די באַאַמטע פון דער מלכה האָבן אויסגעפונען וואו דער אנטלאָפענער באהאלט זיך, און זיי האָבן געזאָגט צו די שטאָט־לייט:

— אויב איר גיט אונז ניט איבער דעם אנטלאָפענעם, וועלן מיר אויס'הרג'ענען אלע אידן פון דעם אָרט.

איז ר' יהושע בן לוי געגאנגען צו עולא בר קושב, און אים מיט גוטע רייד געבעטן ער זאָל אים מוחל זיין, פארוואָס ער מוז אים איבערגעבן, ווייל עס איז בעסער אז א יחיד זאָל אומקומען איידער מען זאָל אויס'הרג'ענען א שטאָט מיט אידן. און נאָכדעם האָט ער עולא'ן איבערגעגעבן צו די באַאַמטע.

איידער די געשיכטע האָט געטראָפן, פלעגט אליהו הנביא זיך אָפט טרעפן מיט ר׳ יהושע בן לוי, אבער נאָכדעם ווי ר׳ יהושע האָט עולא׳ן איבערגעגעבן צו דער רעגירונג, האָט אליהו אויפגעהערט צו איהם צו קומען.

האָט ר׳ יהושע בן לוי געפאסט דרייסיק תעניתים כדי אליהו זאָל צו אים ווידער קומען. נאָך די תעניתים האָט זיך אליהו צו אים באוויזן און אז ר׳ יהושע בן לוי האָט אים געפרעגט פאר וואָס ער האָט אויפגעהערט צו קומען, האָט אליהו געענטפערט:

— וואָס ווילסטו? איך זאָל קומען צו אַ מענטשן וואָס גיט איבער א אידן אין גוי׳שע הענט?

— איך האָב געטאָן ווי דער דין איז — האָט ר׳ יהושע זיך גענומען פארענטפערן — אין א משנה האָבן מיר געלערנט, אז ווען גוים פאָדערן אַז זיי ווילן האָבן א געוויסן איינצעלנעם אידן פון א גרופע, און אויב ניט וועלן זיי אומ׳הרג׳ענען די גאנצע גרופע, מעג מען ארויסגעבן דעם יחיד, אום צו פארהיטן די לעבנס פון דער גאנצער גרופע.

— דער דין קען זיך זיין אזוי, — האָט אליהו אים געענט־פערט — אָבער דו האָסט פאר קיין פאל דאָס ניט גדארפט טאָן. בעסער זאָלן אלע אומקומען איידער אידן זאָלן מיט זייערע איי־גענע הענט איבערגעבן זייערן א ברודער אין גוי׳שע הענט.

ב.

זאָל קומען דער בעל הבית אליין.

רבי אלעזר ברבי שמעון האָט איינמאָל געטראָפן א באַאמטן פון דער מלוכה, וואס פלעגט כאפּן גנבים. האָט אים ר׳ אלעזר געפרעגט:

— זאָג מיר, אז דו כאפסט איינעם, פון וואנען ווייסטו, אז ער איז א גנב? אפשר כאפסטו גאָר גאנץ אומשולדיקע מענטשן און די אמת'ע גנבים לאָזטו גיין, ווייל זיי ווייסן גוט ווי זיך אויסצובאַהאַלטן?

— וואָס קען איך העלפן? — האָט דער באאמטער געענט־פערט — איך בין אַ דינער ביים קעניג און איך מוז עפּעס אויפ־טאָן אין מיין דינסט.

— קום, איך וועל דיך לערנען ווי דו זאָלסט זיך באגיין, — האָט ר' אלעזר געזאָגט. — גיי אַריין אין א רעסטאָראנט אום האלבן טאָג, די צייט ווען מענטשן קומען דאָרט עסן און טרינקען, און האלט דיינע אויגן אָפן אויף די מענטשן וואס זיצן דאָרט. ווען דו זעסט אימיצן טרינקען ווייַן און ער האלט דעם בעכער אין האנט און דרעמלט, זאָלסטו גלייך וועגן אים זיך נאָכפרעגן צי איז ער א בן־תורה, און ער שטייט אויף זייער פרי לערנען. אויב ער איז דאָס ניט, זאָלסטו נאָכפרעגן צי ער איז א נאכט אר־בעטער. און אויב דאָס אויך ניט, דאמאָלט קענסטו זיין זיכער, אַז ער איז א גנב און דו מעגסט אים כאפּן.

דעם באַאמטן איז דער פּלאַן זייער געפעלן געוואָרן און ער האָט זיך אזוי אָנגעהויבן פירן. אין א צייט ארום האָט פון דעם געהערט דער קעניג און ער האָט געשיקט אַ באַפעל צו ר' אלעזר מיט די ווערטער:

— דער וואָס קען געבן אזא קלוגן פּלאַן, זאל אליין דעם פּלאַן דורכפירן.

האָט מען ר' אלעזר'ן געבראכט פאר'ן קעניג און אים אי־בערגעגעבן דעם אמט צו כאפּן גנבים.

ר' אלעזר האָט זיין אמט ריכטיק אָפּגעהיט און געכאַפּט פיל גנבים.

איינמאָל האָט צו אים געשיקט ר׳ יהושע בן קרחה א שליח מיט די ווערטער:

— דו עסיק, זון פון ווייַן! (דו רשע, דער זון פון א צדיק!) ביז וואנען וועסטו איבערגעבן מענטשן פון גאָט׳ס פאָלק צו דער הריגה?

האָט ר׳ אלעזר אים אָפּגעשיקט אן ענטפער:

— די דערנער ראָט איך אויס פון דעם אידישן גאָרטן.

האָט אים ר׳ יהושע צוריקגעשיקט א תשובה:

— וואָס האָסטו צו טאָן מיט דעם גאָרטן? זאָל קומען דער בעל-הבית פון גאָרטן און אליין אויסראָטען די דערנער.

האָט ר׳ אלעזר זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און געבעטן דעם קעניג ער זאָל אים באפרייען פון דעם אמט.